UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 16 22 04 07 017 4

961



פֿערלאַג-געזעלשאַפֿט „בילדונג".

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

פֿערפֿאַסט פֿון

## א. באָגדאַנאָוו.

איבערזעצט אויס'ן רוססישען

דורך

### בעל ברית.

צווייטע אויסגאַבע

וואַרשא. תרס"ד.
דרוק' ש. ב. דאַנדאָ, נאַלעווקי 34

Политическая экономiя
соч. А Богданова.
Переводъ съ русскаго.
Изд. книгоиздательскаго товарищества „БИЛДУНГЪ"
II-ое изданiе.
ВАРШАВА 1904.
Типографiя Ш. Б. Ландэ. Налевки 34.

Дозволено цензурою
Варшава, з Февраля 1904 года.

LIBRARY
AUG 1 9 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

# אַלְגֶעמֵיינֶע בֶּגְרִיפֶע.

## 1

## מִיט וָואס בֶּעשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ דִּי עֶקָאנָאמִישֶׁע וִויסֶענְשַׁאפְט?

---

אום צו לעבען אויף דער וועלט מוז דער מענש פיהרען אַ שטענדיגען אונאויפהערליכען קאַמפף פיר זיין עקזיסטענץ, אַ קאַמפף אום דאַזיין, ווי דאָס הייסט. כדי צו בעפריעדיגען זיינע בעדירפניסע מוז דער מענש ־ אַרבייטען, אויסנוטצען זיין ארבייטס־קראַפט פיר אַ בעשטימטען צוועק. די אַרבייט, וועלכע ווערט געטהון נור אום צו בעפריעדיגען די פערזענליכע בעדירפ־ניסע פון יעדען איינציגען, צב"ש. עססען, זיך קליידען א. ז. וו., ווערט אָנגערופען  א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל (יחידות)־נ ו ט צ ל י כ ע  אַ ר ב י י ט. די אַרבייט אָבער דורך וועלכע עס ווערען בעפריע־דיגט די בעדירפניסע פון דער גאַנצער געזעלשאַפט (כְּלָל) רופט זיך  ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל י כ ע  אַ ר ב י י ט. דערביי איז ניט קיין נַפְקָא מִינָה, צו דער מענש האָט אין זיננען מיט זיין אַרבייט דער געזעלשאַפט נוטצען ברענגען, צו די נוטצען קוממען בְּמֵילָא, אָהן זיין ווילען. למשל, די אַרבייט פון אַ שקלאַף, וועלכער האָרעוועט נור אום קיין קלעפ ניט צו קריגען, אָדער די אַרבייט פון אַ לאָהן־אַרבייטער, וועלכער אַרבייט נור אום פון הונגער ניט צו שטאַרבען, איז געזעלשאַפטליך־נוטצליך, ווענן דורך איהר ווערען בעפריעדיגט די בעדירפניסע פון אַנדערע מענשען. די עקאָנאָמישע וויססענשאַפט האָט נור צו טהון מיט דער אַרבייט, וועלכע איז געזעלשאַפטליך־נוטצליך, דערביי איז אַלץ אֵיינס, וועלכען אָרט בעדירפניססע זי

בעפֿריעדיגט , װיכֿטיגע צו ניט װיכֿטיגע , נאַטירליכֿע צו געקונסטליכֿטע ; די אַרבײט פֿון בױער און יובֿיליער , פֿון לעהרער און משרת אונטערשײדען זיך ניט אין דער הינזיכֿט .

אַנשטאָט דעם אױסדרוק „געזעלשאַפֿטליך־נוטצליכֿע־אַרבײט" קענן מען בענוטצען דאָס װאָרט „פּראָדוקציאָן" .

אין דער װיססענשאַפֿט װערט די פּראָדוקציאָן בעטראַכֿט פֿון צװײ זײטען : פֿון איהר טעכֿנישער זײט און איהר געזעלשאַפֿטליכֿער .

אום צו פּראָדוצירען , אױסאַרבײטען פּראָדוקטען , טרעט אַרײן דער מענש אין געװיססע בעציהונגען צו דער נאַטור , ער װירקט אויף איהר , ער בעאַרבײט איהרע רױהע מאַטריאַל , בענוצט זיך מיט איהרע קרעפֿטען און פֿערענדערט איהר לױט זײן ציעל . אָט די בעציהונגען פֿון מענשען צו דער אױסערליכֿער נאַטור בילדען די טעכֿנישע זײט פֿון דער פּראָדוקציאָן , דערמיט בעשעפֿטיגען זיך טעכֿנישע־ און נאַטור־װיססענשאַפֿטען , װי מעכֿאַניק , טעכֿנאָלאָגיע מאַטעמאַטיק (חָכְמַת הַחֶשְׁבּוֹן) . פֿיזיק (חָכְמַת הַטֶבַע) חעמיע , ביאָלאָגיע א. ז. װ.

די געזעלשאַפֿטליכֿע־זײט פֿון דער פּראָדוקציאָן דריקטט זיך אױס אין די בעציהונגען פֿון אײן מענשען צום צװײטען , בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ , אין דער צײט פֿון אױסאַרבײטען די פּראָדוקטען . מענשען אַרבײטען אײנער פֿיר'ן צװײטען , פֿיר'ן גאַנצען כלל , לֶבֶן געפֿינען זײ זיך אין אַ געזעלשאַפֿטליכֿע פֿערבינדונג צװישען זיך , זײ זײנען בְּחַבְרוּתָא אין דעם אַללגעמײנעם קאַמפּף מיט דער נאַטור . דיעזע געזעלשאַפֿטליכֿע פֿערבינדונג נעהמט אָן אין פֿערשידענע צופֿאַללען פֿערשידענע פֿאָרמען , װעלכֿע דריקען זיך אױס אין פֿאָלגענדע הױפּט אַרטען : א ײ נ פֿ אַ כֿ ע ק אָ אָ פּ ע ר אַ צ י אָ ן , װענן אַרבײטער טהוען צוזאַממען אײנע און די זעלבע גאַנצע אַרבײט ; ט ה ײ ל ו נ ג פֿ ו ן ד ע ר אַ ר ב ײ ט , װענן פֿערשידענע טהײלען פֿון אײן סאָרט אַרבײט װערען געטהון דורך בעזונדערע אַרבײטער .

די עקאָנאָמישע װיססענשאַפֿט בעהאַנדעלט דערהױפּט נור די געזעלשאַפֿטליכֿע־זײט פֿון דער פּראָדוקציאָן , די בעציהונגען פֿון מענשען צװישען זיך , אָבער ניט די טעכֿנישע , די בעציהונגען פֿון מענשען צו דער אױסערליכֿער נאַטור .

די פּראָדוקציאָן וואָלט ניט געווען געזעלשאַפֿטליך־נוצליך, ווענן די פּראָדוקטען, וועלכע ווערען אויסגעאַרבייט, וואָלטען ניט פֿערטהיילט ווערען צווישען די מיטגליעדער פֿון געזעלשאַפֿט אונ דורך זיי פֿערברויכט ווערען. די פֿערטהיילונג קוממט פֿאָר אויף פֿערשיעדענע אופנים, זיי דריקען זיך אוים אין געוויססע בעציהונגען, וועלכע שטעללען זיך איין צווישען די מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט אין דער הינזיכט. הויפּטזעכליך איז אונטערצושיידען:

1) דירעקטע אָדער אָרגאַניזירטע פֿערטהיילונג, ווען אַיין רצון פֿון אַיחיד אָדער קָהָל בעשטיממט די חֲלָקים פֿון די אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען יעדעם אַיינציגען פֿון דער געזעלשאַפֿט, למשל ווען דער האַרר פֿערטהיילט די פּראָדוקטען צווישען זיינע שקלאַפֿען, אָדער ווענן דער געמיינדע־ראַטה (וַעַד־הַקָהָל) פֿון דער אוראַלטער שְׁבָטִים־געזעלשאַפֿט בעשטיממט די פֿערברויכס־מיטטלען צווישען איהרע מיטגלידער.

2) אונדירעקטע, ניט אָרגאַניזירטע אָדער טוישונג (חֲלוּפִין), ווען די פּראָדוקטען געהען דורך אַייניגע האַנד אַיידער זיי קוממען אָן צום פֿערברויכער, למשל: דער פֿאבריקאַנט פֿערקויפֿט דעם סוחר, דיעזער דעם קרעמערעל אונ פֿון לעצטען בעקוממט ערשט דעם פּראָדוקט דער פֿערברויכער.

די פֿאָרשונג פֿון די געזעלשאַפֿטליכע בעציהונגען צווישען די מענשען אונ פֿערטהיילונג פֿון די פּראָדוקטען געהערט אויך צו דער עקאָנאָמישער וויססענשאַפֿט.

די געזעלשאַפֿטליכע בעציהונגען ווי אין דער פּראָדוקציאָן אַזוי אויך אין דער פֿערטהיילונג ענדערען זיך שטענדיג, ווי אלץ אין דער נאַטור. אין זייער פֿערענדערונג דריקט זיך אוים די פֿאָרשריטטע (פּראָגרעס) אָדער צוריקגאַנג (רעגרעס) פֿון דער מענשהייט, דער נִצָחוֹן פֿון מענשען איבער דער נאַטור, אָדער פֿאַרקעהרט דער זיעג פֿון דער נאַטור איבער דער מענשהייט. עס איז געווען אַמאָהל אַ צייט, ווען מענשען האָבען געלעבט אין קליינע איינג פֿערבונדענע געמיינדען (קְהִלּוֹת), וועלכע זיינען געווען אונאַבהענגיג איינע פֿון די צווייטע.

דאַמאָלס זיינען די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען געווען גאָר שמאָל און איינפֿאַך און די פֿערטהיילונג איז געווען אַ דירעקטע, אָרגאַניזירטע. יעצט איז די מענשליכע געזעלשאַפֿט זעהר גרויס, די עקאָנאָמישע בעציהונגען אין איהר זיינען זעהר פֿערוויקעלט און פֿיעלפֿאַכיג. נאָר די פֿערגאַנגענהייט און געגענוואַרט (עָבר און נוכח) זיינען פֿעסט פֿערבונדען צווישען זיך, צוזאַממענגעשלאָססען מיט דער קייט פֿון אונאויפֿהערליכער ענטוויקלונג.

די פֿאָרשונג פֿון דער ענטוויקלונג פֿאָרווערטס און דעם צוריקגאַנג (רעגרעס) בילדעט דעם עיקר, דעם תּוך פֿון דער וויססענשאַפֿט, ווייל די וויססענשאַפֿט איז איינס פֿון דעם מענשהייטס-געוועהר אין קאַמפּף פֿאַר לעבען, פֿאַר ענטוויקלונג.

יעצט קענען מיר שוין גענוי בעשטיממען, מיט וואָס בעשעפֿטיגט זיך די עקאָנאָמישע וויססענשאַפֿט: דאָס איז אַ וויססענשאַפֿט, וועלכע פֿאָרשט די געזעלשאַפֿטליכע בעציהונגען אין דער פּראָדוקציאָן און פֿערטהיילונג, און זייער פֿערענדערונגען, זייער ענטוויקלונג און צוריקגאַנג (פּראָגרעס און רעגרעס).

## 2.

# פּראָדוקציאָן.

אַזוי ווי אַרבייטען הייסט אויסנוטצען די אינגערליכע מענשליכע קראַפֿט פֿאַר אַ בעשטימטען צוועק, דאַרום איז קודם כּל נויטהיג צו ערקלערען פֿאָלגענדעס: 1-טענס, צוליעב וואָס פֿאַר אַ צוועק און ווי אַזוי ווערט אויסגענוצט די אַרבייטס-קראַפֿט (די קוואַליטעט, די מעלות פֿון דער געזעלשאַפֿטליך-גוטצליכע אַרבייט); 2-טענס, ווי גרויס די אויסנוטצונג איז (די קוואַנטיטעט, די מאָס פֿון דער אַרבייט); 3-טענס, אויף וויפֿיעל דער צוועק איז ערדייכט (דער פּועל היוצא, די פּראָדוקטיווקראַפֿט פֿון דער אַרבייט).

## א. די קוואַליטעט, די מעלות פון דער געזעלשאַפטנוטצליכע אַרבייט.

ווען איינער בעשעפטיגט זיך מיט ערד־אַרבייט, דער צווייטער — מיט בעאַרבייטען מעטאַלען, אַ דריטטער — מיט געהרעריי א. ז. וו., האָט יעדער פון זיי אין דעם אַ בעזונדערען צוועק, ער לייגט אַוועק זיין אַרבייטס־קראַפט אויף אַ נ'אַנדער אופן, ווי די איבּריגע. אָט די פערשיעדענהייט אין דער ריכטונג פון אויסנוטצונג די אַרבייטס־קראַפט בילדעט די פערשיעדענע מעלות פון דער געזעלשאַפטליך נוטצליכע אַרבייט.

די מעלות פון דער אַרבייט בייטען זיך צוזאַממען מיט דער ענטוויקלונג פון די געזעלשאַפטליכע בעדירפניסע. די אַרבייט אין דער אוראַלטער געזעלשאַפט, בעת די בעדירפניסע זיינען נאָך זעהר וועניג און איינפאַך, איז אויך איינפאַך: יאַגד נאָך ווילדע חיות, קלייבען פרוכטען א. ד. גל.. אין דער היינטיגער פיעל ענטוויקעלטער געזעלשאַפט, ווען די בעדירפניסע זיינען אַזוי ענטוויקעלט און גרויס, איז די אַרבייט אויך פיעלפאַכיג און פערשידען.

די מעלות פון דער אַרבייט ווענדען זיך אויסער דעם פון די מאַטעריאַלען און געווערקצייג, מיט וועלכע דער מענש אַרבייט. די אַרבייט פון אַ ווילדען, וועלכער בענוצט זיך מיט אַ שטיין אָדער אַ שטעקען, שיידעט זיך אונטער מיט איהרע מעלות פון דער אַרבייט פון אַ היינטיגען אַרבייטער, וועלכער בענוצט זיך מיט אַ דאַמפף־מאַשין.

אָם. לעצטען ווירקט אויף די מעלות פון דער אַרבייט אויך דאָס, אויף וויפיעל די אַרבייט אין דער געזעלשאַפט איז ספּעציאַליזירט, צב״ש אין דער אוראַלטער געמיינדע אָדער נאָך היינט אין פערוואָרפענע דערפער, וואו יעדער טוהט אַליין אַללע אַרטען אַרבייט, אַקקערט, בויט זיך אַ הויז, נאָהט זיך קליידער א. אז. וו., קענען די אַרבייט ניט זיין אַזוי פיעלפאַכיג און פערשיעדען,

ווי אין אַ גרויסע שטאָדט מיט ספּעציעלע האַנדווערקער, בַּעֲלֵי־מְלָאכוֹת, אויף יעדער אַרט אַרבייט.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז די געזעלשאַפטליך־נוצליכע אַרבייט איז אין איהרע מעלות זעהר פערשידען, דאָך קענען מיר פערשידענע סאָרטען אַרבייט פערגלייכען צווישען זיך; דְהַיינוּ, מיר זאָגען, דער שמיד אַרבייט מעהר פון שוסטער, דאָס בוך האָט אין זיך מעהר אַרבייט ווי די מאַשין א. ד. גל., ווייל יעדע אַרבייט בעשטעהט בִּכְלַל פון מאַרך, נערוועץ, מוסקעלן, בלוט, וועלכע דער מענש נוצט אוים אַרבייטענדיג, דאַרום קענען זיי ווערען פערגלייכט מיט אַ צווייטער ארבייט נאָכ׳ן מאָסס אויסגענוצטע קראַפט.

## ב. דִי קְוַואַנְטִיטֶעט, דִי מָאס פוּן דֶער גֶעזֶעלְשַׁאפְטְלִיכֶער אַרְבֵּייט.

I. די מאָס אַרבייטס־קראַפט, וועלכע די געזעלשאַפט נוצט אוים אין קאַמפּף מיט דער נאַטור, הייננט אָב פריהער פון אַלץ פון דעם, ווי גרויס די געזעלשאַפט איז, פון צאָהל אַרבייטס־פאָהיגע אין איהר. די אוראַלטע קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, וועלכע איז בעשטאַנען אין גאַנצען פון עטלעכע צעהנדליגער אָדער הונדערטער מענשען, האָט שוין צוליעב דעם גופא געמוזט ארויסגעבען מיט צעהנדליג־טויזענד מאָהל וויניגער אַרבייט, ווי די היינטיגע פיעלצאָהליגע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. נאָר זאָגען, ווי גרויס די געזעלשאַפט איז, הייסט נאָך ניט בעשטיממען די ריכטיגע מאָס פון דער אַרבייט, וועלכע זי קענען ארויסגעבען, דען ניט אַללע מיטגלידער נעהמען אַנ׳אַנטהייל אין דער פראָדוקציאָן. יונגע קינדער אונ אַלטע לייט זיינען גאָר ניט פאָהיג צו דער אַרבייט, דאָס גלייכע — קראַנקע; אויסער דעם, געפינען זיך אין דער געזעלשאַפט אזוינע, וועלכע צוליעב געוויססע בעדינגונגען בעשעפטיגען זיך מיט גאָר נישט... אויף אַזאַ אופן איז די צאָהל געזעלשאַפטליכע פראָדוצירער־אַרבייטער

פערקליינערט און בּמילא אויך די מאָס אַרבּייט, וועלכע די געזעללשאַפט קען אַרויסגעבען.

II. אויף די מאָס אַרבּייט פון דער געזעלשאַפט ווירקט אויך די צייט, וויפיעל יעדער אַרבּייטער איז פערנומען אין דער פּראָדוקציאָן. און דאַרום, וואַהרשיינליך, וואָס מעהר אַרבּייטס-טאָג אין יאָהר זיינען דאָ און וואָס לייגגער דער אַרבּייטס-טאָג איז, דאָס גרעססער איז די מאָס געזעלשאַפטליכע אַרבּייט.

III. פאַר די מאָס אַרבּייט האָט זעהר אַ וויכטיגע בעדייטונג די אָנשטריינגונג פון די אַרבּייטער. מיר זעהען, ווי איינע און די זעלבּע אַרבּייט ווערט אַרויסגעגעבען אין דער זעלבער צייט פון איינעם מעהר און פון אַ צווייטען ווענינער. דהַינו, איין ערד-גראָבער גראָבּט אויס צוויי קוּבּיק אַרשין, ווען אַ צווייטער אין דער זעלבער צייט מיט די זעלבּע ווערקצייג — מעהר ניט ווי איינעם, ווייל זיי אַרבּייטען ניט מיט אַ גלייכע אָנשטריינגונג, ניט גלייך אינטענסיוו, ווי דאָס הייסט. דאַרום קען מען זאָגען, אַז די מאָס אַרבּייט ווענדעט זיך אָן די אָנשטריינגונג, אינטענסטאָט פון די אַרבּייטער.

די אינטענסטאָט פון די אַרבּייטער ווענדעט זיך אָן פיעל פערשיעדענע בעדינגונגען.

דער אַרבּייטער וועט טהון אינטענסיווער, פלייסיגער, וואָס שטאַרקער ער איז, וואָס געזונדער און וואָס מעהר געוואָהנט ער איז ענערגיש צו אַרבּייטען.

אַ צו לאַנגער אַרבּייטס-טאָג שוואַכט אָב די קראַפטען פון אַרבּייטענדען, שאַדט זיין געזונד און פערקלענערט אויף אַזאַ אופן די אינטענסטאָט פון דער אַרבּייט. מען האָט בעמערקט, אַז פערקירצענדיג דעם אַרבּייטס-טאָג ווערט די מאָס אַרבּייט פון דעסטוועגען נאָך גרעסער אָדער יעדענפאַלס ניט קלענער, ווי פריהער. אַ 12 שָׁעה'דיגער אַרבּייטס-טאָג האָט אין זיך מעהר אַרבּייט, ווי אַ 14-15 שעה'דיגער, אַ 10 שעהדיגער — מעהר ווי אַ 12 שעה'דיגער.

דאָס פיר די איינטענסטאָט פון דער אַרבּייט איז נויטיג

די געזונדהייט איז אַללעם בעוואוסט. דער הויכער גראַד איני־
טעננסטאַט פון די ענגלישע אַרבייטער ערקלערט זיך הויפט־
זעכליך דורך די ענטוויקעלטע געוואָהנהייט ביי זיי צו דער
אַרבייט. פון דור צו דור איז די געוואָהנהייט ביי זיי געוואַקסען
אונ האָט זיך פערשטאַרקט.

אויף די אינטענסטאַט האָט אַ גרויסע ווירקונג דער
בילדונגס־צושטאַנד פון די אַרבייטער, וואָס געבילדעטער
די אַרבייטער זיינען, דאָס אינטענסיווער איז זייער אַרבייט, צב"ש
די אַמעריקאַנישע אַרבייטער, וועלכע זיינען גייסטליך הויך
ענטוויקעלט, אַרבייטען אַ סך אינטענסיווער, ווי די רוססישע
אַרבייטער.

די איבעריגע בעדינגונגען, וועלכע ווירקען אויף די איני־
טענסטאַט פון דער אַרבייט, ווענדען זיך אָן דעם אַרט
פּראָדוקציאָן. למשל, אין מאַשין פּראָדוקציאָן איז דער
אַרבייטער אָבהייניגיג פון דער מאַשין, ער מוז אַרבייטען
שנעלער נאָך דעם גאַנג פון מאַשין, אונ דאַרום איז דאָ מעגליך
צו מאַכען די אַרבייט מעהר אינטענסיוו, פערגרעססערנדיג די
שנעלקייט פון די מאַשינען.

פאַר די אינטענסטאַט האָבען נאָך אַ בעדייטונג די
בעציהונגען פון דער געזעלשאַפט נוּפא צו דער אַרבייט.

אַרבייטען על פּי נויטה, אונטער קלעפּ, איז ניט אַזאַ
וואָהלע אַרבייט, דאַביי וועט קיינער ניט האָבען קיין חשק
אַוועק צו לעגען זיינע גאַנצע כחות, אויף וויפיעל ער
איז נאָר אים־שטאַנדע. אַזוי האָבען געאַרבייט די שקלאַפען אין
אַלטערטהום, אַזוי — די בויערען ניט לאַנג אין רוססלאַנד, אין
דער צייט פון „פּאַנשציזנע". ווי עס איז בעוואוסט, נוצט דער
שקלאַף אוים דורכשניטליך ווייניגער ווי אַ העלפט פון זיין
אַרבייטס־קראַפט, וועלכע ער וואָלט געקענט אויסנוטצען אָהן
אַ שום שאָדען פאַר זיין געזונד. די הארען האָבען די מדה פון
זייערע שקלאַפען גוט געוואוסט אונ דאַרום פלעגען זיי ניט
זעלטען דינגען פרייע אַרבייטער, ווען זיי פלעגען זיך נויטהיגען
וואָס גיכער אין וועלכע עס איז אַרבייט, ניט פערלאָזענדיג זיך

אויף די פוילע קנעכט. וואָס שווערער די שקלאַפעריי איז, וואָס אונמענשליכער און גראָבער מען בעגעהט זיך מיט די שקלאַפען, דאָס ווענינער אינטענסיוו איז געווען זייער אַרבייט.

ריכטיג אַזאַ בעדייטונג האָט פאַר די אינטענסטאָט פון דער אַרבייט די אַכטונג פון דער געזעלשאַפט צו איהר. ווען אַרבייט איז ניט קיין בזיון, ווי אַ מאָל איז געווען, דאַנן איז די אַרבייט פון יעדען אײנציגען אינטענסיווער, פלייסיגער.

## ג. די פּראָדוקטיווקראַפט פון דער אַרבייט.

די מאָס אַרבייט קען זיין אין פערשידענע צופאַללע אײנע און די זעלבע, דאָך קען די צאָהל אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען זיין פערשיעדען. די פּראָדוקטיווקראַפט פון דער אַרבייט איז פערשיעדען. ווען צוויי אַרבייטער טהוען מיט דער זעלבער פלייסיגקייט, ענערגיע, און ניט קוקענדיג אויף דעם, אַרבייט אײנער אוים אין דער זעלבער צייט מעהר ווי דער צווייטער, הייסט דאָס, אַז זיין אַרבייט איז פרוכטבארער, פּראָדוקטיווער ווי דעם צווייטענס.

די אורזאַכען, וועלכע רופען אַרוים די פערשיעדע פּראָדוקטיווקראַפט פון דער אַרבייט זענען זעהר פיעל און פערשיעדען, זיי ווענדען זיך ניט נור אָן דעם יעצטיגען צושטאַנד פון געזעלשאַפטליכען לעבען, נור אויך פון זיין ענטוויקלונג אין דער פערגאַנגענהייט.

מען קען זיי אײנטהיילען אין פאָלגענדע גרופּפען:

1-טענס: די אונמיטעלבאַרע בעדינגונגען פון דער אויסערליכער נאַטור.

זיי ווירקען אַם מייסטען אויף די פּראָדוקטיווקראַפט אין ערד-אַרבייט און בערג-גראָבען, אויך אין אַ קלענערען טהייל אויף דער איבעריגע פּראָדוקציאָן.

2-טענס: די טעכניק, — די מעהר אָדער ווענינער פאָלקאָמענהייט פון די אַרבייטס-ווערקצייג, די טעכנישע וויססענשאַפט, די פּראָפעסיאָנאַלע געניטשאַפט.

3־טענס: די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן פון דער־אַרבייט — קאָאָפּעראַציאָן טהיילונג פון דער אַרבייט א. ז. וו.

1. וואָס מעהר אומזיסטע פאַרטיגע שטאָף אונ קראַפט גיבט די נאַטור די מענשען, דאָס מעהר איז זיין אַרבייט בכלל פרוכטבאַרער, פּראָדוקטיווער. די עקאָנאָמישע וויססענשאַפט בעטראַכט ניט אין אַללע איינצעלהייטען די ווירקונג פון פערשיעדענע נאַטור־בעדינגונגען אויף די פּראָדוקטיווקראַפט פון דער אַרבייט; מיט דעם בעשעפטיגט זיך די לעהרע וועגען דעם מענשענס וואָהלשטאַנד. דאָ וועלען מיר ברענגען נור איינינע ביישפּיעלע, וועלכע בעווייזען די ווירקונג פון דער נאַטור אויף די פּראָדוקטיווקראַפט פון דער אַרבייט.

אַם ערשטען איז צובעצייכנען די ווירקונג פון קלימאַט, די שטופּע וואַרימקייט אונ פייכטקייט אין דער לופט. יעדעס גראָזעל, יעדע בעשעפעניש אום צו עקסיסטירען נויטהיגט זיך אין אַ געוויססען גראַד וואַרימקייט, צ. ב. אין קאַלטען צפון־רוססלאַנד קען קיין ווייץ ניט וואַכסען; קאָרן וואַקסט יאָ, אָבער זעהר שלעכט. אין דָרום־קאַנט איז דאָ גענוג וואַרעמקייט אונ דאָרט וואַקסען אי קאָרן, אי ווייץ; עס איז דאַרום בעשיינפערליך, אַז דאָרט איז די ערדאַרבייט פּראָדוקטיווער ווי אין צפון. גלייך צו דער וואַרעמקייט האָט אויך אַ גרויסע בעדייטונג פיר די ערדאַרבייט די פייכטקייט פון דער לופט. אין די סטעפּעס פון דרום־רוססלאַנד איז דאָ גענוג וואַרעמקייט, די ערד איז פרוכטבאַר, נור דער קלימאַט איז ניט גענוג פייכט אונ דאָס רופט אַרוים ניט זעלטען עֲצִירַת הגְשָׁמִים (אַ צייט אָהן רעגען) אונ צוליעב דעם גערעאָטהען ניט די געטריידע, הַבוּאה.

וויטער איז צו בעטראַכטען די וויכטיגע בעדייטונג פיר די פּראָדוקטיווקראַפט פון דער אַרבייט פון דער ערדרינדע, נאָמליך: איהרע אויבערשטע שיכטען פון באָדען. ניט אומעדום איז דער ערדבאָדען גלייך, אונ פון זיין פערשיעדענהייט ווענדעט זיך די פּראָדוקטיווקראַפט פון דער ערד. אויך די פערשיעדענע

אוצרות פֿון מינעראַלען, וועלכע זיינען בעהאַלטען טיעף אין דער ערד (שטיין־קוילען, מעטאַלען), לָכֵן הייסט דאָס, אַז פֿון באָדען הענגט אָב די פּראָדוקטיווקראַפֿט פֿון ערד־אַרבייט און פֿון דער אַרבייט אין בערג־גראָבען. בכלל פֿון די אַללע אַרבייט, וועלכע ווערען געטהון, אום צו געפֿינען די שטאָף פֿון דער נאַטור, און פֿון די שטאָף, וועלכע מענשען קריגען אין דער נאַטור — הייננט זעהר פֿיעל אב די פּראָדוקטיווקראַפֿט אויך אין דער איבעריגער פּראָדוקציאָן.

אויך האָט אַ בעדייטונג פֿיר די פּראָדוקטיווקראַפֿט די אָבערפֿלעכליכקייט פֿון דער ערד, די יַמִים, טייכען, באַרג א. ז. וו. דיעזע לעצטע נאַטור־בעדינגונגען האָבען זעהר אַ גרויסע, אָבער אונדערעקטע, ווירקונג אויף די פּראָדוקטיוו־קראַפֿט פֿון דער אַרבייט. די פֿערשיעדענע פֿלעכליכקייט פֿון דער ערד פֿערגרינגערט אָדער מאַכט שווערער די מענשען צו האָבען פֿערבינדונגען צווישען זיך, און די פֿערבינדונג פֿון מענשען שפּיעלט זעהר אַ וויכטיגע ראָלע אין דער געזעלשאַפֿטליכער פּראָדוקציאָן: רֵאשִׁית, אַז מענשען האָבען צווישען זיך פֿער־בינדונג לערנען זיי זיך איינע ביי די 2ווייטע צו פֿערבעסערען און פֿערפֿאָלקאָמען די פּראָדוקציאָן.

צווייטענס, זיינען זיי אים שטאַנד צו טוישען זייערע פּראָדוקטען אויף אַנדערע און אויף אַזאַ אופֿן פֿערשפּאָרען זיי צו בעשעפֿטיגען זיך מיט אַזעלכע אַרבייט, וועלכע איז צוליעב זייערע אָרטיגע בעדינגונגען ניט פּראָדוקטיוו און זיי נוטצען אוים זייער אַרבייטס־קראַפֿט נור אויף מעהר פּרוכטבאַרע אַרבייט.

די לאַנדער אין אייראָפּא, וועלכע ליעגען ביים יַם צ. ב. גריעכענלאַנד און איטאַליען.

האָבען פֿריהער, ווי אַנדערע פֿעלקער ענטוויקקעלט ביי זיך די פּראָדוקטיוקראַפֿט פֿון דער פּראָדוקציאָן הויפּט־זאַכליך דערפֿאַר, ווייל דאָס מיטלאַנדישע מעער (אַזוי הייסט דער יַם, ביי וועלכעם די אויבענדערמאָנטע לאַנדער ליעגען) האָט זיי נאָהענט געמאַכט צו די קולטורישע פֿעלקער פֿון אַזיען און אַפֿריקאַ; בכלל פֿערנעהנטערען די ימים און טייכען די מענשען

צווישען זיך, און דערמיט פֿערגרינגערען זיי דעם פּראָגרעסס, די ענטוויקקלונג פֿון דער פּראָדוקטיווקראַפֿט אין דער פּראָדוקציאָן.

הויכֿע בערג שטערען דער ענטוויקלונג פֿון דער פּראָדוקציאָן דער מיט, וואָס זיי טהיילען אָב מענשען איינע פֿון די אַנדערע, מאַכֿען זיי שווער דאָס צונויפֿטראָגען זיך; דאָס גלייכֿען, ימים, אײדער מענשען האָבען זיך אויסגעלערנט ווי צו בענוטצען זיך מיט שיפֿפֿען, האָבען אויך שאָדליך געווירקט אויף די פּראָדוקטיוו קראַפֿט פֿון דער ארבייט.

בעטראַכֿטענדיג די ווירקונג פֿון די אונמיטעלבאַרע אויסער־ליכֿע נאַטור־בעדינגונגען אויף די פּראָדוקציאָן, זעהען מיר, אַז וואָס מעהר די נאַטור גיט דעם מענשען, אַלס לייכֿטער, אַלס האָט מעהר ערפֿאָלג זיין אַרבייט. נאָר ניט שטענדיג איז די איבערפֿליסיגע רייכֿקייט פֿון דער נאַטור גוט פֿאַר דער פּראָדוקציאָן, דאָס ווענדט זיך שוין אָן די שטופֿע פֿון ענטוויקלונג, אין וועלכֿע די מענשהייט געפֿינט זיך, זי קענן זיין אַ מאָל אַזוי שאָדליך, ווי די איבערמאָסליכֿע אָרעמקייט פֿון דער נאַטור. ווען די נאַטור גיט אַלע לעבענסמיטלען דעם מענשען בשפֿע, אָהן אַ שום האָרעוואַניע, אָדער מיט אַ קליינע מיהע, נויטהיגט ער זיך ניט אין דער ענטוויקלונג פֿון געזעלשאַפֿטליכער אַרבייט. אין די וואַרעמע לאָנדער פֿון אַפריקא געפֿינט זיך אַ מין געוויקס צוקער — סאָרגאָ. איין בוימעלע איהרער שטעלט צו שפּייז אַ גאַנצע פֿאַמיליע. עס איז גענוג אַן ערך 400 צווייגעלעך סאָרגאָ און אַ גאַנצע פֿאַמיליע איז שוין פֿערזאָרגט אויף אַ יאָהר מיט חיונה. און דאַרום ניט זייענדיג שטאַרק געטריעבען צו דער אַרבייט, קענען זיי ניט ביי זיך, ווי געהעריג איז ענטוויקלען די פּראָדוקציאָן.

די זעלבע ערשיינונג זעהען מיר אויך דאָרט, וואו די נאַטור איז זעהר קאַרג און אָרעם. דאָ קומט אויס דעם מענשען זיין גאַנצע צייט, זיינע אַללע קרעפֿטען אַוועק לייגען אויף צו בעקומען נאָר די נויטיגסטע לעבענס־מיטלען. דער איינוואָהנער

פון קאַלטען גרענלאַנד, (אַ אינזעל אין צפונית־מזרחית זייט פון אַמעריקא) אום זיך אויסבויען אַ וואַרעם־הייזעל, פערטיג מאַכען אַ וואַרעמעס קלייד, פערליערט פיעל צייט אויף די אַרבייט, פון וועלכע עס איז אין גאַנצען פּטור דער איינוואָהנער פון די וואַרעמע לאַנדער. אויך שפּייז ברויכט ער צו פערצעהרען אין אַ פיעל גרעסערע מאָס, ווי יענע, עס קומט איהם אויס צו נעהמען ביי דער נאַטור אַ סך מעהר, ווי די איינוואָהנער פון די דרום לאַנדער, די נאַטור אָבער פאַר די זעלבע מאָס אַרבייט בעלאָהנט איהם פיעל קאַרגער, ווי די לעצטע. אייביג האַלט ער אַלץ אין איין הארעווען אום צו קריגען עפּעס אויף ערנאָה־רען זיך אונ לעבט שטענדיג אין שרעק פון הונגער ניט צו שטאַרבען. ביי אַזאַ לעבען, פערשטעהט זיך, קען זיך ניט ענטוויקלען ניט זיין קערפּער, ניט זיין גייסט.

בעסער ווי אומעדום קען זיך ענטוויקלען די פּראָדוקציאָן אין די לענדער פון מיטעלמעסיגען קלימאַט. דאָרטען איז די נאַטור ניט צו קאַרג אונ ניט צו מילד: דער מענש דאַרף דאָרט ניט ווייניג אַרבייטען, אָבער ניט אַזוי פיעל, אַז די אַרבייט זאָל איהם אין גאַנצען פערקנעכטען.

פון דער געשיכטע וויסען מיר, אַז די פּראָדוקציאָן, זאָ ווי די קולטור, האָבען זיך צום ערסטען ענטוויקעלט אונ ערגרייכט ביז אַ געוויסע שטופע אין די הייסע לאַנדער, וואו די נאַטור איז זעהר רייך, ווי אין אינדיען, מעסאָפּאָטאַמיען (ארם־נהרים), עגיפּטען (מצרים) א. ז. וו. די אורזאַכע איז לייכט צו פער־שטעהן: די איינוואָהנער פון יענע לאַנדער האָבען געהאַט זעהר פיעל פרייע צייט, ווייל די נאַטור האָט זיי געגעבען די לעבענס־מיטלען בשפע. די קולטור ענטוויקלונג אָבער איז ביי זיי געגאַנגען ביז אַ געוויסען גראַד, זי איז ניט זעהר ווייט אַוועק אונ האָט זיך מיט אַ מאָל פערהאַלטען. די פעלקער פון די לענדער פון מיטעלמעסיגע קלימאַט האָבען איבערגענומען ביי זיי די קולטור אונ האָבען איהר פערברייטערט אונ ווייטער געפיהרט. אונ ביי היינטיגען טאָג איז די פּראָדוקטיווקראַפט פון דער אַרבייט אונ בכלל די גאַנצע קולטור העכער, ווי אומעדום ענטוויקעלט,

אין די לענדער פֿון מיטטעלמעסיגען קלימאַט אין איירָאָפּא אונ צפֿון־אַמעריקא.

די נאַטור בלייבט ניט אויף איממער אונגעביטען, זי ענדערט זיך שטענדיג, זי בייט איהרע פֿאָרמען אונ מיט דעם ענדערט זיך אויך איהר ווירקונג אויף די פּראָדוקטיווקראַפֿט פֿון דער אַרבייט.

די ענדערונגען פֿון נאַטור קומען פֿאָר פֿון זיך זעלבסט, אָדער צוליעב דער ווירקונג פֿון מענשען אויף איהר.

פֿון זיך זעלבסט בייט זיך די נאַטור זעהר לאַנגזאַם, כמעט אונבעמערקבאַר פֿאַר'ן מענשליכען אויג. אונטער דער ווירקונג פֿון פֿערבעהאַלטענע אונטעראירדעשע כחות הויבט זיך די ערד אין איין אָרט אויף אונ אין אַ צווייטען לאָזט זי זיך אראָב, עס וואַכסען אויס נייע בערג; ימים בייטען אָפֿט זייער אָרט, אונ אויך זייער טיעפֿקייט א. ז. וו. דאָס אלץ דויערט צעהנדליגע־הונדערט טויזענדער יאָהרען. — שנעלער קומט פֿאָר די ענדערונג אין גאַנג פֿון די טייכען: צוליעב פֿערשיעדענע אור־זאַכען ווערען איינינע פֿון זייערע אַלטע ערטער פֿערשוואונדען אונ צוגיסען זיך אין נייע שטראָמען, צו שווינקען די פֿריהערדיגע יבשה. די טייכען טראָגען אָן אָפֿט מיט זייער שטראָם גאַנצע בערג זאַמד, בלאָטע א. ד. ג., פֿון וועלכע עס בילדען זיך ניט זעלטען גרויסע אינזלען. דער גרעסטער טהייל פֿון האָלאַנד איז ענטשטאַנען פֿון די זאַמד אונ ערד, וועלכע דער רהיין (אַ טייך אין מיטעל איירָאָפּא) האָט פֿאַר די לעצט 2־3 טויזענד יאָהר אָנגעטראָגען. — דער קלימאַט ענדערט זיך אויך איממער, אָביאָהל זעהר לאַנגזאַם. פֿון געאָלאָגיע *) איז בעוואוסט, אַז דער קלימאַט ביי אונז אין איירָאָפּא איז מיט איינינע טויזענד יאָהר צוריק געוועזען פֿיעל קעלטער, ווי יעצט; דאַן איז געוועזען אזוי קאַלט, ווי איצט אין סיביר. פֿון פֿערשיעדענע רעסטען, פֿון ביינער אין שטיינערנע געווערקצייג, וועלכע מען האָט געפֿונען, גראָבענדיג די ערד אין איינינע ערטער, איז בעשטימט בעוואוסט,

*) וועגען דער וויסענשאַפֿט געאָלאָגיע פֿערפֿערטיגט זיך אַ בעזונדער ביכעל.

אַז אין יענע צייטען האָבען שוין אין איראָפּא מענשען געלעבט. אָהן שום ספק, אַז די בּייזע נאַטור האָט דאַמאָלס פיעל געשטערט דער ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציאָן.

עס קומען אויך פאָר צייטענווייס, אַלס אויסנאַהם'ס ערשיינונגען, שנעלע און שאַרפע פערענדערונגען אין דער אויסערליכער נאַטור: ערדציטטערנים, אויסברוך פון פייער־שפייענדע בּאַרג, טייכען־פערפלייצונג א. ז. וו. בּריינגען אָפט אין איניגע שטונדען און זאָגאַר אין איניגע מינוטען שטאַרקע פערענדערונגען אויף דער ערד. פאַר דער ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציאָן קענען האָבּען אַזוינע נאַטור־אויסבּרוכען אַ גרויסע, אָבּער נור אַ שאָדליכע בּעדייטונג.

זייט די געזעלשאַפטליכע אַרבּייט, ענטוויקלענדיג זיך, האָט אָנגעהייבען אַלץ אָפטער און אָפטער מְנַצֵחַ זיין די נאַטור, פון דאַמאַלס אָן הויבּט אָן די נאַטור אַ ל י י ן זיך צוענדערען אונטער דער ווירקונג פון דער מ ע נ ש ל י כ ע ר ט ה אָ ט י ג ק י י ט, און וואָס ווייטער, אַלץ מעהר און מעהרער. צייטענווייס פיהרט די טהאָטיגקייט צו אויסבּעסערונג פון די נאַטור בּעדינגונגען, אַ מאָל אָבּער פערערגערט זי זיי נאָך.

ווען מענשען האַקען אוים וואָלדער, ווערט דער קלימאַט טריקענער, ווינטער דער פראָסט און זוממער די היטץ פער־שטאַרקען זיך, עס רעגענט זעלטענער, און טייכען ווערען אויסגעטריקענט. ווען מענשען טריקענען אויס בּלאָטעס, ווערט די ערד פרוכטבּאַרער און דער קלימאַט געזינדער; פאַרקעהרט, ווען מען בּעאַרבּייט שלעכט די ערד, פערליערט זי די פרוכט־בּאַרקייט און ווערט פערמאָגערט.

מאַכענדיג די טייכען טיעפער, פעראייניגענדיג זיי דורך קאַנאַלען, פערלייכטערען זיך מענשען די פערבּינדונגען צווישען זיך דורכ'ן וואַסער. בּויענדיג אויף טויזענדער ווערסט אייזענ־בּאַהנען, פערנעהנטערען מענשען אַזוינע געגענדען, וועלכע זיינען בּיז דאַנן געוועזען זעהר אָבּגעריסען איינע פון די אַנדערע און האָבּען ניט געהאַט צוליעב זייער ווייטקייט קיין אויפטראַגען

צווישען זיך. ניט זעלטען ווערט געגראָבען דורך גאַנצע באָרג (וועלכע שטערען די אויפּטראַגע פון מענשען צווישען זיך) טונעלען אין דורך זיי לויפען לאָקאָמאָטיווען מיט צעהנדליגע וואַגאָנען. אין דער שווייץ צ. ב. זיינען אַזוינע טונעלען געגראָבען דורך די אַלפען, די הייכסטע באָרג אין אייראָפּא.

דאָס גלייכען פערבינדרען מענשען גאַנצע ימים צווישען זיך, דורכגראָבענדיג די שטרעקע לאַנד, וועלכע צוטהיילט זיי, ווי צ. ב. דער סועזער קאַנאַל פערייניגט דעם אַנטלאַנטישען־ים אוקינוס, מיט דעם אינדישען אונ מאַכט נאָהנטער צו אייראָפּא אויף טלעכע טויזענד ווערסט דרום־אין מזרח־אַזיען.

אויף אַזאַ שטופּע שטעהט שוין יעצט די פיהיגקייט פון דער געזעלשאַפט צו פערענדערען די אויסערליכע נאַטור, אַזוי גרויס איז שוין די מענשליכע מאַכט, זיין ממשלה איבער דער נאַטור! אונ וואָס ווייטער עס געהט דער פראָגרעס פון דער מענשליכער פראָדוקציאָן, אַלס מעכטיגער אונ אין דער זעלבער צייט אויך נוצליכער איז פיר די מענשהייט די ווירקונג פון דער טהעטיגקייט פון דער געזעלשאַפט אויף די נאַטור.

די וואַקסענדע מאַכט פון דער געזעלשאַפט איבער דער נאַטור דריקט זיך אויס אונמיטעלבאַר אין דעם, דאָס די מיטלען צום קאַמפף מיט דער נאַטור ווערען אַלץ פאָלקאָמענער, די וויסענשאַפט ווי אַזוי מיט מעהר נוטץ זיי אָנווענדען ווערט גרעסער, מיט איין וואָרט, זי דריקט זיך אויס אין דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק.

2) די טעכניק. אָהן געווערקצייג, מיט הוילע האַנד, קען דער מענש זעהר ווייניג אויפטהון אונ וואָס בעסערע געווערקצייג ער האָט אַלס פּרודוקטבאַרער, אַלס פראָדוקטיווער איז זיין ארבייט.

אונזערע אוראַלטע עלטערן וועלכע האָבען נאָך ניט געהאַט קיין אַנדערע ווערקצייג אויסער שטיינערנע, האָבען אַוועק געליינט, בלא ספק אַ סך צייט אויסהאַקקען אַ קליין בוים׳ל מיט אַ שטיינערנע האַק; שפּעטער, ווען מען האָט ערפונדען מעשענע געווערקצייג, האָט זיך שוין געפאָדערט צוויי, דריי

מאָל ווייניגער צייט אויף אויסהאַקקען דאָס זעלבע בוים׳ל מיט אַ מעשענע אָדער אַ בראָנזענע (מעש מיט צין צוזאַמען געמישט), האַקק, אָבער דאָך איז נאָך די מעשענע אָדער בראָנזענע האַק, ניט געננג שטאַרק האַרט, זי ווערט גיך טעמפּיג און ברעכט זיך, און דאַרום איז די אַרבייט מיט אונזערע היינטיגע סטאָלענע העק פיעל פּראָדוקטיווער, די זעלבע פֿאָדערט ווייניגער צייט אַרבייט. די פֿאָלקאָמענעסטע פֿון אַללע געוועזענע ווערקצייג איז די מאַשין. זי פֿערגרעסערט די פּראָדוקטיווקראַפֿט פֿון דער אַרבייט אויף צעהנדליג־הונדערטער מאָל.

גלייך מיט די ווערקצייג ווירקען אויף די פּראָדוקטיווקראַפֿט פֿון דער אַרבייט די מעלות, וואָס די מאַטעריאַל, וועלכע מען בעאַרבייט, האָט אין זיך; אַז די שטאָף איז אַ גוטע, ראַיעלע, לייכט צו בעאַרבייטען, שפּאָרט דער אַרבייטער אַיין פּיעל אַרבייט וועלכע ער לייגט אוועק אויף שלעכטע שוואַכע שטאָף, וועלכע איז שווער צו בעאַרבייטען. זעהר אַוויכטיגע בעדייטונג פיר דער פּראָדוקטיווקראַפֿט פֿון דער אַרבייט האָבען אויך די מעלות פֿון אַרבייטער גופא, זיין געשיקטקייט צו דער אַרבייט, זיין געוואָהנהייט צו איהר, בכלל די געניטקייט ווי צו בעגעהן זיך מיט די געווערקצייג. וואָס ספּעציעלער דער אַרבייטער איז, וואָס געניטער ער איז אין זיין אַרט מלאָכה, אַלס פּראָדוקטיווער איז זיין אַרבייט: ער פֿערליערט ניט, „צערייבט" ניט, ווי מען זאָגט, אומזיסט די צייט, ביי איהם געהט ניט לאבוד דאָס מאַטעריאַל.

די געווערקצייג ווערען ביי איהם ניט אַזוי גיעך אויס־געניצט א. ז. וו. ווען מיר רעדען וועגען די מעלות פֿון דעם אָדער יענעם אַרבייטער בעזונדער, פֿערשטעהן מיר, אַז דאָס ווענדט זיך אָן זיין לעהרע, וועלכע ער האָט בעקומען, אָן זיין פּראַקטיק, וועלכע ער האָט; אָבער אַז מיר בעטראַכטען די פּראָדוקטיווקראַפֿט פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿטליכער פּראָ־דוקציאָן בכלל זעהען מיר אין איהר דעם פּועל־היוצא, דעם ערפאָלג פֿון דער מענשליכער, היסטאָרישער ענטוויקלונג.

די ענטוויקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער טעכניק איז

בעזאָנדערס שנעל געגאַנגען אין די לעצטע עטליכע הונדערט יאָהר, ווען דער מענשליכער פערשטאַנד האָט אָנגעהויבען צו פאָרשען און אויסלערנען די נאַטור־ערשיינונגען, ווען די וויססענשאַפט האָט געפיהרט דעם פראָגרעס פון דער פּראָדוקציאָן אַלץ ווייטער און ווייטער. די טעכנישע קענטניססע, וועלכע זיינען געגרינדעט אויף דער נאָהנטער בעקאַנטשאַפט מיט די קראַפטען פון דער נאַטור, גיבען דעם מענשען אַזאַ מאַכט איבער דער נאַטור, וועלכע ער האָט פריהער ניט געהאַט.

ווי וויים די טעכנישע וויססענשאַפט פערגרעסערט די פּראָדוקטיווקראַפט פון דער אַרבייט איז לייכט צו זעהען, צום ביישפּיעל, אין דער ערדאַרבייט: דער בויער, וועלכער וויים ווען, וואו און וועלכע געוויקסע איז בעסער צו פערזאָען, ד. ה. ער האָט די נויטיגע טעכנישע קענטנים, אַרבייט מיט פיעל גרעסערען ערפאָלג, ווי דער, וואָס ווייסט דאָס ניט: אי ער בעקומט פון דער ערד מעהר, אי ער מאָגערט איהר וועניגער אוים.

די טעכניק האָט זיך נאָר געקענט ענטוויקלען ביי אַ געזעלשאַפטליכען לעבען. און בענוטצען זיך מיט דער ענטוויקעלטער טעכניק קען זיך דער מענש נור דאַן, ווען ער לעבט אין פערבינדונג, בחברותא מיט די איבעריגע מענשען.

3) די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען אין דער פּראָדוקציאָן.

די פּראָדוקטיווקראַפט פון דער אַרבייט איז ענג פערבונדען מיט דעם, ווי אַזוי די פּראָדוקציאָן איז איינגעאָרענט, מיט די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען אין דער פּראָדוקציאָן. גענוי וועגען דעם וועלען מיר רעדען ווייטער, בעת מיר וועלען בעטראַכטען דעם פּראָצעס פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג אין צוזאַממענהאַנג מיט די פערשיעדענע פּראָדוקציאָנס־אָרדנונגען, דאָ וועלען מיר נור בעצייכנען איניגע כּללים פון דעם ענין.

די פּראָדוקטיווקראַפט פון דער אַרבייט פערגרעסערט זיך ערשטענס דורך דעם צוזאַממענאַרבייטען און צווייטענס דורך דער טהיילונג פון דער אַרבייט.

א. דאָס צוזאַממענאַרבייטען, אָדער אַנדערש געזאָגט — די

איינפאַכע קאָאָפעראַציאָן בעשטעהט אין דעם, וואָס עטליכע מענשען צוזאַמען אין איין צייט טוהען איינע אונ די זעלבע אַרבייט.

אַרבייטענדיג אין איינעם מיט אַנדערע מענשען פיהלט זיך יעדערער פראָהליכער, לוסטיגער, מוטהיגער אונ דאָס ווירקט זעהר אויף זיין חשק אונ התמדה צו דער אַרבייט אונ אויך אויף איהר פראָדוקטיווקראַפט. 10 מענשען, אַרבייטענדיג צו זאַמען אונ איין ווערקשטאַט, יעדער בעזונדער זיין אַרבייט, וועלען אויפטהון אונ איין טאָג אַ סך מעהרער, ווי פיעל איין אַרבייטער וואָלט, אויפגעטהון אין 10 טאָג, אַרבייטענדיג בְּיְחִידוּת, איינזאַם, אין זיין חֶדֶר.

אַגַב ביים צוזאַמענאַרבייטען געהט אַוועק ווייניגער מענשליכער אַרבייטס קראַפט אויף צו בויען, בעהייצען אונ בעלייכטען די ווערקשטאַטען; די רעסטע פון די מאַטעריאַלען געהען דאַן ניט לְאִבּוּד, ווייל זיי קלייבען זיך פיעל אָן אונ מען קען זיי ווייטער בענוצען אונ דעסטגלייכען. צ. ב. אויף אויסבויען איין ווערקשטאַט פיר 20 אַרבייטער, פאָדערט זיך אַ סך ווייניגער אַרבייט אונ שטאָף ווי אויף צו בויען 10 ווערקשטאַטען צו צווי אַרבייטער אין יעדעם.

די קאָאָפעראַציאָן איז אָפטמאָהל נוטציג אונ זאָגאַר נויטהיג ווען מען ברויכט צו פערענדיגען די אַרבייט צו אַ קורצע בעשטימטע צייט, דהינו, ווען עס איז נויטהיג אָבשניידען אונ אַראָבנעהמען וואָס גיכער פון פעלד די תבואה, אויב די אַרבייט וועט לאַנג דויערן, וועלען די זאַנגען פערדאַרען אונ אויסשיטען די קאָרענדלאַך, פיעל אַרבייט וועט פערלאָרען געהן, בעת דאָס צוזאַמענאַרבייטען גיהט די מאָגליכקייט דאָס אויס צומיידען.

ווייעדער קומט אָפט אויס צו טהון אַ זעלבע אַרבייט, וועלכע פאָדערט פיעל כחות אונ איין אַרבייטער, ווי ער זאָל זיך ניט מאַטערן, וועט ניט זיין בִּיְכוֹלֶת איהר צו ערפילען. למשל, מען דאַרף אויפהויבען זעהר אַ שווערע מַשָׂא צו אַ בִּנְיָן, איין מענש אָדער אפילו צוואַנציג מענשען, נור אַרבייטענדיג, איינער נאָכ'ן צווייטען, וועלען גאָר ניט קענען אויפטהון. אָבער ווען

די אַללע צוואַנציג צו זאַמען נעהמען זיך פֿאַר די אַרבייט, דאַן וועט זי גאָר גרינג אָבגעטהון ווערען.

ב. די געזעלשאַפֿטליכע טהיילונג פֿון דער אַרבייט בעשטעהט אין דעם, דאָס דיא פּראָדוקציאָן איז צוטהיילט אין דער געזעלשאַפֿט אויף בעזונדערע מְלָאכות און אונטערנעהמונגען און יעטווידער אֵיינער פֿון דער געזעלשאַפֿט בעשעפֿטיגט זיך מיט אַ בעזונדער פּראָפֿעסיאָן, בעזונדער אונטערנעהמונג; אייניגע — מיט ערדארבייט, אַנדערע — מיט שניידעריי, דריטע אויסגראָבען פֿון דער ערד מעטאַלען, פֿיערטע — אויסאַרבייטען געווערקצייג א. ד. ג.

ווען אין דער געזעלשאַפֿט האָט נאָך אַזאַ טהיילונג ניט עקסיסטירט, האָט יעדערער געמוזט אַליין אַלץ פֿיר זיך פֿערפֿערטיגען. עס איז פֿערשטענדליך, אַז די פּראָדוקציאָן אין אַזאַ געזעלשאַפֿט איז געווען זעהר קליין און די ענטוויקלונג פֿון איהר איז געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם.

ביי דער געזעלשאַפֿטליכע טהיילונג פֿון דער אַרבייט האָט יעדע אונטערנעהמונג נור אַ געוויסע אָבגעטהיילטע אַרט אַרבייט, דאָס גיהט די אַרבייטענדע אַ מאֶגליכקייט ספּעציאַליזירט און געניטה ווערען, אויסאַרבייטען פּראָדוקטען פֿיעל מעהר, ווי פֿיעל זיי דאַרפֿען פֿיר זייער אֵייגענע פֿערברויכונג. דְהַיינוּ דער שוסטער דאַרף פֿיר זיך אַליין מעהר ניט ווי צוויי פֿאָר שטיוועל אַ יאָהר, ער נעהמט אָבער אויף הונדערט פֿאָר, דער באָקער וועט אַליין אין קיין חֹדֶש ניט אויף עסען די ברויט וואָס ער באַקט אוים אין איין טאָג, דאָס גלייכען מיט די איבעריגע בַּעֲלֵי־מְלָאכות. די איבעריגע פּראָדוקטען, וועלכע זיי אַליין פֿערברויכען ניט, קומען אָן צו אַנדערע מענשען, עס ווערט פֿערטהיילט צווישען דער איבעריגער געזעלשאַפֿט.

צו מיט די אָדער אַנדערע מיטלען, נור די אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען פֿון בעזונדערע אונטערנעהמונגען ווערען פֿערטהיילט אין דער געזעלשאַפֿט און יעדער האָט דורכבאַנק פּראָדוקטען צו פֿערברויכען פֿיעל מעהר, ווי ער וואָלט האָבען, פֿערפֿערטיגענדיג אַליין פֿיר זיך אַלץ.

אויסער די טהיילונג אויף פערשיעדענע מלאָכות קומט פאָר אַ טהיילונג אין יעדער מלאָכה גופא. אַזאַ טהיילונג רופט זיך די טעכנישע טהיילונג פון דער ארבייט. מיר זעהן, אין גרויסע ווערקשטאַטען, צ. ב. שמיעדט איינער אויס דאָס קלינגעל פון מעסער, אַ 2־טער פיילט איהם אויס, אַ 3־טער שארפט איהם, אַ 4־טער מאַכט צו איהם צו אַ שטילעל, א פינפטער שטעלט אריין אין איהר דאָס קלינגעל. א. ז. וו. ביז עס קומט ארויס אַ גאַנצערמעסער.

די טעכנישע טהיילונג פון דער ארבייט מאַכט איהר אויך פראָדוקטיווער, גלייך ווי די געזעלשאַפטליכע טהיילונג. אין אַ ווערקשטאַט וואו מען פערפערטיגט שפּיעלקעס, למשל, ווערען 10 אַרבייטער, אויב ביי זיי איז די ארבייט טעכניש צערטהיילט. ד. ה. איינער ציהט די דראָט, דער צווייטער שניידט איהר, דער 3־טער בויגט די קאָפּלעך, דער פיערטער שארפט שפּיצען. א. ז. וו., גרינג אין איין טאָג אויסארבייטען אַכט אונ פערציג טויזענד שפּילקעס, אויף יעדעם איינעם קומט אויס אַ טאָג פיערטויזענד אַכט הונדערט. נור ווען איין ארבייטער וואָלט אַליין געטהון די גאַנצע ארבייט, וואָלט ער אפילו קיין עטליכע שפּילקעס אַ טאָג ניט ארויסגעגעבען.

די אורזאַכע פון דעם, וואָס די טהיילונג פון דער ארבייט ווירקט גוט אויף איהר פראָדוקטיווקראַפט, ערקלערט זיך ערשטענס מיט דעם, וואָס עס שפּאָרט זיך פשוט איין פיעל צייט: ווען איין מענשען קומט אויס צו טאָן אַלע קלייניגקייט פון דער גאַנצער ארבייט, געהט ביי איהם זעהר פיעל צייט פערלאָרען אויף דעם, וואָס ער דאַרף אָפּט אַוועק לייגען איין ארט ארבייט אונ נעהמען זיך פיר אַ 2־טע, אונ עס דויערט ביז ער ארבייט זיך איין אין דער פרישער ארבייט; צווייטענס, ביים טהיילונג פון דער ארבייט ענטוויקעלט זיך ביים ארבייטענדען אַ געשיקטקייט אונ אַ פלינקהייט. אַז עס קומט אויס איינעם צו ארבייטען שטענדיג פערשידענע, שווערע גאַנצע ארבייט קען זי ניט ארויס אַזוי געשווינד, קונסטליך, ריכטיג ווי בעת יעדער איינער טהוט נור כּסדר איין טהייל אָדער עטליכע איינפאַכע טהיילען פון דער ארבייט. אָבער ביי דער טהיילונג

פון דער אַרבייט איז גרינגער צו מאַכען ערפינדונגען און אויס־
קלערען פערבעסערונגען אין די געווערקצייג; אַרבייטענדיג פיעל
יאָהר מיט איין אינסטרומענט, קען דער מענש גיכער בעקלערען
ווי איהם צו פערבעסרען, וואָס פיר אַ פערענדערונגען מאַכען
אין איהם. צוליעב דער אורזאַכע זיינען טאַקע זעהר פיעל פער־
בעסערונגען אין די געווערקצייג אויסגעקלערט געוואָרען פון די
אַרבייטער גופא.

---

3.

# געזעלשאַפטליכע נוטצבאַרליכקייט און געזעלשאַפטליכער ווערטה.

---

דער רעזולטאַט, דער פועל היוצא פון דער געזעלשאַפט־
ליכער פראָדוקציאָן דריקט זיך אויס אין די פראָדוקטען, וועלכע
ווערען בעשאַפען צום נוטצען פון דער געזעלשאַפט. דערביי איז
אַלץ איינס, וועלכע איינגענשאַפטען די פראָדוקטען בעזיצען, צו
מאַטריעלע, צו גייסטליכע, צו מען בעשאַפט דהיינו קליידער
אויף צו וואַרעמען דעם קאָרפער אָדער ביכער אויף בילדונג.
דאָס אַלץ בעלאַנגט ניט די עקאָנאָמישע וויסענשאַפט. זי איז
אַ געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפט און דאַרום אינטערעסירט איהר
נור די געזעלשאַפטליכע זייטען פון פראָדוקט: ערשטענס, דאָס
ער איז נויטהיג פאַר דער געזעלשאַפט; 2־טענס
דאָס ער איז בעשאַפען דורך געזעלשאַפטליכע
אַרבייט. אויף אַזאַ־ן אופן איז פאַר איהר וויכטיג אין יעדעם
פראָדוקט, אויף וויפיעל ער איז פייהיג צו בעפרידיגען אַ בע־
שטימטע געזעלשאַפטליכע בעדערפניס, אָדער זיין געזעל־
שאַפטליכע נוצליכקייט, און די מאָס געזעל־
שאַפטליכע אַרבייט, וועלכע איז אין איהם אַריין געלייגט
אָדער זיין געזעלשאַפטליכער ווערטה.

יעדער פראָדוקט בעזיצט אַלזאָ, אַ געזעלשאַפטליכע נוצליכ־קייט נור דאַנן, ווען די געזעלשאַפט נויטהיגט זיך אין איהם אונ נור ביז וואַנען די געזעלשאַפט נויטהיגט זיך. צ. ב. ברויט האָט אַ גרויסע געזעלשאַפטליכע נוצליכקייט נור דאַנן, ווען מען נויטהיגט זיך אין איהם אונ ער פערליערט איהר, ווען מען האָט אָנגעבאַקט מעהר, ווי מען בעדאַרף אונ ער איז איבריג.

דער געזעלשאַפטליכער ווערטה פון פראָדוקט דריקט זיך אויס אין דער מאָס ארבייטס־קראַפט, וועלכע איז אַריין געלייגט אין דעם פראָדוקט, וויפיעל פראַצע ער קאָסט דער געזעל־שאַפט. דער ווערטה פון פראָדוקט מאָסט זיך אויף אַזאַ־ן אופ'ן דורך די צייט אונ אָנשטריינגיקייט (אינטענסיטעט) פון דער אַרבייט, וועלכע איז אַוועק אויף זיין בעשאַפונג. ווען. למשל, עס פאָרדערט זיך 30 שעה פראַצע אויף אויסצואַרבייטען איין פראָדוקט אין 300 שעה מיט צוויי מאָהל מעהרער אינטענסיווערע פראַצע אויף אַ צווייטען פראָדוקט, איז וואַהרשיינליך, אַז דער געזעלשאַפטליכער ווערטה פון צווייטען פראָדוקט, די אַריינ־געלייגטע פראַצע אין איהם וועט זיין מיט 20 מאָהל מעהר, ד. ה. זיין ווערטה וועט זיין מיט 20 מאָהל גרעסער.

דער געזעלשאַפטליכער ווערטה פון פראָדוקט ווענדעט זיך ניט אָן דעם. וויפיעל אַרבייט לייגט אַריין יעדער איינציגער אַרבייטער בפרט אין איהם. למשל, ווען אַ־ן אַרבייטער, ניט קענענדיג גוט די אַרבייט אָדער טוהענדיג מיט שלעכטע, פאַר־צייטיגע געווערקצייג, לייגט אַוועק מעהר פראַצע, ווי עס ברויכט זיך אויס צו אַרבייטען אַזאַ פראָדוקט אין דער איצטיגער געזעלשאַפט, בעקומט ניט צוליעב דעם זיין פראָדוקט אַ גרעסערען ווערטה. פאַרקעהרט ווידער, ווען אַ־ן אַרבייטער בעשאַפט אַ פראָדוקט אין אַ קירצערע צייט, ווי געוועהנליך, צוליעב זיינע אויסנאַהמע פייהיגקייטען צו דער אַרבייט אָדער אַ דאַנק דעם, וואָס ער אַרבייט מיט בייע ערפינדענע קינסטליכע געווערקצייג, וועלכע געהען נאָך ניט אָן אין דער געזעלשאַפט, איז אָבוואָהל זיין פראָדוקט האָט אין זיך וויינגער פראַצע, האָט ער דאָך דעם זעלבען אַלגעמיינעם

ווערטה, ווי אַללע איבריגע עהנליכע פּראָדוקטען, אויף וועלכע פֿאָרדערט זיך געוועהנליך מעהר פּראַצע.

דער געזעלשאַפֿטליכער ווערטה פֿון יעדעם פּראָדוקט ווערט בעשטימט דורך דער מאָס אַריין געלייגטע אין איהם פּראַצע, וועלכע עס פֿאָרדערט זיך דורכשניטליך ביי געוועהנליכע אַרבייטס־בעדינגונגען אין דער געזעלשאַפֿט.

בעטראַכטענדיג פערשידענע סאָרטען אַרבייט, זעהען מיר, אַז ניט אַלע פֿון זיי זיינען גלייך. צ. ב. די אַרבייט פֿון אַ געלעהרטען איז ניט עהנליך צו דער אַרבייט פֿון אַ זייגערמייסטער, זיין אַרבייט ווידער איז אַנדערס, ווי דעם שוסטערס א. ז. וו.

די אַרבייט, צו וועלכע איז דורכבאַנק פֿאֶהיג יעדער געזונדטער מענש פֿון דער געזעלשאַפֿט און וועלכע פֿאָרדערט ניט פֿריהער קיין בעזונדערע לעהרע, ווערט אָנגערופֿען איינפאַכע אַרבייט. די אַרבייט אָבער, וועלכע פֿאָרדערט שוין אַ געוויסע לעהרע און קענטעניס, ווערט גערופֿען קוואַליפֿיצירטע (כּפֿולדיגע) אַרבייט.

יעדע אַרבייט, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, איז אַ געוויסע מאָס אויסגענוצטע מענשליכע קראַפֿט. אַ געוויסע מאָס קוואַליפֿיצירטע אַרבייט ענטהאַלט אין זיך מעהר אויסגענוטצע אַרבייטס קראַפֿט, ווי די זעלבע מאָס איינפאַכע. למשל, איין שעה אַרבייט פֿון אַ דאָקטאָר ענטהאַלט אין זיך אַזוי פֿיעל אַרבייטס קראַפֿט, ווי דהינו 12 שעה פֿון אַ האָלצהאַקער, ווייל דער דאָקטאָר אום צו קענען קורירען האָט זיך געדאַרפֿט לאַנגע יאָהרען פֿריהער לערנען און אין זיין שעה אַרבייט מוזען מיר פֿערעכענען אַ טהייל פֿון די צייט, וועלכע ס'האָט איהם געקאָסט דאָס צוגרייטען זיך צו איהר.

ווען מיר ריידען אַלזאָ וועגען דער מאָס אַרבייט, וועלכע בעשטימט דעם געזעלשאַפֿטליכען ווערטה פֿון יעדעם פּראָדוקט האָבען מיר אין זינען די מאָס איינפאַכע אַרבייט, וועלכע ליעגט אין איהם און וועלכע קען אויסגעדריקט ווערען יעדע קוואַליפֿיצירטע אַרבייט.

# פְרַאגֶען צום וִוידֶערהָאלֶען.

## 1 (זייטע 3—6)

וואָס איז אַזוינס אַרבייט אין אַללגעמיין?
וואָס הייסט אינדיווידועל נוצליכע אַרבייט אונ וואָס — געזעלשאַפטליך נוצליכע?
וואָס בעדייט דאָס וואָרט „פּראָדוקציאָן?
אין וואָס בעשטעהט די טעכנישע זייט פון פּראָדוקציאָן אונ אין וואָס די געזעלשאַפטליכע?
וואָס הייסט — אייִנפאַכע קאָאָפּעראַציאָן אונ וואָס — טהיילונג פון דער אַרבייט?
מיט וועלכער זייט פון פּראָדוקציאָן בעשעפטיגט זיך די עקאָנאָמישע וויסענשאַפט?
וואָס הייסט פערנאנדערטהיילונג?
אין וועלכע פאָרמען דריקט זיך אויס די פערטהיילונג?
אין וואָס בעשטעהט דער פּראָגרעס אונ רעגרעס פון דער פּראָדוקציאָן?
מיט וואָס בעשעפטיגט זיך די עקאָנאָמישע וויסענשאַפט?

## 2 (זייטע 7—24)

א) וואָס הייסט דער קוואַליטאַט פון דער אַרבייט?
ווי ווירקען די געזעלשאַפטליכע בעדערפניססען אויפ'ן קוואַליטאַט?
ווי ווירקען אויף איהם די פּראָדוקציאָנס-מיטלען אונ די טהיילונג פון דער אַרבייט אין דער געזעלשאַפט?
ב) וואָס הייסט דער קוואַנטיטאַט פון דער אַרבייט?
ווי ווירקט אויף איהם די גרויס פון דער געזעלשאַפט?
ווי ווירקט אויף דעם קוואַנטיטאַט די צייט פון דער אַרבייט אין דער אינטענסיטאַט?

ג) וואס הייסט די פראדוקטיווקראפט פון דער ארבייט?
ווי אונ אין וואס דריקט זיך אויס די ווירקונג אויף די פראדוקטיווקראפט די אונמיטעלבארע בעדינגונגען פון דער אויס־ערליכער נאטור?
ווי ווירקט די טעכניק אויף די פראדוקטיווקראפט פון דער ארבייט?
ווי ווירקען אויף די פראדוקטיווקראפט די געזעלשאפטליכע בעציהונגען אין דער פראדוקציאן?

## 3 (זייטע 24—26)

וואס הייסט די געזעלשאפטליכע נוצליכקייט פון פראדוקט?
וואס הייסט דער געזעלשאפטליכער ווערטה פונפראדוקט?
ווי ווערט ער בעשטימט?
וואס הייסט איינפאכע ארבייט אונ וואס — קוואליפיצירטע?

## I.

## דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונגס־גאַנג פון דער ציוויליזירטער מענשהייט.

פֿאָרשענדיג דאָס עקאָנאָמישע לעבען פֿון וועלכע עס איז געזעלשאַפֿט, איז לייכט צו בעמערקען, אַז אין פֿערשיעדענע עפּאָכען פֿון איהר עקזיסטענץ זיינען די פּראָדוקציאָנס־און פֿער־טהיילונג־בעציהונגען אין איהר געווען פֿערשיעדען. בעצייכנען ריכטיג די צייט, ווען די נייע געזעלשאַפֿטליכע בעציהונגען פֿערנעהמען דעם אָרט פֿון די אלטע איז אונמעגליך, ווייל דער איבערגאַנג פֿון אַלטע צו נייע, פֿריהערדיגע צו שפּעטערדיגע קומט פֿאָר אין דער געשיכטע ביסלעכווייז און אונבעמערקט פֿאַר די מענשען גופא. נור ווען די אַלטע אָרדנונג איז שוין אין גאַנצען אָבגעלעבט, ווען נייע בעציהונגען זיינען אויף איהר אָרט אויסגעוואַקסען, — דאַן טרעטען אַרויס די פֿערענדערונגען שאַרף און דייטליך פֿאַר דער געזעלשאַפֿט.

מיר וועלען זיך דאָ ווייטער בעשעפֿטיגען מיט דער פֿאָרשונג ווי אַזוי איז צוגעגאַנגען די ענטוויקלונג ביי די מענשליכע געזעלשאַפֿטען, פֿון וועלכע עס שטאַמט די יעצטיגע „ציוויליזירטע" מענשהייט, ווייל די געשיכטע פֿון דיעזע געזעלשאַפֿטען איז וויסענשאַפֿטליך מעהר ערפֿאָרשט.

דער ענטוויקלונגס־גאַנג פֿון דיעזע געזעלשאַפֿטען איז בכלל געווען אומעדום איינער און דער זעלבער. ער דריקט זיך אויס אין צוויי הויפּט עפּאָכען: אין דער עפּאָכע פֿון נאַטור ווירטשאַפֿט און עפּאָכע פֿון טוישווירטשאַפֿט.

יעדע פֿון די צוויי גרויסע עפּאָכען טהיילט זיך אויף קלענערע צייט־פעריאָדען, ווי דאָס וועט זיין גענויער ווייטער ערקלערט.

ביים פארשונג די געזעלשאפטליכע בעציהונגען אין יעדער עפאכע, ווערען מיר אנווייזען די אורזאכען, וועלכע האבען ארויסגערופען די אדער יענע בעציהונגען, ווי זיי האבען זיך ענטוויקעלט, אויך די אורזאכען, וועלכע האבען ארויסגערופען פערענדערונגען אין זיי אונ ווי אזוי די פערענדערונגען זיינען פארגעקומען.

---

## I. דער אורַאַלְטֶער שְׁבָטִים־קָאמְמוּנִיזם.

אָרעם איז די שטאף, וועלכע קענן אונז דיענען צום ערלערנען דאס לעבען פון די אוראלטע מענשען. קיינע שריפטליכע ליטעראטור פון יענע צייטען האבען מיר ניט, גאר פשוט דערפאר, ווייל דאנן האט אזא ליטעראטור ניט געקענט עקזיסטירען. דער איינציגער זֵכֶר פון יענע צייט זיינען ביינער, װערקצייג. א. ד. ג., וועלכע מען גראבט אויס יעצט פון דער ערד.

עס איז דא נאך א וויכטיגער קוואל, מיט וועלכען מען קענן זיך בענוצען ביים פארשונג דאס לעבען פון דער אוראלטער מענשהייט, דאס איז — דאס לעבען, בעציהונגען, מנהגים פון די ווילדע פאלקער, וועלכע לעבען נאך יעצט, אונ דערהויפט די פון זיי, וועלכע שטעהען אויף די נידריגסטע שטופע פון ענטוויקלונג.

אט דאס אלץ גיט אונז דער מעגליכקייט פארצושטעללען אין אלגעמיין די געזעלשאפטליכע בעציהונגען אין דער „פאר־היסטארישער" עפאכע.

---

## II. די בֶּעצִיהוּנְגֶען צוּ דֶער נַאטוּר אִין דֶער אוּרַאַלְטֶער.

אים קאמפף מיט דער נאטור איז דער אוראלטער מענש געװעזן בעוואפענט זעהר אָרעם, א סך ערגער פון פיעלע חיות,

די נאַטירליכע ווערקציייג — האָנד , פיס , צאָהנער — זיינען ביי'ם מענשען פיעל שוואַכער , ווי צ. ב. ביי די גרויסע רויב־חיות . אַזעלכע קינסטליכע ווערקציייג , וועלכע גיעבען דעם מענשען די איבערמאַכט איבער די איבריגע לעבעדיגע און טוידטע נאַטור , זיינען ניט געווען קיין פאָלקאָמענע , אַגב איז זייער צאָהל געווען קליין און דאַרום האָבען זיי ניט געקענט פיעל פער־גרינגערען דעם מענשען אין דעם קאַמפף פאַר זיין עקזיסטענץ . אין דעם שווערען קאַמפף טרעט אַרויס דער מענש ניט אַלס אַ מֶלֶך אין דער נאַטור , נאָר פערקעהרט : דער ערשטער פעריאָד פון מענשענס לעבען איז דער פעריאָד פון יאָך און קנעכט־שאַפט , אָבער דער דריקער , דער האַרר איז ניט קיין אנדער מענש , נאָר די נאַטור .

די ערשטע ווערקציייג זיינען אָהנע צווייפעל געווען פון שטיין און האָלץ — אַ שטיין און אַ שטעקען . דיעזע ווערקציייג געפינען מיר אפילו ביי אֵייניגע מינים מאַלפעס ,(אַפּען) .

יעצט עקזעסטירען שוין ניט אַזוינע ווילדע פאָלקער , וועלכע זאָלען ניט וויסען אויסער שטיין און שטעקען , פון אַנדערע ווערקציייג .

דער גייסטליכער צושטאַנד פון מענשען איז געווען בעגרענצט , ניט ענטוויקעלט . פיהרענדיג שטענדיג דעם שווערען קאַמפף פיר זיין עקזיסטענץ , געפינענדיג זיך יעדע מינוט אין געפאַהר , האָט דער מענש ניט געהאַט קיין צייט צו ענטוויקלען זיינע גייסטליכע פיהיגקייטען .

און דאָך ענטוויקעלט זיך דער מענש ! דער שקלאַף פון נאַטור , קעמפפענדיג פיר זיין עקזיסטענץ , ווערט אַלץ מעהר בעקאַנט מיט דער זעלבער נאַטור , מיט איהרע קרעפטען , ווערט־ערפאַהרענדער און גיט איבער זיין ערפאַהרונג פון דור צו דור , פערבעסערט זיינע ווערקציייג , טראַכט אויס נייע , מאַכט פערשיעדענע ערפינדונגען .

די ענטוויקלונג קומט פאָר זעהר לאַנגזאַם , אין פערלויף פון טויזענדער יאָהרען . יעדע ערפינדונג , ווי אֵיינפאַך זי זאָל זיך אונז ניט אויסקומען , קאָסט פיעל מיה , בעאַרבייטענדיג

זיינע ערשטע װערקצייג, דעם שטיין און שטעקען, בע־העפֿטענדיג זיי, צופּאַסענדיג זיי צו פֿערשידענע ציעלען, בעקומט ער נייע װערקצייג: שטיינערנע האַק, האַמערס, מעסערס, שפּיזען א. ד. ג.

אין דער עפּאָכע פֿון שטיינערנע װערקצייג פֿאַנגט אָן דער מענש זיך צו בעניצען מיט'ן פֿייער און לערנט זיך אויס, װי אַזוי איהם צו בעקומען אין יעדער צייט.

װייטער — מאַכט זיך דער מענש פֿון פֿיש־ביין אַ װענדע און פֿון איינגעפֿלאָכטענע פֿליט — ביסלעכווייז אַ לאָדקע.

אַם ענדע װערט ערפֿונדען דער פֿיילענבויגען און פֿיילען, און דער מענש פֿערגלייכט זיך מיט זיין מאַכט מיט די שטאַרקסטע חיות.

אַזוי איז געגאַנגען אין אַלגעמיין דער פּראָגרעס פֿון דער פּראָדוקטיװקראַפֿט פֿון מענשען אין דעם ערשטען פּעריאָד פֿון זיין לעבען.

די פּראָדוקציאָן אין יענער צייט איז בעשטאַנען אין קלייבען פֿרוכטען פֿון בוימער, יאגד נאָך קליינע חיות, פֿאַנגען פֿיש, אויסאַרבייטען איינפֿאַכע װערקצייג פֿון שטיין, האָלץ און ביינער און איינפֿאַכע קליידער פֿון פֿעל. אַזאַ אַרט פּראָדוקציאָן קען מען בעצייכנען מיט'ן װאָרט „יאגד־פּראָדוקציאָן". ד. ה. די לעבענסמיטלען בעקומען פֿון דער אויסערליכער נאַטור אונמיטעלבאַר, װי חיות אין װאַלד, פֿיש אין װאַסער, פֿרוכטען פֿון בוימער.

די יאַגד־פּראָדוקציאָן קען ניט פֿערזיכערען אין גאַנצען די עקזיסטענץ פֿון מענשען, װייל זי איז פֿערבונדען מיט פֿער־שידענע צופֿעלע. היינט קען דער װילדער־יעגער בעקומען פֿיעל, אַ סך מעהר, װי ער דאַרף פֿאַר זיך, נאָר מאָרגען קען ער גאָר נישט געפֿינען אָדער גאָר צעריסען װערען פֿון אַ װילדער חיה.

נור אַזוינע אַרטען פּראָדוקציאָן, װי ערדאַרבייט און פֿיה'צוכט, קענען פֿערזיכערען די עקזיסטענץ פֿון מענשען אין גאַנצען.

דער אוראַלטער מענש לייגט אַוועק אַלע זיינע קרעפטען נור אויף דעם, צו בעקומען פיר זיך די נויטהיגסטע צום לעבען, זיין אַרבייט איז קיים גענוג איהם אַליין אויסצוהאַלטען. די גאַנצע אַרבייטס-צייט געהט אַוועק אויף'ן קאַמפּף פאַר'ן לעבען, עס בלייבט ניט קיין איבריגע צייט, וועלכע ער זאָל קענען פער-ברויכען אויף אַרבייט פיר אַ־ן אַנדערען אָדער פיר זיך אַליין, אויסצובעסערען זיינע לעבענס-בעדינגונגען. די אַרבייט בעשאַפט ניט קיין מעהר־פּראָדוקט, ד. ה. קיינע איבריגע פּראָדוקטען, אויסער די, וועלכע זיינען נויטהיג צום לעבען.

ביי אַזוינע בעדינגונגען איז, זעלבסט פערשטענדליך, ניט מעגליך קיין עקספּלאָאַטאַציאָן: עס איז אונמעגליך צו צונעהמען די פּרוכטען פון פרעמדע מעהר־אַרבייט, ווען די מעהר־אַרבייט גופא עקזיסטירט ניט. דאָ איז נור מעגליך איין אַרט עקס-פּלאָאַטאַציאָן — איין מענש קען אויפפרעסען דעם צווייטען.

---

## 2. די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען פון דער פּראָדוק־ציאָן אין די אוראַלטע משפחות־גרופּען.

די היינטיגע וויסענשאַפט ווייסט ניט, סיי אין דער פער-גאַנגענהייט, סיי איצט, פון מענשען, וועלכע זאָלען ניט לעבען אין אַ געזעלשאַפט. אין דער אוראַלטסטער צייט האָבען שוין עקסיס-טירט פערבינדונגען צווישען די מענשען, אָבוואָהל ניט אַזוי פערשפּרייט ווי היינט. דער דאַמאָלס'דיגער מענש האָט אויך ניט געקאָנט אויסקומען אָהן הילף פון אַנדערע מענשען אים קאַמפּף פיר זיין עקסיסטענץ, גלייך ווי היינטיגע מענשען. אַ איינציגער פּערזאָן, שטעהענדיג פּנים אל פּנים מיט דער אונ-ערבאַרעמליכער נאַטור, וואָלט געוויס נאָך ניך פערלאָרען געגאַנגען.

ראָך זיינען די געזעלשאַפֿטליכע פֿערבינדונגען געוועזען זעהר שוואַך, הויפּטזאָכליך דאַרום, ווייל די טעכניק, ווי עס איז שוין אויבען ערקלערט, איז געוועזען וועניג ענטוויקעלט און דאָס האָט שוין געפֿיהרט דערצו, וואָס די פֿערבינדונגען זיינען געוועזען זעהר שמאָלע, און די צאָהל מיטגליעדער פֿון די פֿערשיעדענע גרופּפּעס — קליין.

אין וואָס מעהר ניעדעריגען צושטאַנד די טעכניק געפֿינט זיך, אַלס שווערער און ערגער זיינען די מיטלען אויף צודערהאַלטען דאָס לעבען, אַלס גראָסער איז דער שֶׁטַח ערד, וועלכען עס פֿאָדערט יעדער מענשען, אום צו קריגען זיינע נויטהיגע שפּייז. דער יאַגד פֿון דער אוראַלטער צייט איז אַזאַ וועניג פּראָדוקטיווע בעשעפֿטיגונג, אַז אויף אַ שטח פֿון איין קוואַדראַט מייל ביי מיטעל־מעסיגע נאַטור־בעדינגונגען מיט אַ מיטעל־מעסיגען קלימאַט (ניט צו הייס און ניט צו קאַלט) קאָנען מעהר ווי צוואַנציג מענשען ניט געפֿינען פיר זיך קיין שפּייז. וואו נור עפּעס אַ גרעסערע גרופּפּע מענשען, האָט זיך שוין געמוזט פֿערנאַנדערוואַרפֿען אויף אַזאַ גרויכער שטרעקע, אַז צו אונטער האַלטען די פֿערבינדונגען צווישען זיך איז ניט געוועזען קיין גרינגע זאַך. און אַז מען זאָל נור בעטראַכטען דערצו, אַז דאַמאָלס זיינען נאָך קיין וועגען ניט געוועזען, ניט קיין היימעשע טהירע (חַיות), אויף וועלכע מען זאָל קאָנען פֿאָהרען, היינט די גרויסע געפֿאַהרען, וואָס פֿלעגען פֿאָרשטעהען אין יעטוועדער קליינער רייזע, — אַז מען זאָל דאָס אַלץ בעטראַכטען, וועט מען לייכט אַרויסזעהען, אַז דער געזעלשאַפֿטליכער בונד האָט דאַמאָלס געקאָנט אַם האָכסטען בעשטעהען פֿון עטליכע צעהנדליגע מענשען.

פֿערבינדען זיך אין איין חֶבְרָה, אום צוזאַמען זוכען מיטלען ווי צודערהאַלטען דאָס לעבען, איז אין יענע צייטען מאָגליך געוועזען נור די מענשען, וועלכע די נאַטור אַליין האָט פֿערבונדען מיט'ן געבורט, דורך קְרֵבוּת, דורך דעם, וואָס זיי האָבען געהאָרט צו איין מִשְׁפָּחָה.

מענשען, וועלכע נאָך'ן געבורט זיינען פֿרעמד איינע צו די צווייטע, פֿלעגען ניט אַריינגעהן אין קיין פֿרייע פֿערבינדונגען

אויף צוזאַמען פּראָדוצירען: דעם אַמאָליגען, אוראַלטען מענשען איז צו שווער געוועזען אויסקלערען אַזאַ האַרבע זאַך, ווי אַ פרייען אבמאַך מיט פרייוויליגע הִתְחַיְבוּת איינע צו די צווייטע; דער שרעקליך שווערער קאַמפּף מיט דער באַזער, אונערבאַרעמליכער נאַטור האָט צוגעוואהנט דעם מענשען צו קוקען פיינדליך אויף יעדעם איינעם, מיט וועלכען די משפחה אונ דאָס צוזאַמען לעבען האָט איהם פערבונדען.

דאַרום האָט די געזעלשאַפט פון דעם אוראַלטען פעריאָד געהאַט די פאָרמע פון איין משפחה-בונד אָדער משפחה-גרופּע, קיינע געזעלשאַפטליכע בעציהונגען, אויסער דער משפחה, זיינען ניט פאָרגעקומען.

די פּראָדוקציאָן אין דער משפחה איז דער הויפּט בעשטאַנען אין איינפאַכע קאָאָפּעראַציאָן. די געזעלשאַפטליכע אַרבייט איז אַזוי בעגרענצט אונ איינפאַך, אַז יעטוועדער קאָן טהון דאָס, וואָס אַנדערע טהוען אונ אַלע אַרבייטען, יעדער בעזונדער, אונגעפעהר גלייכע אַרבייט.

דאָס איז די קלענסטע פאָרם פון קאָאָפּעראַציאָן. אין געוויסע צופעלע פלעגט פאָר קומען מעהר ענגערע פערבינדונג: קאָלעקטיוו, מיט אללגעמיינע כחות, פלעגט מען טהון אַזאַ אַרבייט, וועלכע איין מענש איז ניט ביכולת צו אָבטהון אונ זי פאָדערט פעראייניגטע קראַפטען פון דער גאַנצער גרופּע, צום ביישפּיעל, דאָס בראָניען צוזאַמען זיך געגען אַשטאַרקע חיה, דער יאַגד אויף איהר. א. ד. ג.

ווייטער, איז אין דער משפחה-גרופּע שוין גאַנץ פריה פאָרגעקומען אַ התחלה פון טהיילונג דער אַרבייט. אָנפאַנגס קומט דאָס פאָר צו ליעב דעם נאַטירליכען אונטערשייד פון זכר אונ נקבה, פון ערוואַקסענע אונ קינדער. מיט'ן יאַגד, למשל, פלעגען זיך בעשעפטיגען ערוואַקסענע מאַנסלייט, פרויען אונ קינדער אָבער — מיט זוכען אויבס אונ ז. וו.

בעשטימען די אַרבייט פיר יעדען האָט ניט געקאָנט זיין ווי אַ הפקר זאַך פון יעדעם איינציגען: דער שווערער קאַמפּף מיט דער נאַטור האָט דאָס ניט דערלאָזען. מען האָט געמוזט זעהען,

אַז די אַרבייט זאָל זיין שטריינג פֿעראייניגט און אָרגאַניזירט, אַז מען זאָל בחנם קיין כחות ניט אויסניצען. די אַרבייט איז געווען אָרגאַניזירט דורך'ן קאָלעקטיווען (חברה'שען) ווילען פֿון דער משפחה, לויט עס האָט געפּאַסט צו איהרע קאָלעקטיווע אינטערעסען.

פֿון דעם ענטוויקלונגס-גאַנג פֿון דער אוראַלטער משפחה און אַללע איהרע פּרטים קאָן מען היינט קיין גענויע ידיעות ניט האָבען, נור בערך קאָן מען זיך פֿאָרשטעלען די אַלגעמיינע סמנים פֿון דיעזער ענטוויקלונג.

גאָר אַנפֿאַנגס איז די אוראַלטע גרופּע, וואַהרשיינליך, בעשטאַנען פֿון אַ פֿרוי — אַ מוטער און איהרע קינדער, וועלכע נויטהיגען זיך אין די קינדערשע יאָהרען אין איהר הילף; אין פֿערלויף פֿון אַ געוויסער צייט האָבען די נוצען פֿון דער קאָאָפּעראַציאָן פֿערשטאַרקט אַזאַ פֿערבינדונג. די קינדער פֿלעגען שוין ניט אַוועק געהן פֿון דער מוטער, אַפילו דערוואַקסענערהייד. די געוואָנהייט צו זאַמען לעבען האָט זיך אַלץ פֿערשטאַרקט, מענשען האָבען זיך אַלץ מעהר געשטרעבט לעבען צוזאַמען.

די משפחות האָבען זיך אַלץ מעהר פֿערגרעסערט, פֿערשטעהט זיך, אויף אַזוי פֿיעל, אויף ווי פֿיעל די ענטוויקלונג פֿון דער טעכניק האָט ערלויבט. אויב די פֿערגרעסערונג איז אַריבער די גרענעצען פֿון דער טעכניק האָט די משפחה געמוזט פֿערנאַנדער פֿאַלען.

---

## 3. דִי אוּרַאַלְטֶע אַרְטֶען פֶערְטֶהַיילוּנְג:

די אַרטען פֿערטהיילונג פֿון די פּראָדוקטען צווישען די מיטגליעדער אין דער אוראַלטער גרופּע זענען געווען צוגעפּאַסט צו די פּראָדוקציאָנס בעציהונגען.

אויב בעשטימען די אַ ר ב י י ט אין דער פּראָדוקציאָן האָט זיך געווענדעט ניט אָן דעם פּערזאָנליכען ווילען, נור אין

קאָלעקטיווען האָט די פערטהיילונג פון די פראָדוקטען געמוזט אויך פאָרקומען דורך דער גאַנצער גרופע.

די גרופע האָט יעדער'ן געגעבען נאָך זיינע בעדערפניסע געבען וועמען פון די מיטגליעדער ווייניגער ווי איהם איז נויטהיג, איז פיר דער גרופע געוועזען אונמאָגליך, ווייל אַזא פיהרונג וואָלט געבראַכט צו דעם, אַז איניגע וואָלטען אין גאַנצען אומגעבראַכט געוואָרען און די גרופע זעלבסט וואָלט שוואַכער געוואָרען.

געבען וועמען מעהר ווי איהם איז נויטהיג איז מאָגליך געוועזען סיידען זעהר זעלטען. בכלל האָט דאָס ניט געקאָנט פאָרקומען צו ליעב דעם, וואָס די פראָדוקציאָן איז געוועזען ווייניג ענטוויקעלט און עס איז ניט געוועזען קיין „מעהר ארבייט" (אַזא אַרבייט, וועלכע זאָל בעשאַפען מעהר ווי עס איז נויטהיג פיעל מען ברויך צום לעבען).

ווי מען זעהט, האָט די אוראַלטע פערטהיילונג געהאַט אַ אָרגאַניזירטען, קאָמוניסטישען (בחברותא'דיג) כאראַקטער. עס איז נאָך דאַמאָלס ניט געוועזען קיין שפור פון פערזאָנליכער פריוואַט איגענטהום (איגענס). וואָס מען האָט צוזאַמען אויסגעאַרבייט, איז דאָס צוזאַמען פערטהיילט געוואָרען און באַלד אויך פערברויכט. קיין אָנגעקליבענעס, קיין זאמלען איז נאָך דאַן ניט פאָרגעקומען.

---

## 4. די הויפּט־סימנים פון דער פּסיכאָלאָגיע ביי דער אוראַלטער געזעלשאַפט.

די לאַגע פון אַ יחיד אין דער אוראַלטער משפחה האָט ניט זעלטען מען פאָרגעשטעלט אין זעהר שיינע פאַרבען: ביטא קיין הערר'ן און קנעכט, גלייכהייט אין דער פערטהיילונג, ברידערשאַפט אין אַלע בעציהונגען, דוכט זיך — אָט זיינען שוין אַלע בעדינגונגען, אַז די מענשליכע

קראַפֿטען זאָלען זיך שנעל ענטוויקלען, אַז די בעבניק זאָל פֿראָגרעסירען, און מיט איהר אויך די עקאָנאָמישע בעציהונגען און די גייסטליכע קולטור; נור אין דער ווירקליכקייט איז געוועזען גאָר אַנדערש: די פֿאָרמען אין דער אוראַלטער קאָמוּניסטישער געזעלשאַפֿט זיינען געוועזען אַזוי פֿערהאַרטעט און אוּנבעוועגליך, די בעציהונגען אין אַלע הינזיכטען פֿון לעבען זיינען אַזוי ווייניג פֿאָרוואָרטס געגאַנגען, ווי אין קיין שום געזעלשאַפֿט, וועלכע איז נור בעקאַנט דער וויסענשאַפֿט.

די אוראַלטע משפחה-געזעלשאַפֿט האָט ניט געוואוסט פֿון קיין הערען און קנעכט, נור האָט אויך ניט געוואוסט פֿון קיין פֿרייהייט. דער מענש האָט זיך דאַנן געפֿונען אין דער אונערטראָגליכסטער קנעכטשאַפֿט, וועלכער ס'איז נור מעגליך, איהם האָט אונטערדריקט די באָזע מאַכט פֿון דער נאַטור, געגען וועלכע ער איז געוועזען הילפֿלאָז, וועלכע ער האָט נאָך ניט געוואוסט צו זיעגען.

די אויסערליכע נאַטור קראַפֿטען פֿלעגען אָפֿט מאַכען אַ תל פֿון זיינע אַלע מיהונגען, אויף יעדער טריט פֿלעגט זיין שיקזאַל זיין אין געפֿאַהר פֿון זיי די בלינדע נאַטור איז געוועזען האַרטער און אונערבאַרמליכער, אַלס די בעוואוסטליכע האַרטקייט פֿון די מענשען אין די שפּעטערדיגע צייטען.

אין דער פֿערטהיילונג האָט געהערשט גלייכהייט, אָבער וואָס איז געוועזען צו פֿערטהיילען? די רעזולטאַטען פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער אַרבייט זיינען געוועזען אַזוי קאַרג און אָרעם, דאָס אפילו ביי יענע אונענטוויקעלטע, ניט בעדייטענדע בעדירפֿניסע האָט די גרופּע קוים געקאָנט עקסיסטירען, די מאַטעריאַלע לאַגע, דער וואָהלשטאַנד, ביי די אוראַלטע מענשען איז געוועזען אין אַזאַ שטופּע, דאָס די היינטיגע אָרימקייט, אין פֿערגלייך מיט איהר קען הייסען עשירות.

די אוראַלטע ברידערשאַפֿט, דאָס העלפֿען איינער דעם צווייטען, האָבען ווירקליך ענג און שטאַרק פֿערבונדען די אוראַלטע מענשען, נור אַזעלכע בעציהונגען זיינען ניט אַריבער די גרענעצען

פֿון דער שמאָלער, קליינער משפּחה. דער מענש, וועלכער האָט ניט געהערט צו דער גרופּע האָט ניט געקאָנט ערוואַרטען קיין הילף פֿון די מיטגליעדער פֿון דער קליינער געזעלשאַפֿט. פֿערקעהרט, מען האָט אידם געהאַלטען פֿיר אַ שונא, נאָך וועלכען מען פֿלעגט זיך אָפֿט יאָגען, ווי נאָך אַחיה..

י. די איבערמאַכט פֿון דער נאַטור איבער׳ן מענשען האָט שווער געמאַכט די ענטוויקלונג מיט דעם, וואָס די מענשען האָבען געמוזט אויסנוצען זייערע אַללע קראַפֿטען אויף דעם האַרטען אונמיטעלבאַרען קאַמפּף, אום זיך אַ דורך לעבען. צוליעב דעם, וואָס די פֿערטהיילונג איז געוועזען אַ גלייכע, די טעכניק וועניג ענטוויקעלט אונד די אַרבייט האָט ניט בעשאַפֿען מעהר פּראָדוקטען ווי עס האָט זיך געברויכט, איז געוועזען גאָר אונמעגליך, דאָס זאָגאַר איינציגע פּערזאָנען זאָלען פֿערגרעססערען זייערע בעדערפֿניסע אונד מיט דעם וואָלט זיך פֿערשטאַרקט זייער פּערזאָנליכע ענערגיע אונד וואָלטען דורך דעם געשטופּט דעם געזעלשאַפֿטליכען פּראָגרעס פֿאָרווערטס.

ז די ענגע פֿערבינדונג צווישען די מיטגליעדער פֿון דער משפּחה, צווישען וועלכע עס איז כמעט ניט געוועזען קיין שום אונטערשייד אין גייסטליכען צושטאַנד, האָט געפֿיהרט צו דעם, אַז דער יחיד, די פּערזאָן, איז גאָר אין גאַנצען ניט פֿאָהיג געוועזען זיך אָבטהיילען, שטעלען זיך אויסער דער גרופּע, קוקען אויף זיך ווי אויף אַ בעזונדערע פּערזאָן, דער מענש האָט דאַן קיין פּערזאָנליכען ווילען ניט געהאַט. עס האָט נור געהערשט דער ווילען פֿון דער משפּחה.

דאָס איז געוועזען דער ווילען ניט נור פֿון לעבעדיגע, נור הויפּט-זעכליך פֿון געשטאָרבענע. אין משך פֿון הונדערטער אונד טויזענדער יאָהרען פֿלעגט זיך איבערגעבען פֿון איין דור צום צווייטען כמעט אונפֿערענדערט די אַלטע מנהגים, ווי אַזוי צו פֿיהרען דעם קאַמפּף אום דאָס דאַזיין, די בעציהונגען פֿון איינע צו די צווייטע, די דעות אונד אַרט דענקען, די פֿערגאַנגענהייט, אויסדריקענדיג זיך אין דעם פֿערהאַרטעטען מנהג, האָט געהערשט איבער דער געגענוואַרט. אין די פּרטים פֿון לעבען, וועלכע מען האָט ניט

געקאָנט פֿאָראויס זעהען און אַריינשפּאַרען אין די ענגע סמנים פֿון מנהג איז די איינציגע פּרואָן גאָר ניט פֿאָהיג געוועזען אַרויסטרעטען זעלבסטשטאָנדיג און פֿלעגט זיין לחלוטין אונטער־געוואָרפֿען דער ממשלה פֿון דער גרופּע. אין פֿאָרלויף פֿון טויזענדער יאָהרען ווערען די פֿערהאַרטעוועטע מנהגים אין גאַנצען פֿערשטיינערט. וואָס נור נייעס, וואָס נור ס'איז געגען די געוואָהנליכע פֿאָרמען פֿון לעבען און דענקען וואַרפֿט שוין אויפֿ'ן אוראַלטען מענשען אַ פּחד און פֿערשאַפֿט איהם ליידונגען. די פּסיכאָלאָגיע פֿון דער אוראַלטער מענשהייט איז געוועזען די שטאַרקסטע שטערונג פֿאַר יעדער ענטוויקלונג.

נור דאָס איז נאָך וועניג. פֿיר ענטוויקלונג איז נויטהיג שטאָף. וואָס אָרימער דעם מענשען'ס דענקען (פּסיחיקע) איז, אַלס וועניג ער פֿערשטאָנדליך זיינען די בעציהונגען פֿון די מענשען צו אַלץ וואָס קומט פֿאָר אַרום זיי, אַלס אונמאָגליכער איז דער פּראָגרעס; דער פֿערשטאַנד איז ביי דעם מענשען דאָס שטאַרקסטע געוועהר און ביי די אוראַלטע מענשען איז דער פֿערשטאַנד געוועזען נאָך גאָר אין אָנפֿאַנג צושטאַנד, דער קוק פֿון די אוראַלטע מענשען אויפֿ'ן לעבען און וועלט זיינען געוועזען נאָך גאָר ווילד און דונקעל: די איבערמאַכט פֿון דער נאַטור האָט פֿערשקלאַפֿט דעם פֿערשטאַנד; די שמאָלע בעציהונגען צווישען די משפּחות האָבען געצוואונגען, אַז דער געדאַנק זאָל ניט אַרויס פֿון די ענגע ד' אַמות פֿון דער משפּחה, זיי האָבען געשטערט די ענטוויקלונג פֿון פֿערשטאַנד און האָבען ניט דערלאָזען, אַז דער גייסטליכער האָריזאָנט פֿון די מענשען זאָל זיך פֿער־ברייטען.

דער גאַנצער גייסטליכער פֿאָראַטה (זאַפּאַס) פֿון דעם אוראַלטען מענשען איז בעשטאַנען פֿון איינציגע אָבגעריסענע, אין אַלגעמיין ניט קיין בעדייטענדע, פּראַקטישע בעשעפֿטיגונגען, וועלכע זיינען געוועזען צווישען זיך פֿערפֿלאָנטערט און פֿון זעהר פֿיעל פֿאַנטאַסטישע פֿאָרשטעלונגען וועגען דער וועלט. דאָס וואָס דעם מענשען'ס דענקען איז געוועזען אין אַ אונענטוויקעלטען צושטאַנד האָט געבראַכט דערצו, דאָס די פֿאַלשע בעשליסונגען

צו וועלכע דער מענש איז געקומען, בעאַבאַכטענדיג די נאַטור, האָבען איבערגעשטייגט די ריכטיגע, די אויסקלערונגען פון זיין פאַנטאַזיע — די ריכטיגע רעזולטאַטען פון ערקאָנטנים.

אונטער דער ממשלה פון דער נאַטור, איז דער מענש ניט נור ניט געוועזען אומשטאַנד צו פערשטעהן ריכטיג איהרע ערשיינונגען, נור איהם האָט אויך זאָגאַר געפעהלט די נייגיעריג־קייט, וואָס זאָל איהם נויטיגען צו שטרעבען דער צו; ער האָט ניט פערשטאַנען דעם אונטערשייד פון טודטע אונ לעבעדיגע געגענשטאַנדען אין דער אויסערליכער נאַטור, פון פערשטאָנדליכעס אונ אונבעוואוסטעס — אין זיך זעלבסט.

אַללע געגענשטאַנדען, אלע ערשיינונגען אין דער נאַטור זיינען איהם פאָרגעקומען גלייך, פון איין מין. די זונן, וועלכע וואַרעמט איהם, דער שטיין וועלכע וואונדעט זיינע פים, די חיה, וועלכע פאַלט אָן אויף איהם, דער מענש מיט וועלכען ער האָט סכסוכים — אין דעם אַלעם האָט ער נור געזעהן דעם טהאַט, נור די קראַפט, וועלכע איז פיר איהם ניטצליך אָדער שאָדליך.

די בעציהונגען פון מענשען אונ פון געגענשטאַנדען, זיינען געוועזען ביי איהם איינע אונ די זעלבע. צו־ליעב דעם, וואָס ביי איהם האָט אין גאַנצען געפעהלט די ער־קאָנטנים פון דער נאַטור, וואָס פיר איהם איז ניט געוועזען ניט קיין פערשטאָנדליכע אונ ניט קיין אונפערשטאָנדליכע ערשיינונגען, איז ער געקומען צו אַזעלכע בליקען אויף דער נאַטור, וועלכע זיינען אָהנליך צו היינטיגע וויסענשאַפטליכע: פיר איהם איז געוועזען אַלץ נאַטירליך, דען זיין שכל האָט נאָך ניט בעגרייפט קיין איבערנאַטירליכעס.

טעמפּקייט, שמאָלזיניגקייט, אבשייליכקייט צו אַלעם נייעם, אָרעם אין וויסען — דאָס זיינען די הויפּט־סמנים פון דער אוראַלטער פּסיכאָלאָגיע, וועלכע דערלאָזען, וואַהרשיינליך, ניט קיין שום ענטוויקלונג פון דעם מאַטעריאַלישען אונ גייסטליכען לעבען. דאָך איז די ענטוויקלונג פאָרגעקומען, אַבוואָהל זעהר לאַנגזאַם. די אונבעוואוסטע התנגדות.

צום, פראָגרעס מיט וועלכע די אוראַלטע פסיחאָלאָגיע האָט זיך אויס געצייכענט, האָט געקאָנט בעזיעגט ווערען נאָר דורך נאַטור קראַפֿטען.

## 5. די טרייבקראַפט צו ענטוויקלונג אין דער אוראַלטער געזעלשאַפט.

דער צאָהל מיטגליעדער אין יעדער משפחה, ווי עס איז שוין אויבען ערקלערט, האָט זיך געווענדעט אָן דעם צושטאַנד פֿון דער פראָדוקציאָן. יעדע גרופע האָט געמוזט פֿערנאַנדערפֿאַלען, ווי נור איהרע מיטגליעדער האָבען זיך פֿערמעהרט אין אַ געוויסען צאָהל און די פראָדוקציאָנס מיטלען האָבען זיך ניט געענדערט. אויף דעם אָרט פֿון איין גרופע ווערען 2 און יעדע פֿון זיי, פֿערנעהמענדיג אַ בעזונדער פלאַטץ אויף זוכען מיטלען צו ערנעהרען זיך, קאָן ווייטער פֿערמעהרען זיך ביז אַ געוויסע מאָס און ווידער פֿערנאַנדערפֿאַלען און זאָ ווייטער.

אויף אַזאַ אופן ווערט אַלץ מעהר און מעהר פֿערגראָסערט דער צאָהל אַיינוואָהנער פֿון לאַנד. נור די ערד פֿון לאַנד איז בעגרענעצט און ביי דעם אייגענעם פראָדוקציאָנ׳ס-צושטאַנד קען זי ערנעהרען נור אַ געוויסען צאָהל מענשען. ווען די יאָגער בעפֿאָלקערונג ערייכט שוין, למשל, 20 מענשען אויף אַ שטח פֿון אַ מייל, דאַנן געהט שוין דאָס פֿערמעהרען זיך איבער די מאָס און ביי דער בעפֿאָלקערונג קלעקט שוין קיין שפייז ניט אויף ערנעהרען זיך און דאַמאַלס קומט פֿאָר אַבסאָליוטע איבער-בעפֿאָלקערונג.

די איבערבעפֿאָלקערונג ברייננגט מיט זיך הונגער, קריינק, אַ גרויסען צאָהל שטערבענדע, אָהן אַ שעור ליידונגען. די ליידונגען זיינען ביסלעכווייז מנצח די פֿערהאַרטעוועטע מנהגים, עס פֿאַנגט זיך אָן אַ פראָגרעס אין דער טעכניק, דער הונגער איז אַם ענדע גובר דעם האַס צו נייעס און מען הייבט

אָן צו בענוצען נייע מיטלען אויף צו קריגען שפּייז, אַזעלכע, פון וועלכע מען האָט שוין פריהער געוואוסט, נור מען האָט זיי ניט בענוצט, אויך אַ זעלכע, וועלכע ווערען באַלד ערקלערט.

די זעהר וויכטיגע שטערונג פיר דער ענטוויקלונג איז שוין פאר ביי; עס בלייבט נאָך אַ צווייטע שטערונג: דאָס ווייניג וויסען, די אָרעמקייט אין ערקאָנטעניסע, די אונפאָהיגקייט צו זוכען געהעריגע נייע מיטלען אום קאַמפּף מיט דער נאַטור. צוליעב דעם קומט פאָר די ענטוויקלונג נאָך אונבעוואוסטזינגליך, פון זיך זעלבסט, אַזוי לאַנגזאַם, דאָס דעם איצטיגען מענשען איז דאָס גאָר שווער זיך פאָרשטעלען. די פערבאָסערונגען אין טעכניק פערגרינגערט נור אויף אַ צייט די ליידונגען, וועלכע זיינען ענטשטאַנען צוליעב דער אַבסאָלוטער איבערבעפאָלקערונג, די נייע מיטלען פון דער אַרבייט קלעקען שוין אויך ניט, ווען דער צאָהל מיטגליעדער האָט זיך ווידער פערמעהרט אונד דאַמאָלס טרייבט ווייטער דער הונגער דעם מענשען צו געהן פאָרוואָרטס.

דאָס זיינען די אורזאַכען פון דער ענטוויקלונג אין דער אוראַלטער געזעלשאַפט; די אונבעוועגליכע, אַלטע פאָרמען פון דער פראָדוקציאָן טרייבען, פריהער צו שפּעטער, צו אַבסאָליוטע איבערבעפאָלקערונג אונד זי צערשטערט שוין די אונבעוועגליכקייט.

צו ליעב דעם שטאַרקען קאָנסערוואַטיזם (דאָס האַלטען זיך ביי די אַלטע מנהגים) אין דער אוראַלטער מענשליכער פּסיחאָלאָגיע, פאָלגט דער פּראָגרעס פון דער טעכניק שטענדיג פערשפּעטיגען אויף אַ לאַנגע צייט אין פערגלייך מיט דעם פּראָגרעס פון דער בעפעלקערונג, אונד דער מאַנגעל אין שפּייז איז דאַמאָלס בכלל געוועזען אַ חראָנישע, אַ שטאָנדיגע ערשיינונג.

די פאָלגע פון דער איבערבעפאָלקערונג פלעגט פיהרען מערהרסטען טהיילס צו בלוטיגען קאַמפּף צווישען די משפחות-געזעלשאַפטען אונד עס פלעגט פאָרקומען אַ וואַנדערונג פון גאַנצע שטאַמען אין נייע לאָנדער. איבערוואַנדערען

אויף אַ נייעם אָרט איז דאַנן געווען פֿאַר דעם אונעטוויקעלטען מענשליכֿען פֿערשטאַנד אַזאַ האַרבע זאַך, ווי יעדע ענדערונג אין דער טעכֿניק.

---

## II דִי פַּאטְרִיאַרְכַאלֶע – שְׁבָטִים אָרְגַאנִיזַאצְיָאן פוּן דֶער גֶעזֶעלְשַׁאפְט.

---

### 1. דִי עֶנְטְשְׁטֶעהוּנְג פוּן עֶרְד אַרְבֵּייט אוּנ פִיהצוּכְט.

די קראַפֿט פֿון דער אַבסאָליוטע איבערבעפֿעלקערונג האָט גיצוואונגען די אוראַלטע מענשען צו אויסבעסערען ביסלעכֿווייז די ווערקצייג און די מיטלען פֿון דער אוראַלטער יאַגד-פּראָדוקציאָן; אויך זי האָט געצוואונגען די מענשען אין פֿערלויף פֿון אַ געוויסע צייט אַרויסגעהן פֿון די ענגע גרענעצען פֿון דעם פּראָדוקציאָן'ס צושטאַנד און זוכֿען און אַנווענדען נייע מיטלען אַם קאַמפּף פֿיר'ן לעבען, וועלכֿע האָבען אויף אַ הויכֿען גראַד פֿאַרקלענערט די אונאַבהייגיקייט דער מענשליכֿע עקסיסטענץ פֿון אונבעוואוסטזינליכֿע קאַפּריזען פֿון דער אַויסערליכֿער נאַטור.

ערד-אַרבייט און פֿיה-צוכֿט ויינען ענטשטאַנען אין פֿערשיעדענע לענדער, וואַהרשיינליך, זעלבסטשטאָנדיג און אָנפֿאַנגס אַבגעזונדערט איינער פֿון דער צווייטער, נאָך די אָרטליכֿע נאַטירליכֿע בעדינגונגען.

די ענטרעקונג פֿון ערד-אַרבייט איז מן הסתם געקומען נאָך גאַנצע רייהען „צו פֿאָליגע" בעאָבאַכֿטונגען, וועלכֿע פֿלעגען זיך אָפֿט ווידערהאָלען. דער מענש, וועלכֿער האָט אונגער'ן פֿערשאָטען איינע קאָרענדלאַך פֿון די אָנגעקליעבענע ווילדע געוויקסע, האָט געפֿונען אין איניגע מאָנאַטען ארום

אויף דעם זעלבען אָרט אויסגעוואַקסענע זאַנגען. טוויזענדער מאָל האָט דאָס געקאָנט פאָרקומען און דער מענש זאָל דאָס ניט פערשטעהן, נור פריהער צו שפּעטער, האָט דעם ווילדען'ס פער־שטאַנד פערבונדען די ביידע פאָרגעקומענע ערשיינונגען און אַם ענדע האָט די נויט געטריבען איהם זיך צו בענוצען מיט דער ענטדעקונג.

גיבער פון אַלץ האָט די ערפינדונג געקאָנט פאָרקומען דורך די פרויען, וועלכע פלעגען מוזען פיהרען, צוליעב די קינדער, אַ מעהר זיצליכען לעבען, ווי די מענער־יאָגער און פלעגען זיך דאַרום בעשעפטיגען מיט זאַמלען אויבס און קאָרנער.

די אוראַלטע ערד־אַרבייט איז געוועזען וועניג אָהנליך צו היינטיגער: די ווערקצייג זיינען דאַן געוועזען וועניג און אונענטוויקעלט. אַ אַקער, למשל, איז שוין געוועזען אַ שפּעט־ערדיגע ערפינדונג; נאָך גאָר פערהעלטענסמאָסיג ניט לאַנג, שוין אַ סך שפּעטער נאָך די אוראַלטע צייטען, פלעגט דאָס אַקערען פאָרקומען מיט אַ בוים, פון וועלכען מען האָט אויס־געהאַקט די צווייגען, אויסער איינעם וועלכען מען האָט פער־שאַרפט מיט אַ שפּיץ און שלעפענדיג דעם בוים איבער דעם פעלד האָט דער שפּיץ געאַקערט; דאָס ערשטע ווערקצייג אין דער ערד־אַרבייט איז געוועזען אַ פערשפּיצטער שטעקען, מיט וועלכען מען פלעגט מאַכען גריבלאַך אויף אַריין לעגען אַהין קאָרענדלאַך.

די ערשטע, ווירקליכע „אוראַלטע" ערד־אַרבייט האָט זיך בעגאַנגען אפילו אָהן אַזא געצייג אויך.

וואָס אנבעטרעפט די פיהצוכט, איז זי, וואַהרשיינליך, ענט־שטאַנען פון דעם, ווען מען האָט אָנגעהויבען היימיש מאַכען די חיות פיר אַ שפּיעלכעל. היינט נאָך אפילו מאַכען פיעל ווילדע, וואַנדע־רענדע יאָגער, וועלכע שטעהען נאָך אויף דער ניעדריגסטע שטופע פון ענטוויקלונג און האָבען ניט קיין שום בעגריף פון פיהצוכט, היימיש די ווילדע חיות, פון וועלכע זיי ציהען ניט קיין שום נוצען און זיינען פיר זיי נור אַ איבעריגע משא.

די פיהצוכט, אַזוי ווי די ערד־אַרבייט, האָט געמאַכט די־

עקסיסטענץ פֿון מענשען זיכער, און פֿערשפּאָרענדיג אַ געוויסע צאָהל מענשליכע כחות, האָט זי שוין מיט דעם גופא געמאַכט גרינגער די ווייטערדיגע ענטוויקלונג.

די אוראַלטע פֿאָרמען פֿון ערד-אַרבייט און פֿיהצוכט, זאָגאַר יעדע בעזונדער, האָט געגעבען אַ מאָגליכקייט צו פֿער-גראָסערען אויף דעם זעלבען שטח ערד די בעפֿאָלקערונג מיט 3—4 מאָל (ביי מיטעלע בעדינגונגען אין לאָנדער פֿון מיטעל-מאָסיגען קלימאַט, האָבען געקאָנט געפֿונען שפּייז אויף איין קוואַדראַטנעם מייל אַנשטאָדט 20 מענשען-70).

די ערד-אַרבייט אין די ערשטע צייטען פֿון איהר ענטוויקלונג, האָט גאָר ווייניג געענדערט דעם וואַנדערשען אָרט-לעבען פֿון די ווילדע שבטים — זי איז מעהר ניט געוועזען, ווי אַ ביי זאַך צום יאַגד, און דער שבט פֿלעגט ווייטער וואַנדערען פֿון איין אָרט אויף'ן צווייטען נאָך די בעדערפֿעניסע פֿון דער יאַגד; ער פֿלעגט נור בלייבען אַזוי לאַנג אויף איין אָרט, אויף וויפֿיעל עס האָט געפֿאָדערט צייט דאָס פֿערזאָען, דאָס וואַקסען און דאָס אָבשניידען די תבואה. וואָס אַנבעלאַנגט דער פֿיהצוכט, האָט זי שוין נאָך איהר עצם-נאַטור נאָך, געפֿאָדערט אַ וואַנדערשען לעבען: די פֿיה ברויכען פּאַשע און ווען די פּאַשע ווערט אין איין אָרט אויסגענוצט, מוז מען איבערוואַנדערען אויף אַ צווייטען.

אין אַ געוויסען משך, אַז די בעפֿעלקערונג וואַקסט-צו, זענען געצוואונגען די מענשען די ערד-אַרבייט און פֿיהצוכט צו פֿעראייניגען און פֿאַנגען אָן צו בעזעצען זיך אויף איין אָרט. דאָס גיט שוין אַ מאָג-ליכקייט צו אויסבאָסערען די ווערקצייג אין דער ערד-אַרבייט און בענוצען זיך מיט די כחות פֿון די חיות אויף צו בעאַרבייטען די ערד. די פּראָדוקטיווקראַפֿט פֿון דער אַרבייט פֿערהאָכערט זיך און דאָס פֿערגראָסערט ווייטער די גרויס פֿון דער בעפֿאָלקערונג אויף 3-מאָל (אין מיטעלען קלימאַט — 200 מענשען אויף איין קוואַדראַטנעם מייל). די מענשען ווערען שוין פֿערהאָלטניס-מאָסיג זיכער מיט זייער עקסיסטענץ און די מעהר-אַרבייט ווערט שוין אַ שטאָנדיגע ערשיינונג.

## 2. די ענטוויקלונג פון פראָדוקציאָנס־בעציהונגען אין שבט.

די פערהאָבערטע פראָדוקטיווקראַפט פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט האָט געמאַכט מאָגליך בעדייטענד צו פערגראָסערן דעם צאָהל מיטגליעדער אין דער משפחה. דער צו נאָך האָט די פיהצוכט, מיט דעם וואָס זי האָט פערגרינגערט דאָס איבערפאָהרען פון איין אָרט אויף'ן צווייטען (רייטען אויף הירשען, פערד און קאָמלען) און האָט אויף אַזאַ אופן געמאַכט מאָגליך צו פערשפרייטען די געזעלשאַפטליכע פערבינדונג אויף גרעסערע פלאַצער ווי פריהער, זעהר פיעל מיט געווירקט, אז די גרענעצען פון דער שמאָלער משפחה זאָלען זיך אַלץ פערשפרייטען. אַזויערנאָך האָט זיך דער צאָהל פון דער געזעלשאַפט פערגראָסערט פון צאָהנדליגער מיטגליעדער אויף הונדערטער, צום בייִשפּיעל, אַברהם אָבינו, ווי עס דערצאָהלט זיך אין דער תורה, האָט שוין געהאַט אין זיין וואַנדערענדע גרופע 318 בעוואַפענדע מענשען:

די פראָדוקציאָן, ווערענדיג שטאַרק פערברייטערט און פיעלפאַביג, האָט אַרויסגערופען נייע מינים טהיילונג פון דער אַרבייט. זעהר אַ גרויסע בעדייטונג פיר דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג האָט געהאַט דאָס, וואָס דאָס אַרגאַניזירען, אָרדנען מיט דער ארבייט, איז אַבגעטהיילט געוואָרען אין אַ בעזונדער בעשעפטיגונג.

ווען די פראָדוקציאָן אין דער גרופע איז געוועזען נאָך גאָר קליין, זעהר איינפאַך און אויסגערעכענט נור אויף די נויטיגסטע בעדירפעניסע פון דער נאָהנטער צוקונפט, דאַן האָט נאָך די אַרגאַניזאַטאָרשע אַרבייט געקאָנט זיין אַ אַלעגעמיינע בעשעפטיגונג. די אַלע, וועלכע פלעגען אַרבייטען פלעגען אַליין אָרדנען מיט דער אַרבייט, ווייל דערצו האָט זיך ניט געפאָדערט קיין בעזאָנדערער פערשטאַנד; יעדער געוואָהנליכער אַרבייטענדער

פֿון דער גרופּע האָט פֿערשטאַנען אויך צו ארגאַניזירען די אַרבייט, נור אָבער ווען מאָן האָט שוין געדאַרפֿט הונדערטער פֿערשיעדענע אַרבייטען פֿערגאַנדערטהיילען צוועקמאָסיג צווישען די מיטגליעדער, אויסרעכענען די בעדערפֿניסע פֿון דער גרופּע אויף גאַנצע מאָנאַטען פֿאָראוים, בעשטימען די מאָס אויסגענוצטע געזעלשאַפֿטליכע אַרבייטס-קראַפֿט אונ אויפֿמערקזאַם אויף אַלם השגחה געבען — איז שוין דאָס געוועזען צו האַרב פֿיר דעם געוועהנליכען פֿערשטאַנד פֿון יענע מענשען; די אַרגאַניזאַטאָרשע טהאָטיגקייט ווערט שוין אַ ספּעציעלע בעשעפֿטיגונג פֿון די מעהר געניטע, פֿון די מעהר וויסענדע פּערזאָנען. אין יעדער איינציגער גרופּע געהט דיעזע בעשעפֿטיגונג איבער אַלץ מעהר אין איינציגע האָנד, זי ווערט, ווי מען רופֿט דאָס, צענטראַליזירט, מעהרסטעטהיילס געהט זי איבער צום אָלטסטען פֿון שבט, צום פּאַטריאַרך. (פּאַטריאַרכען האָט די זעלבע בעדייטונג ווי די אָבות אין דער תּורה).

דעם אַרגאַניזאַטאָר זיינען אַללע געהאָרזאַם, דאָס איז נויטהיג פֿיר דער אָרגאַניזירונג פֿון דער אַרבייט. אַזוי ענטשטעהט שוין אין דער פּראָדוקציאָן פּאָרזענליכע הערשונג אונ געהאָרזאַמקייט — אַ בעזונדער פֿאָרמע פֿון טהיילונג דער אַרבייט, וועלכע האָט געהאַט אַ שטאַרקע בעדייטונג אויף דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט.

אויף מלחמות פֿלעגט מען דאַמאָלס קוקען, ווי אויף אַ בעזונדער אַרט פּראָדוקציאָן, ווי אויף אַ אַרבייט, דורך וועלכער מען פֿיהרט דעם קאַמפּף מיט דער אויסערליכער נאַטור, ווייל די מענשען — שונאים פֿלעגט דאַמאלס בעטראַכט ווערען זוי געגענשטאַנדען פֿון דער אויסערליכער נאַטור, ווי וואָלף אונ טיגרען. אין דעם פּאַטריאַכאַלען-שבטים פּעריאָד, האָט דיעזער אַרט פּראָדוקציאָן (ד. ה. מלחמות) געהאַט אַ וויכטיגע בעדייטונג, ווייל די שטאַרק געדיכטע בעפֿעלקערונג (פֿיעל איינוואָהנער אויף איין שטיק פּלאַטץ) האָט געבראַכט צו אָפֿטע סכסוכים (רייבונגען) צווישען די מענשען, בעזאָנדערס צווישען די וואַנדערשע פֿיה-

צוכטער (פאַסטיכער *) צוליעב די מלחמות ווערט די הערשונג פון אָרגאַניזאַטאָר פערשטאַרקט און פערפעסטיגט, דען די מלחמות פאָדערען אַ ענגע פערבינדונג און אַ שטרענגע געהאָר=זאַמקייט (דיסציפלין). ביסלעכווייס געהט איבער די אַבסאָלוטע געהאָרזאַמקייט, אין צייט פון מלחמות, אויך אויף די רוהיגע צייטען. עס קאָן זעהר זיין, דאָס אָנפאַנגס האָט טאַקי די אָרגאַניזאַטאָרשע הערשונג בעשטאַנען נור אין פיהרען מלחמות, אין אָרדנען מיט דער יאַגד, נור אין פערלויף פון אַ צייט, איז זי איבערגעגאַנגען אויך אויף אַנדערע צווייגען פון דער פראָדוקציאָן, ווי נור זיי זיינען געוואָרען פיעלפאַכיגער און פאָלקאָמענער. מיט געווירקט דער פערברייטונג פון דער אָרגאַניזאַטאָרשע הערשונג האָט געוויס דאָס, וואָס פון דעם אָרגאַניזאַטאָר איז געוועזן אָבהענגיג די פערטהיילונג צווישען די מיטגליעדער דאָס רויב פון מלחמות און יאַגד. דאָס אַליין האָט איהם שוין געגעבען אַ בעדייטזאַמע עקאָנאָמישע קראַפט און אויטאָריטעט אין דער גרופע.

די אָרגאַניזאַטאָרשע אַרבייט איז, וואַהרשיינליך, ערשטע פאָרמע פון דעקוואַליפיצירטער **) אַרבייט. אין דער אוראַלטער קאָמוניסטישער גרופע, וואו יעדער האָט געקאָנט טהון אַלע אַרבייט, וועלכע אַנדערע טהוען, וואו אַלע מינים אַרבייט פלעגט געקאָנט דורך אַלע געמאַכט ווערען, איז די אַרבייט נאָר געוועזן אַ איינפאַכע; פיר דער זעלבער איינפאַכע אַרבייט דאַרף מען רעכענען אויך די בעשעפטיגונגען פון די מיטגליעדער פון פאַטריאַרכאַלישען שבט. די אַרבייט פון אָרגאַניזאַטאָר אָבער קען שוין ניט געטהאָן ווערען אָהן אַ אונטערשייד דורך דעם אָדער יענעם; עס דאַרף האָבען אַ בעזונדער געניטקייט

*) אין חומש פערצאָהלט זיך איינציגע מאָהל וועגען אַ זעלכע מחלוקת, צ. ב. די קריעג צווישען אברהם'ס און לוט'ס פאַסטעכער, צווישען די רועי גרר און יצחק'ס דיענער.

**) זעה אויבען.

און, אפשר, אויך בעזאָנדערע, ניט קיין געוואָהנליכע פעהיגקייטען.

דער אָרגאַניזאַטאָר און זיין טהעטיגקייט נעמט אים אַכט — לכל הפחות אָנפאַנגס — די אַלגעמיינע אינטערעסען פון דעם שבט. אויסרעכענדיג פון איין זייט, די אַלגעמיינע בעדירפניסע פון דער גרופע און פון דעם צווייטער זייט, דעם סך הכל אַרבייט־סקראַפט, וועלכע די גרופע פערמאָגט, טהיילט ער פערנאַנדער די אַרבייט. שטעלט איין די פאָרמען פון צוזאַמען אַרבייטען (קאָאָפעראַציאָן) און טהיילונג דער אַרבייט. עס פערשטעהט זיך, אַז דיעזע שווערע אַרבייט טהוט דער אָרגאַניזאַטאָר אונבעוואוסטזיניך, פאַלגענדיג געהאָרזאַם דעם אַלטען מנהג, נאָך טהוענדיג די פיהרונגען פון די עלטערען; נור אין די, פערהעלטענמעסיג, קליינע פרטים, אויף וועלכע דער מנהג פלעגט ניט אָנווייזען, מוז דער אָרגאַניזאַטאָר טהון זעלבסט שטענדיג, נאָך זיין אייגענע אויס־רעכענונג.

די אָרגאַניזאַטאָרשע טהעטיגקייט, ווערענדיג אַלץ מ״הר שווערער און פיעל פאַכיגער, האָט אַרויסגערופען מיט דער צ״יט ביי פערענדערונגען אין דעם געבוי פון שבט, דער אויסוואַקס פון דער גרופע אין איהר פראָדוקציאָן האָט שוין געמאַכט אונ־מעגליך פיר איין מענשען צו טהון די אָרגאַניזאַטאָרשע אַרבייט אין גאַנצען. א טהייל אַרבייט איז איבערגעגאַנגען, נויהטווענ־דיגערווייזע, צו אַנדערע מיטגליעדער פון דער גרופע, צו די מעהר געניטערע און עלטסטע (זקנים). יעדער פון זיי איז איין אָרגאַניזאַטאָר פון אַ טהייל פון שבט, האָטש ער איז אַבהענגיג און אונטערטהעניג דעם הויפט־אָרגאַניזאַטאָר. דער אַבהענגיגער אָרגאַניזאַטאָר רעגיערט מיט דעם טהייל שבט, מיט וועלכען ער איז פערבונדען מיט מעהר ענגערע קרובישע בעציהונגען; אויף אַזא אויפ׳ן האָט זיך שוין אין שבט גופא אָנגעהייבען אַבטהיילען בעזונדערע פ א מ י ל י ע ס, וועלכע פלעגען זיך גרופירען אַרום זייערע אָרגאַניזאַטאָרס, איבער זיי, ווידער, איז געשטאַנען דער פ א ט ר י א ר ך.

דאָך האָט די אָבגעזונדערטקייט פֿון די פֿאַמיליעס אין דער גאַנצער פּאַטריאַרכאַלישער עפּאָכע ניט ערגרייכט קיין בעדייטענדע מאָס: די איינהייט פֿון דער גרופּע איז מאָכטיגער געוועזען פֿיר די אָבגעזונדערטקייט פֿון איהרע טהיילען. אַ בעזונדערע בעדייטונג האָט ערוואָרבען ביסלעכווייז די פֿאַמיליע פֿון דעם פּאַטריאַרך, די מיטגליעדער פֿון דיעזער פֿאַמיליע זיינען נאָהנטער פֿון אַללע געשטאַנען צו דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַטאָרשע טהעטיגקייט און האָבען געקאָנט גרינגער געוואהנט אין פֿאָהיג ווערען צו איהר.

דאַרום פֿלעגט מען שוין פֿון זיי קלייבען איין נייעם אָרגאַניזאַטאָר פֿון שבט, ווען דער פֿריהערדיגער פֿלעגט שטאַרבען אָדער צו אַלט ווערען. נאַטירליך, פֿלעגען די פּאַטריאַרכען זיך שטרעבען צו איבערגעבען בירושה זייער ראָללע זייערע קרובים און פֿלעגען זיי פֿאָרפֿערטיגען צו אַזאַ ראָלע און פֿלעגען ווירקען אויף די איבעריגע מיטגליעדער, אַז זיי זאָלען יענע אויסקלייבען. וואָס ווייטער האָט זיך דאָס זיי אַלץ מעהר איינגעגעבען: דאָס אויסקלייבען אַ נייעם אָרגאַניזאַטאָר איז געוועזען נאָר פֿון יוצא וועגען, נאָר אַ צערעמאָניע און דער פּאַטריאַרך פֿלעגט פֿאַקטיש בעשטימען זיין יורש עצר. די אָרגאַניזאַטאָרשע ראָלע האָט אָנגעהויבען איבער געהען בירושה אין איין פֿאַמיליע.

אַזוי זיינען די פּראָדוקציאָנס — בעציהונגען אין פּאַטרי- אַרכאַלעם שבט. אויסער דעם האָבען נאָך געהאַט אין פּאַטריאַכאַלעם פּעריאָד ניט קיין קליינע בעדייטונג די פֿאָרמען פֿון צוזאַמען אַרבייטען צווישען פֿערשיעדענע שבטים:

אַז דער שבט פֿלעגט פֿערנאַנדער פֿאַלען, פֿלעגען זיך די פֿערבינדונגען צווישען די נייע ענטשטאַנענע גרופּען ניט אין גאַנצען איבעררייסען. אין געוויסע צופֿאָלע, ווען די קראַפֿט פֿון איין גרופּע איז געוועזען צו שוואך, פֿלעגען די קרובישע גרופּען, וועלכע פֿלעגען געהערען צו איין אַבשטאַממונג, זיך פֿעראייניגען, אום צו זאַמען צו פֿיהרען זייער טהעטיגקייט — צו קעמפּפֿען מיט דעם אָנקומענדעם פֿרעמדען שונא, יאָגען נאָך חיות א, ד, גל.

דער אַנ־פיהרער פון אַזעלכע אונטערנעהמונגען פלעגט זיין אָדער דער ראַטה פון די עלטסטע אָרגאַניזאַטאָרען (ועד הזקנים) אָדער אַ עלטסטער, וועלכען זיי פלעגען בעזונדער אַליין אויס־קלייבען.

צוזאַמען מיט אַזאַ אָרגאַניזירטע קאָאָפּעראַציאָן (צוזאַמען אַרבייטען) צווישען די שבטים הויבט זיך אָן ביסלאַכווייז צו בעוויזען אַ נייע פאָרם פון פּראָדוקציאָנס־פערבונדונג צווישען די שבטים — ניט קיין אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטליכע טהיילונג דער אַרבייט. אזוי ווי די מעהר־אַרבייט (דאָס בעשאַפען מעהר פּראָדוקציאָן, ווי עס איז נויטהיג) ווערט שוין אַ געוואָהנליכע ערשיינונג אונ נאָך דעם, אַז די ערד־אַרבייט איז געוואָרען פער־בונדען מיט דער פיהצוכט — זאָגאר אַ שטאַנדיגע ערשיינונג, קלייבען זיך שוין ביי די מענשען אָן פּראָדוקטען, וועלכע מען פערברויכט ניט באַלד, עס ווערט שוין אַ פאָראַטה.

צוליעב די פערשיעדענע נאַטור בעדינגונגען, אין וועלכע איינציגע גרופען לעבען, אָדער צוליעב אַנדערע צופעליגע אומשטאַנדען, זיינען די אָנגעקליעבענע פּראָדוקטען פערשיעדען ביי פערשיעדענע גרופען. איין גרופע האָט אַזעלכע איבעריגע פּראָדוקטען, אין וועלכע די צווייטע נויטהיגט זיך אונ די ערשטע קומט צו הילף דער צווייטער. עס קען זיין, אז פון דעם מנהג, וועלכער האָט עקסיסטירט צו אָבגעבען די איבעריגע פּראָדוקטען די קרובישע גרופעס, שטאַמט דער ערשטער טויש, אין דעם טויש דריקט זיך אויס ניט קיין אָרגאַניזירטע פערבינדונג צווישען די גרופען, דען פאַקטיש שאַפט שוין די גרופע פּראָדוקטען ניט נור פיר זיך, נור אַ טהייל אויך פיר אַנדערע גרופען אונ יענע — פיר איהר, די פּראָדוקציאָן ווערט שוין אַזוי־ערנאָך אַ אַלגעמיינע צווישען אַלע גרופען, נור זי ווערט אָבער ניט אָרגאַניזירט נאָך די בעדירפניסע פון אַלע גרופען, נור יעדע גרופע אָרגאַניזירט די אַרבייט ביי זיך זעלבסטשטענדיג.

דיעזע פאָרם פון געזעלשאַפטליכער טהיילונג פון דעם פּאַטריאַרכאַלישען־שבטים פעריאָד האָט נאָך ניט געהאַט קיין וויכטיגע בעדייטונג פיר די געמיינדען: דאָס מעהרסטעטהייל

בויטיגע פּראָדוקטען אַרבייט אוים יעדער שבט פאַר זיך זעלבסטשטענדיג.

ווי מיר זעהען, בעשטעהען די הויפּט־סמנים פון פּראָדוקציאָנס בעציהונגען, וועלכע אונטער שיידען דעם פּאַטריאַכאַלנעם־שבט פון אוראַלטען קאָמוניסטישען דער מיט, וואָס די אָרגאַניזיטאָרשע אַרבייט טהיילט זיך אָב אין אַ בעזונדערע בעשעפּטיגונג, דאָס צוזאַמען אַרבייטען אונג טהיילונג פון דער אַרבייט ווערט פערשפּרייט אונג שטאַרקער ווי אין דער גרופּע גופא, אַזוי אויך — אין אַ קלענערען מאָס — צווישען די גרופּען; דער ביי טרעט אַרוים — צוליעב דער מעהר אַרבייט — צום ערשטען מאָל אַ נייער פאָרם פון ניט אָרגאַניזירטע טהיילונג דער אַרבייט — דער טויש.

דאָס אַלץ קומט פאַר זעהר לאַנגזאַם, פאָלקאָם ענטוויקלעט ווערט דאָס אַלץ נור ביים זיטצליכעם אַרט לעבען, ווען די ערד־אַרבייט איז שוין פערבונדען מיט דער פיהצוכט. דאָרטען וואו די פערבינדונג איז נאָך ניט פאָרגעקומען בעוויזען זיך נאָך ניט די אויבענבעשריעבענע סמנים אַזוי שאַרף. ביי די וואַנדערענדע פיהצוכטער (פּאַסטוכער) ענטוויקלען זיך די נייע פאָרמען ביכער ווי ביי די ערד אַרבייטער; דאָס איז צו ליעב דעם, וואָס, ערשטענס, איז די פיהצוכט מעהר פּראָדוקטיוו, ווי די אוראַלטע ערד אַרבייט, צווייטענס, וואָס די פיהציכטער פיהרען אַ מעהר בעוועגליכעם לעבען, וועלכעס פיהרט זיי צו מעהר סכסוכים מיט אַנדערע שטאַמען, דער פאַר אָבער אויך צו אָפטערע פערבונדונגען צווישען די מענשען.

## 3. די פֿאָרמען פֿון דער פֿערטהיילונג אין דעם פּאַטריאַרכאַלען שבטים־פֿעריאָד.

### א). די אָרגאַניזירטע פֿערטהיילונג.

גלייך ווי די אָרגאַניזאַטאָרשע טהאֶטיגקייט אין דער פּראָדוקציאָן איז איבערגעגאַנגען פֿון דער גאַנצע גרופּע צו איין איינציגען מענשען — צום פּאַטריאַרך, האָט שוין געמוזט אויך איבערגעהן אין זיינע האֶנד די ממשלה, וואָס אָרגאַנאַזירט די פֿערטהיילונג. נור דער אָרגאַניזאַטאָר איז פֿעהיג געווען אָהן פֿעהלערען און ווי עס איז פּאַסט פֿיר די אַלגעמיינע אינטערעסען צו לאָזען פֿראַגען, וועלכע טהייל פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען פּראָדוקט קען מען פֿערניצען באַלד, וועלכע מען דאַרף פֿערווענדען אויף דער קינפֿטיגער פּראָדוקציאָן און וועלכע מען דאַרף איבערלאָזען אין פֿאָראַטה אויף דער קינפֿטיגער צייט; נור ער האָט געקענט, נעמענדיג אים אַכט די ראָל פֿון איינצעלנע מיטגליעדער פֿון דער גרופּע אין אַלגעמיינער פּראָדוקציאָן, איינטהיילען יעדער'ן נאָמליך אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל עס איז נויטיג געווען פֿיר דעם ערפֿילען פֿאָרשריטליך דיעזע ראָל.

וואָס מעהר די מעהרהייט פֿון דער שבטים־גרופּע האָט זיך ענטוואָהנט פֿון נעמען אַ פֿאַקטישען אַנטהייל אין דער אָרגאַניזאַטאָרשער טהאֶטיגקייט און פֿון קאָנטראָלירען דעם פֿערטהיילונג, אַלס מעהר אַבסאָליוט איז געוואָרען דעם פּאַטריאַרכ'ס רעכט צו אָרדענען מיט דעם מעהר־פּראָדוקט. וואָס מעהר עס האָט געשטייגט די אַלגעמיינע סומע פֿון דער מעהר־אַרבייט, אַלס מעהר בעדייטענד איז געווען דער חלק פֿון פּראָדוקט, וואָס דער אָרגאַניזאַטאָר האָט פֿערנוצט פֿאַר זיך אַליין, — עס האָט געשטייגט, ווי מען זעהט דער פֿון, די ניט גלייכהייט אין דער

פערטהיילונג צווישען איהם און די איבעריגע מיטגליעדער פון דער גרופּע. דאָס איז שוין אַ שטיקעל שפּראָצונג פיר דער עקספּלאָאַטאַציאָן, אָבער טאַקי נור א שפּראָצונג, ווייל דער מענש וואָס איז פערנומען מיט דער ערפילונג פון אַזאַ פערדרעהטער ארבייט, ווי די אָרגאַניזאַטאָרשע, האָט ווירקליך פערשוועגדעט א גרעסערע מאָס אַרבייט, אַלס איין אַנדערער און ביי איהם האָבען זיך פערהאַלטנים־מאָסיג ענטוויקעלט פיעל ברייטערע בעדערפעניסע. די גרויס פון דער עקספּלאָאַטאַציאָן איז דאָך אָבער געווען בעגרענעצט, ווייל די אַלגעמיינע פּראָדוקציאָן איז געווען ניט בעדייטענד און די מינים פּראָדוקטען זענען געווען וועניג: דער אָרגאַניזאַטאָר אַליין האָט געמוזט צופריעדען זיין מיט די זעלבע געברויך מיטלען, ווי אַלע אַנדערע. און טאָמער האָט ער שוין אויסגעקליבען דאָס בעסערע פון דעם, וואָס עס איז געווען פּראָדוצירט, האָט ער דאָך ניט געקענט אויפעסען צעהן מאָל מעהר פלייש אָדער ברויט, אַלס איין צווייטער מיטגליעדער פון דער גרופּע. אמת, ער האָט געקענט אויסטוישען ביי איין אַנדער גרופּע דעם אלגעמיינעם מעהר־פּראָדוקט אויף עפּים אַנדערע בעזונדערע געברויך מיטלען; נור דאָס האָט געטראָפען פערהעלטניסמאָסיג זעלטען, דורך דעם, וואָס דער טויש איז וועניג געווען ענטוויקעלט.

ווייטער, אין אַזוינע צופאַלע, וואו בעזונדערע שבטים־גרופּען האָבען זיך פעראייניגט אין איין אַלגעמיינעם שטאַמען — אָרגאַניזאַציאָן צו ליעב וועלכע עס איז אויסטערלישע אונטערנעמונגען, פלעגען דעם פּראָדוקט פון דער אַלגעמיינע אַרבייט (דער פאַנג פון דער אַלגעמיינער יעגעריי, די רויב פון די חיל) פערטהיילען די זעלבע פערזאָנען, וועלכע האָבען אָרגאַניזירט די אונטערנעמונגען אַליין. דאָס רוב פלעגט עס אויספאַלען אויפ'ן „ועד הזקנים", די פערטהיילונג צווישען די גרופּעס פלעגט געמאַכט ווערען, לויט דער שטופע אַנטהייל, וואָס יעדע פון זיי האָט גענומען אין דער אַלגעמיינער ארבייט.

בכלל, האָבען זיך אויסגעצייכענט די אָרגאַניזירטע פאָרמען פון דער פערטהיילונג אין דער עפּאָכע, וועלכע מיר ערפאָרשען

דאָ, פֿון די מעהר אורשפּרינגליכע פֿאָרמען, ניט אַזוי פֿיעל מיט דער ניט גלייכער פֿערטהיילונג און עקספּלאָאַטאַציאָן, ווי פֿיעל מיט דעם איבערגאַנג אין די הענד פֿון איינציגע פּערזאָהנען די מהאַטיגקייט, וואָס האָט אָרגאַניזירט די פֿערטהיילונג.

ב) די ניט אָרגאַניזירטע פֿערטהיילונג — די טויש־ענטוויקלונג.

ווען אין דער שבטים־גרופּע איז די מותרות פֿון דער פּראָדוקציאָן געוואָרען איין געוואָהנליכע ערשיינונג, איז דאמאָ׳ס געווען גענוג צווי בעדינגונגען, אַז צווישען צוויי שבטים־געמיינדען זאָל ענטשטעהן דער טויש: די פֿער־שיעדענהייט אין זייער פּראָדוצירטע פּראָדוקטען און אין זייערע פֿריינדליכע בעציהונגען (דער געזעלשאַפֿטליכער בונד). די ערשטע בעדינגונג האָט זיך פֿערווירקליכט צום אָנהייב דאָס מעהרסטע טהייל דורך די פֿערשיעדענהייטען אין די מיטלען פֿון דער פּראָדוקציאָן, וואָס דאָס האָט די אויסערליכע נאַטור געגעבען פֿערשיעדענע געמיינדען: די געמיינדע, וואָס אויף איהר ערד האָט געוואַקסען תּבואָה גוט, אָבער פֿלאַקס—שלעכט, האָט זיך געטוישט מיט דער צווייטער געמיינדע, ביי וועלכער דער באָדען איז געווען בעסער פֿיר פֿלאַקס זריעה און ערגער פֿיר תּבואָה; די גרופּע וואנדערענדע פֿיהציכטער האָט געגעבען פֿלייש פֿער ברויט פֿון די ערד־אַרבייטער א. ד. ג. די צווייטע בעדינגונג איז פֿערווירקליכט געוואָרען אין קרובה׳שען שטאַמען־בונד פֿון איינצעלע געמיינדען, אַ בונד, וועלכער האָט אונטער־געשטיצט זייערע קאָלעקטיווע אונטערנעהמונגען. אַם ענדע. אַז דער טויש האָט זיך שוין שטאַרק ענטוויקעלט, האָבען זיך שוין די פֿערשיעדענע מינים פֿון דער פּראָדוקציאָן, פֿערמעהרט ניט נאָר דורך דעם, וואָס די נאַטור האָט אונמיטעלבאַר געגעבען, נאָר אויך דורך פֿערשיעדענע טעכנישע מיטלען, וואָס מען האָט אויס געלערנט; און פֿריינדליכע אויפֿטראַגען פֿלעגען שוין ניט זעלטען פֿאָרקומען, טראָץ די שטאַמען קרובה׳שאַפֿט.

אין זיין היסטאָרישען ענטוויקלונג געהט דער טויש דורך דריי פֿאַזען, ער בעקומט דריי פֿערשיעדענע פֿאָרמען.

די ערשטע אָדער די איינפאַכע פאָרמע פון טויש געהערט צו דעם פעריאָד, ווען דער טויש איז נאָך געווען זעהר א זעלטענע ערשיינונג, אפשר, נאָמליך צו דער עפּאָכע פון דעם אורשפרינגליכען קאָמוניזם. צופאָליגער ווייזע בעגעגענען זיך צוויי מענשען, דאָס רוב פאָרשטעהער פון צוויי שטאַמען־געמיינדען; יעדער פון זיי האָט אַ פּראָדוקט צום טויש, וועלכער קומט פאָר צופאָליג נויטהיג דעם צווייטען; אויפ'ן סצענע טרעטען אַרויס אין גאַנצען צוויי פּראָדוקטען, למשל, אַ האַק און ברויט, און טויש קען מען פאָרשטעלען מיט אַפאָלגענדען אופן:

1 האַק איז גלייך צו 2 מאָס קערנער.

אדער אַנדערש.

דער טויש־ווערטה פון איין האַק זענען 2 מאָס קערנער. (בכלל, דער טויש ווערטה פון איין פּראָדוקט הייסט די מאָס פון צווייטען פּראָדוקט, וואָס מען גיט פאַר איהם).

די פּראָדוקטען ווערען יעצט צום אָנפאַנג אַ סחורה, ד. ה. זאַכען פון טויש. אין יענער עפּאָכע אָבער איז זייער ראָל, אַלס סחורה איין צופאָליגע, און דער ווערקער, (דער וואָס מאַכט דעם פּראָדוקט) וואָס מאַכט דעם טויש, האָט נאָך נישט דעם אויסוואַהל צווישען פערשיעדענע פּראָדוקטען, וועלכע ער זאָל קאָנען ערווערבען.

די צווייטע פאָרמע פון טויש געהערט צום ווייטערדיגען פעריאָד, ווען דער טויש איז שוין געוואָרען אַ מעהר געוועהנליכע ערשיינונג און דער פערבונד צווישען מענשען איז ברייטער געוואָרען. אין איין צייט בעגעגענט מען שוין ניט צוויי, נאָר פיעל מעהר סחורות. דער מוכר קומט מיט אַ האַק, איהם לעגט מען פאָר, פון איין זייט 2 מאָס קערנער, פון דער אַנדער זייט — איין שעפּס, פון דער דריטער — 8 פיילענבויגענס א. ד. ג. ער קען שוין אויסקלויבען פון פערשיעדענע סחורות; ער האָט שוין פאַר איהם — אַ מאַרק. די טויש — פאָרמע איז שוין אַזאַ:

1 האַק איז גלייך נאָך דעם ווערטה צו 2 מאָס קערנער.

אָדער צו 1 שעפּס

אָדער צו אַ פּײלענבויגען א. ד. ג.

די צווייטע פאָרמע פון טויש איז ניט פאָהיג אין לעבען לאַנג צו האַלטען זיך אונ זי געהט איבער אין אַ דריטע — אין איין ענטוויקעלטערע אָדער אין דער געלד־פאָרמע.

דער ווערקער פון דער האק געהט אויפ'ן מאַרק אונ וויל אויסטוישען זיין סחורה אויף פּײלענבויגענס. אָבער זעהר זעלטען קען זיך טרעפען אַזאַ צוזאַמענפאַלונג, אַז דער מוכר פון פּײלענבויגען ברויך דוקא אַ האַק; דער צו קען זיך טרעפען, אַז גראָד דאַמאָלס זענען אויפ'ן מאַרק ניטא קיין פּײלענבויגען.

דעם מוכר פון דער האַק לעגט מען פאָר פון אַלע זייטען אוננוציגע פיר איהם סחורות: דאָ 2 מעסערס, דאָרט אַ שעפּס, דאָרט צוויי געהרגעטע האָזען, וואָס זאָל ער דאָ טהון? אַז ער קלערט אַביסעל נעמט ער די שעפּס. זיינע איבערלייגונגען וועגען דעם איז, לערך, אַזוינע: „חאָטש פלייש האָב איך דער וויל גענוג, אָבער די שעפּס קען ביי אין ערגסטען פאַל, לעבען ביז וואַנען דער פּראַטה וועט זיך אויסלאָזען; אונ אויב איך וועל זיך בעגעגענען מיט אַ מענשען, וואָס פערקויפט פּײלענבויגענס, וועט ער זיי גיכער אַוועקגעבען מיר פאַר דער שעפּס, עהדער פאַר דער האַק. די האַק, קען זיין, דאַרף ער ניט, אונ אַ שעפּס קומט צו ניטץ יעדען, אונ אַלע, בכלל, נעמען פיה' אויפ'ן מאַרק זעהר גער'ן". זיינע חשבונות זענען ריכטיג, דער סוחר פון די פּײלענבויגענס, איבערלעגענדיג זיך פונקט אַזוי, קען זיין גיט זיי איהם מיט חשק אַוועק פאַר דער שעפּס.

אַז עס ווערט אַ שטאַרקער אַלגעמיינער אָנגאַנג אויף פיה געוואָהנט מען זיך צו ביסליכווייז בייטען דערויף יעדער סחורה אויפ'ן מאַרק, אויב עס געפינט זיך דאַנן ניט קיין אנדערע נויטיגע סחורה. עס ווערט שוין זאָגאַר אַ געוואהנהייט צו זובען אַ צופאַל גלייך אויסטוישען די סחורה אויף פיה אונ פאַר די פיה קויפט מען שוין דעם נויטיגען פראָדוקט.

די סחורה — פיה — ווערט אַ פאָלקאָם בעזאָנדערע סחורה, וועלכע אַלע נעמען מיט מעהר חשק, צו וועלכע עס

שטרעבען אלע. דער גלייכער טויש פֿערשווינדעט, אויב יעדער סחורה דאַרף פֿריהער אויסגעטוישט ווערען אויף פּיה, כּדי מען זאָל נאָכדעם פֿאַר די פּיה קענען קויפען איין אַנדערע, נויטיגע, סחורה, אָט ווערט שוין די פּיה אַ טויש-מיטעל, אַ מיטעל ווי צו פֿערהאַנדלען די סחורות.

אַזוי קומט אַרויס די דריטע פֿאָרמע פֿון טויש:

1 האַק
אָדער 2 מעסער
אָדער 8 פּיילענבויגענס
אָדער 2 מאָס קערנער

} זענען גלייך צו 1 שעפּס.

אַזאַ בעזאָנדערע סחורה, וואָס ערשיינט אַלס טויש-מיטעל, הייסט געלד. דער טויש-ווערטה פֿון דער סחורה אויף געלד ווערט בעצייכענט מיט'ן טערמין פּרייז. דאָס בענוצען זיך מיט געלד פֿערגרינגערט שוין אויף אַ סך די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פֿון טויש. געלד גיעבען שוין צו אַ שטענדיגען חאַראַקטער די טוישונגס פֿערבינדונגען צווישען די גרופּע.

יעדען-פֿאַל'ס חאַראַקטעריזירט זיך דער פּעריאָד, וועלכען מיר בעטראַכטען איצט — די עפּאָכע פֿון פּאַטריאַרכאַלעם-שבטים אָרגאַניזאַציאָן — מיט פֿערהעלטניססמעסיג שוואַכער ענטוויקלונג פֿון טויש, וועלכער שפּיעלט גאָר ניט קיין בעדייטענדע ראָללע אין דער אַללגעמיינער אויסאַרבייטונג. נור אַ קליינער טהייל פּראָדוקטען פֿון דער גרופּפּע ווערט אַ רויס געפֿיהרט פֿון איהר און נור אַ קליינער טהייל פֿון איהרע בעדירפֿניססע ווערט בע-פֿריעדיגט דורך פּראָדוקטען, וועלכע מען ברענגט פֿון אַנדערע אָרטער. דאָס איז אָבער גאָר ניט סותר דאָס, וואָס מיר האָבען אויבען געזאָגט, אַז בכלל איז די ענטוויקלונג פֿונ'ם מאַרק נאָך גאָר אין די ערשטע צייטען פֿון דיעזעם פּעריאָד געוועזען גענוג, אום עס זאָל ענטשטעהען אַ געלד-פֿאָרם פֿון טויש.

די געשיכטע פֿון געלד-פֿאָרם פֿון טויש ווייזט אָן אויף פֿערשיעדענע סחורות, וועלכע האָבען, איינע נאָך די אַנדערע,

געשפּיעלט אַ ראָלע פֿון געלד.

אָנפֿאַנגס האָבען אָנגעהויבען שפּיעלען א ראָלע פֿון געלד די סחורות, וועלכע זיינען געוועזען צוליעב פֿערשידענע אורזאַכען זעהר פֿערברייטערט און אָנגענומען: פֿעל זאַלץ, פּאַסאָליעס, קאַקאָאָ, מושעלען און ז. וו. נאָך היינט זעהען מיר ביי די ווילדע פֿעלקער, ווי מען בעניטצט זיך אַלס געלד מיט די סחורות, וועלכע מען פֿיהרט אין זייער אָרט מעהר אַריין און אַרויס און עס מאַכט זיך דערביי, אַז אין 2 נאָהנטע דאָרפֿער געהען אָן אַלס געלד בעזונדערע סחורות. אין די לאַנדער, וואו מען האָט געפֿיהרט אַ וואַנדערענדעס לעבען איז אָפֿטער פֿון אַלץ אַרויסגעטרעטען אין אַ פֿאָרם פֿון געלד די פֿיה.

אין דרום אייראָפּא איז דאָס זעלבע פֿאָרגעקוממען מיט 3 טויזענד־יאָהר צוריק. אין די גריכעשע פֿאָלקסליעדער פֿון האָמער (אַ לעגענדישער פּאָעט) רעדט זיך אין איינינע אָרטער וועגען דעם פּרייז פֿון זאַכען אָבגעשאַצט אין אָקסען, — א קופּפערנער דרייפֿוס אין 12 אָקסען, אַ גאָלדנער פּאַנצער אין 100 אָקסען און ז. וו..

נאָר ביסלעכווייז זיינען אומעדום די פֿיה־געלד געוואָרען אַרויס געשטויסען דורך די מעטאַלען. אָנפֿאַנגס פֿלעגען אָנגעהען אייזערנע און קופּפערנע געלד. דיעזע מעטאַלען פֿלעגט מען, אפנים, קויפֿען ניט מיט וועניגער חשק ווי די פֿיה, ווייל מעטאַלישע ווערקצייג און געוועהר זענען געוועזען נויטיגע זאַכען אין יעדער בעל־הביתיש׳קייט, אין דער זעלבער צייט האָבען די מעטאַלען אַזעלכע מעלות, וועלכע מאַכען זיי פֿיעל מעהר פֿאָהיגער צו פֿערנעהמען דעם אָרט פֿון געלד: ערשטענס, טהיילען זיי זיך אויף די קלענסטע טהיילען, איז דאַרום גרינגער צו קויפֿען פֿאַר זיי אַלע סחורות, עהדער פֿיר פֿיה, וועלכע מען קאָן ניט לעבעדיקער הייט צו טהיילען אויף שטיקלאך; צווייטענס, זיינען די איינגענשאַפֿטען פֿון דער מעטאַלען איינע און די זעלבע אין שמיק־אייזען איז גלייך אין דער ווערדע ווי אַ צווייטער שטיק, ווען

אָבער אַנדערער סחורות, אין דעם צאָהל אויך פֿיה, האָבען ניט אַזעלכֿע אייגענשאַפֿטען: איין שעפּס איז ניט אין גאַנצען גלייך צו אַ צווייטער; דריטענס, די מעטאַלען האַלטען זיך לאַנגער — זאָגאַר קופּער אונ אייזען, וועלכֿע ווערען מיט דער צייט פֿערדאָרבען פֿון דער לופֿט אונ פֿייכֿטקייט; פֿירטענס, זיינען די מעטאַלען, נאָכ'ן געוויכֿט אונ גרויס, פֿיעל קלענער אין פֿערגלייך מיט דעם זעלבען טוישונגס ווערטה פֿון אַנדערע סחורות: פֿיר איין שטיקעל מעטאַל קריגט מען עטליכֿע שעפּסען א. א. ד. גלייכֿען. (דאָס איז צוליעב דעם וואָס אין מעטאַלען ליעגט, ווי מיר וועלען ווייטער זעהען, מעהר אַרבייטס ווערטה). מיט דער צייט ווערען קופּער אונ אייזען פֿערביטען אויף זילבער אונ גאָלד. אין דיעזע „איידעלע" מעטאַלען זיינען די אַלע מעלות, וועלכֿע מיר האָבען פֿריהער אָנגעוויזען, נאָך שטאַרקער אונ שאַרפֿער. אין פֿלוג דאַכֿט זיך איז אַ קשיא, ווי אַזוי פֿלעגט מען קויפֿען אַ זעלכֿע זאַכֿען, וועלכֿע זיינען גאָר כמעט ניט נוטציג פֿיר דער בעל־הביתישקייט, אַזוי גערן, ווי פֿיה אונ אייזען. נור דאָס איז גאָר פּשוט: זילבער אונ גאָלד ווערען בענוטצט הויפּטזאַכליך אַלס ציהרונג. אפילו נאָך אין היינטיגער צייט קויפֿט מען גערן ציהרונג: ניט ענטוויקעלטע מענשען, בעזונדערס ווייניג געבילדעטע פֿרויען, זיינען גאַנץ אָפֿט גרייט זיך אָבזאָגען פֿון די נויטהיגסטע זאַכֿען, אַבי זיי זאָלען נור קאָננען אויף זיך אָנהייגען עפּעס אַ גלאַנצענדע צאַצקע. ניט קולטורע אונ האַלב קולטורע פֿעלקער האָבען נאָך מעהר ליעב ציהרונג אונ האַלטען דאָס זעהר טייער. די אייראָפּאישע סוחרים קריגען ביי די ווילדע פֿיר עפּעס אַ שנירעל גלאָזערנע פּאַטשערקעס די טהייערסטע סחורות, צ. ב. ש. אין אַ גרויססען צאָהל פֿיש, יאַגד, אויבס אונ ז. וו. אויף אַזאַ אויפֿן, האָט דער אָנגאַנג פֿון ציהרונג געמאַכֿט מאָגליך, אַז מען זאָל איבער געהן פֿון אייזערנע אונ קופּערנע געלד צו זילבערנע אונ גאָלדענע מטבעות.

אנפֿאַנגס פֿלעגט מען בעשטיממען דעם פּרייז פֿון גאָלד אויפ'ן וואָג: ביים צאָהלען פֿיר אַ געקויפֿטע סחורה פֿלעגט מען וועגען די מעטאַללען אונ נאָכ'ן געוויכֿט צאָהלען.

צוזאַממען מיט'ן טויש איז פֿערבונדען אַ צווייטע פֿאָרם פֿון געזעלשאַפֿטליכער פֿערטהיילונג — קרעדיט.

אַז דער טויש ווערט פֿערברייטעט, געשיעהט גאַנץ אָפֿט, ווען דער משא ומתן ווערט שווערער צוליעב דעם, וואָס עס פֿערפֿעהלען אויף אַצייט מיטטלען ביי'ם קונה. די סחורה בעדאַרף ער באַלד, אונ עס קלעקט איהם ניט קיין געלד באַלד צו בעצאָהלען פיר איהר, חאָטש עס איז גאָר אָהן אַ ספק, אַז אין אַ קורצע צייט אַרום וועט ער האָבען צו בעצאָהלען. ביי אַזעלכע צופֿעֶלע גיט איהם דער מוכר אָפט די סחורה אין חוב, אין קרעדיט. דאָס וואָרט „קרעדיט" בעדייט „געטרויען"; דען דער קרעדיט פֿאָרדערט אַ צוטרוי, ערשטענס, אַז דער קונה איז אָרענטליך אונ, צווייטענס, אַז ער איז פֿערמאָגליך אָבצוגעבען דעם חוב.

אין דער בעשטימממטער צייט קעהרט איהם אום דער לוה דאָס געלד, וועלכעס רעכענט זיך דאָ אַלץ מיטטעל אויף צאָהלען דעם חוב.

דער צוטרוי איז, מעהרסטען טהייל, ניט אומזיסט: מען קעהרט אום דעם חוב מיט נאָך אַ יותר — פראָצענט.

אין איין ענגע פֿערבינדונג אונ כמעט אין איין צייט מיט'ן סחורה'שען קרעדיט, ענטוויקעלט זיך נאָך אַמין קרעדיט, וועלכער ווערט אָנגערופֿען הלוואות אויף פראָצענט, דאָ פֿערלייהט מען שוין גלייך געלד פֿיר אַ געוויססען פראָצענט.

---

### 4. די הויפּט־סִימָנִים פון דֶער גֶעזֶעלְשַׁאפְּטְלִיכֶער פְּסִיכָאלָאגִיע אִין דֶעם פַּאטְרִיאַרכַאלֶען שְׁבָטִים־פֶּערִיָאד.

דער אָרגאַניזאַטאָר, אויסטהיילענדיג זיך פֿון דעם שבט, ענדע'רט פּאַמעלאך די בעציהונגען פֿון פערזאָן צו דער גרופּפּע

און אויך איהר פּסיכאָלאָגיע.

אויב עס איז שוין פערקלענערט געוואָרען די מאַכט פון דער נאַטור איבער די מענשען, איז אָבער דערפאַר ענטשטאַנען אַ נייע ממשלה — פון איין מענשען איבער׳ן צווייטען. אין עצם איז דאָס געוועזען די זעלבע הערשונג פון דעם קהל איבער׳ן יחיד, נור זי איז איבערגעגאַנגען אין איינציגע האַנד — צום פּאַטריאַרך.

די גלייכהייט אין פערטהיילונג איז שוין אוועק: דיא אַללע פּראָדוקטען פון מעהר־אַרבּייט זיינען געוועזען אין רשות פון אָרגאַניזאַטאָר. נור די אונגלייכהייט האָט נאָך ניט קיין שאַרפען כאַראַקטער: דער אָרגאַניזאַטאָר, אַזוי ווי פריהער די גרופּפּע, פלעגט געבען יעדער׳ן די נייטהיגע מיטטלען אויף אונטער צו־האַלטען דאָס לעבען, אום ער זאָל קענען אויסאַרבּייטען זיינע בע־שטיממטע אַרבּייט. דער אָרגאַניזאַטאָר זעלבּסט איז אין דער ענטוויקלונג פון זיינע בעדירפניססע ניט אַוועק ווייטער פון די איבעריגע מיטגליעדער פון דער גרופּפּע.

די פערבינדונג אויף צו העלפען איינער דעם צווייטען, די פעראייניגונג פון דער גרופּפּע אים קאַמפּף מיט דער אויסע־ערליכער וועלט, ווערט נאָך שטאַרקער אין פערגלייך מיט׳ן פריהערדיגען פּעריאָד. ערשטענס די פערבּאָססערטע פאָרמען פון דער קאָאָפּעראַציאָן (צוזאַממען אַרבּייט) און טהיילונג דער אַרבּייט אין דער גרופּפּע פערבינדעט נאָך ענגער די מיטגליעדער צווישען זיך, ווייל איינער איז שוין מעהר אונאַבּהענגיג ער פון צווייטענ׳ס אַרבּייט, ניט ווי אין פריהערדיגעם פּעריאָד, ווען יעדער האָט געקאָנט טהאָן דאָס גרעסטע טהייל אַרבּייט זעלבּסט־שטאַנדיג, ווען עס איז מעהר ניט געוועזען ווי „איינפאַכע קאָאָפּעראַציאָן"; צווייטענס, איז די איינהייט פון שבט פעסטער, ווייל זי דריקט זיך אויס שוין אין אַ לעבעדיגע פאָרם — אין פּערזאָן פון פּאַטריאַך.

אין דער זעלבער צייט און צוליעב די זעלבע בעדינגונגען בעווייזט זיך שוין אין שבט אַ שפּראָטצונג, אַ זריעה פון פּערזאָנליכקייט (אינדיווידואַליזמוס, יחידות), וועלכע בעשטעהט

אין דעם, וואָס דער מענש הויבט שוין אָן צו מאַכען, דערווייל נאָך אין זיין פֿערשטאַנד, אַ חילוק צווישען „מיין און דיין", צווישען „זיינס" און דעם שבט'ס; עס בעווייזען זיך שוין פ ע ר־ז אָ נ ל י כ ע אינטערעסען, אין דער צייט ווען פֿריהער האָבען עקזיסטירט נור קהל'שע.

די ראָלע פֿון אָרגאַניזאַטאָר איז געוועזען אַ פ ע ר ז אָ נ ל י כ ע און זי האָט געהאָרט נ ו ר א י ה ם אַ ל י י ן; דאָס איז דער מקור פֿון די אינדיווידועלע (פּערזאָנליכע) געפֿיהלען און פֿאָר־שטעלונגען, וועלכע האָבען זיך בעוויזען אין דעם מענשליכען דענקען (פּסיחיק). אַזוי האָבען זיך אַלץ מעהר און מעהר אַרויסגעוויזען די פּערזאָנליכע שטרעבונגען און געפֿיהלען.

אין רשות פֿונ'ם אָרגאַניזאַטאָר זיינען געוועזען דער גאַנצער געזעלשאַפֿטליכער זאפּאַס, אַלע אָנגעקליבענע פּראָדוקטען, דאָס האָט איהם געגעבען אַ מאָגליכקייט צו פֿערגראָסערען זיינע בע־דיערפֿניסען און נאָך מעהר זיך אויסטהיילען פֿון דער גרופּע. ביים טויש פֿלעגט ער שטענדיג אַרויסטרעטען, ווי דער איינציגער ווירקליכער בעל־הבית פֿון גאַנצען קהל'שען פֿערמאָגען, און האָבענדיג דער ביי מגע ומשא נור מיט אַ צווייטען אָרגאַניזאַטאָר, ווי ער, האָט ער זיך צוגעוואוהנט צוקוקען אויף יענעם און דער נאָך אויף זיך אויך, ווי אויף א י י ג ע נ ט ה י מ ע ר פֿון די סחורות, וועלכע ווערען געטוישט. אזוי האָט זיך אָנגעהויבען ביסליכווייז ענטוויקלען דער אַיינריכטונג (אינסטיטוט) פֿון אייגענטהום: אָנפֿאַנגס האָט דער טויש צווישען פֿערשיעדענע שבטים בעשאַפֿען אַ בעגריף וועגען ש ב ט י ש ע־פּ ר י וו א ט־אַ י י ג ע נ ט ה ו ם, און דערנאָך האָט שוין די בעזאָנדערע ראָלע פֿון די אָרגאַניזאַטאָרען אין טוישונג, אַרויסגערופֿען אַ נייע אידעע פֿון פּ ע ר ז אָ נ ל י כ ע ר פּ ר י וו א ט־אַ י י ג ע נ ט ה ו ם.

דאָך האָט זיך די אידעע וועגען פּערזאָנליכע פּריוואַט־אייגענ־טהום געקענט נור ערשט דאַנן פֿערפֿעסטיגען ביים אָרגאַניזאַטאַר, ווען זיין ממשלה האָט אָנגעפֿאַנגען איבערצוגעהן בירושה, ווען דער שבט האָט שוין אויפֿגעהערט אוים צו קלייבען דעם פּאַטריאַרך, ווען עס איז שוין, אַזויערנאָך, פֿערשוואונדען דער שפּור פֿון

דעם, אַז זיין הערשונג ווענדט זיך אָן דעם קהלישען רצון פֿון שבט. דאַנן האָט דער אינדיווידואַליזם שוין געהאַט אַ שטאַרקען יסוד אום צו ענטוויקלען זיך. ביים אָרגאַניזאַטאָר אין קאָפּ האָט זיך אַלין פּערפּעכטיגט דער געדאַנק, אַז דער פּערמעגען פֿון שבט איז זיין פּריוואַט-אייגענטהום אונ דער אַלטער בליק אויף זיך ווי אויף אַ אויסגעקליבענעם פֿאָרשטעהער פֿון קהל האָט זיך אין גאַנצען געאָנדערט. צו זאַמען מיט דעם, אויף ווי פֿיעל די קהלישע השגחה אויף דעם פּאַטריאַך׳ס טהאָטיגקייט איז אָבגעשוואַכט געוואָרען, האָט אויף אַזוי פֿיעל געוואַקסען זיין פּערזאָנליכע מאַכט איבער׳ן שבט, אויף אַזוי פֿיעל האָט ער אַלין מעהר געפֿאָדערט, אַז מען זאָל איהם זיין געהאָרזאַם אונ אונטערטהאָניג. געפֿעלען אַ זעלבע בליקען האָבען ניט געקענט אַלע מיטגליעדער פֿון שבט אונ עס פֿלעגען ניט איינמאָל, מסתּמא, פֿאָרקומען שטאַרקע מחלוקות אונ מלחמות אין שבט, נאָר דאָך האָבען אָבער סוף כּל סוף די שטרעבונגען פֿון פּאַטריאַך גובר געוועזען די אַלע שטערונגען, ווייל דער שבט האָט זיך פּאַקטיש גענויטיגט אין זיין מאַכט, אום די גרופּע זאָל קאָנען עקזיסטירען. אַזוי איז דער פּאַטריאַך געוואָרען דער איינציגער בעל-הבית אונ הערשער פֿון דער גאַנצער גרופּע.

אין עצם זיינען נאָך די פּסיכאָלאָגישע אונטערשיידונגען צווישען אָרגאַניזאַטאָר אונ די איבעריגע מיטגליעדער ניט אַזוי גרויס, ווייל דער תּוך דענקען איז געוועזען ביי אַלעמען גלייך: אַ פֿאָלקאָמע, אונבעגרענצטע געהאָרזאַמקייט דעם מנהג אונ אַ פֿאָרשטעלונג וועגען דער גרופּע, ווי וועגען איינע, ניט קיין צוטהיילבאַרע זאַך, אויסער וועלכע עס איז גאָר אונמאָגליך צו עקזיסטירען. אפילו דער פּאַטריאַרך זעלבסט, ניט קוקענדיג, וואָס אין פֿערגלייך מיט אַנדערע איז זיין פּסיחיק געוועזען ענטוויקעלטער, האָט זיך דאָך ניט געקענט שטעלען בעוואוסטזיניגוויליג האָבער פֿון די הונדערט-יאָהריגע יסודות פֿון שבטישען לעבען, ער האָט זאָגאַר ניט געהאַט קיין טרייבונגען צו אַריינגעהען מיט זיי אין אסתּירה.

דער אָרגאַניזאַטאָר איז ניט געוועזען עפּעס אַגאון (געני׳ע) אַ אויסנאַהמער מענש, ער איז נור געוועזען דער עלטסטער פון שבט, זעהר געניט אונ פּראַקטיש. זיין אָרגאַניזאַטאָרשע טהעטיגקייט האָט זיך געגרינדעט פריהער פון אַלץ אונ הויפּט־זעכליך אויף די זכרונות: אַזוי האָבען זיינע אָבות געטאָהן אַזוי די פריהערדינע מענשען; נור אַקליינער טהייל איז אויסגעקומען אויף זיין אייגענע אויסרעכנונג, אויף זיין פּערזענליכע ערפינדונג. איבער איהם האָט געוועלטיגט דער מנהג אַקוראַט ווי איבער זיין אַ מאָליגען זיידען — דעם פּאָרהיכטאָרישען קאָמוניסט. די פּאָר־שטעלונג וועגען ניט צוטהיילבאַרקייט פון שבט איז געוועזען אויך אין דענקען פון אָרגאַניזאַטאָר, ווייל ער האָט אויך ניט געהאַט קיינע מאָגליכקייט צו לעבען אויסער׳ן שבט, דען קיין אַנדערע געזעלשאַפטליכע פערבינדונגען אויסער׳ן שבט האָט מען דאַנן ניט געוואוסט אונ לעבען אויסער אַ געזעלשאַפט הייסט אָבשטאַרבען. וועגען אַנדערע מיטגליעדער פון דער גרופּע איז דאָס נאָך מעהר ריכטיג.

ווי מיר האָבען געזעהן, צייכענט זיך ניט אויס דער אַלע־געמיינער אַרט פּסיכאָלאָגיע אין פּאַטריכאַלעס־שבטים פּעריאָד פון דעם אַרט־פּסיכאָלאָגיע אין דער אוראַלטער־גרופּע. אַלזאָ, בלייבען נאָך כמעט אין גאַנצען די פריהערדיגע שטע־רונגען, וועלכע האָבען ניט דערלאָזען קיין ענטוויקלונג. מיר זאָגען „כמעט”, ווייל עס האָבען דאָך פון דעסטוועגען זיך בעוויזען אויך יאזעלכע קראַנקטען, וועלכע האָבען, אָבוואָהל אין אַ קליינער שטופּע, נור דאָך פּעקלענערט די שטערונגען: די שוואַכע, ניט שטאַנדיגע פּערבינדונגען צווישען די גרופּען האָבען דאָך פּערברייטערט דעם האָריזאָנט פון מענשען ווייטער ווי פון זיין שבט, אונ די סתירות צווישען די פּערשיעדענע פאָרמען פון מנהג האָבען אָבגעשוואַכט דען קאָנסערוואַטיזם (דאָס האַלטען זיך ביי די אַלטע פיהרונגען).

יעצט נאָך אַ פראַגע: וואָס פיר אַ מאַטעריאַל האָט אין יענער עפּאָכע געגעבען די מענשליכע ערקאָנטנים, ווי רייך אונ פאַסענד ער איז געוועזען?

זעלבסט פֿערשטאָנדליך, אַז די פֿיעלטויזענדער יאָהרען פֿון די שבטישע געזעלשאַפֿטען זיינען ניט פֿאַרביי געגאַנגען אָהן נוצען, אַז דער פֿאָראַטה פֿון שכל ביי'ם מענשען איז געוואָרען ברייטער, פֿיעלפֿאַכֿיגער. די פּראַקטישע ידיעות אין דער מענשליכֿער פּסיחיק האָבען אָנגעהויבען פֿערנעהמען מעהר אָרט, אַלס די פֿאַנטאַזיעס. די פֿערגרעסערונג פֿון דער פּראָדוקציאָן האָט אויך פֿערגרעסערט דעם מענשליכֿע שכל; אויף ווי פֿיעל עס האָט זיך פֿערקלענערט דער פּחד פֿיר די נאַטור, אויף אַזוי פֿיעל האָט זיך פֿערגרעסערט דער פֿערלאַנג צו וויסען.

מען קאָן גאָר אָהן צווייפֿעל זאָגען, אַז טאַקע נור אין דעם פֿעריאָד, וועלכֿען מיר בעטראַכֿען יעצט, האָט דער מענש אָנגעהויבען צום ערשטען מאָל ערקלערען די נאַטור, פֿאָרשען ערשיינונגען, און נור דאַן האָבען זיך ערשט בעוויזען אַזעלכֿע בליקען, וועלכֿע מען קאָן שוין אָנרופֿען „וועלטאַנשויאונג", דער תּוך, דער עיקר פֿון דער דאַמאָלס'דיגער וועלטאַנשויאונג איז בעשטאַנען אין דעם נאַטוראַל־פֿעטישיזמוס.

אין אַלע צייטען האָט דאָס מענשען'ס דענקען זיך געשטרעבט צו ערקלערען דאָס ווייטע דורך דאָס נאָהנטע, דאָס אונגעוואָהליכֿעם—דורך דער שטאָנדיגער ערשיינונג, דאָס אונפֿערשטאָנדליכֿעם — דורך פֿערשטאָנדליכֿעם. יעדע נייע עשיינונג וועזט זיך אוים פֿערשטאָנדליך, אויב נור מען קען איהר ערקלערען מיט די אַלטע, פֿריהערדיגע בעאָבאַכֿטונגען. נאָהנטער פֿון אַלץ, געוואָהנליכֿער פֿון אַלץ זיינען פֿיר'ן מענשען זיינע בעציהונגען צו די אַרומיגע מענשען. צוליעב דעם שפּיגעלען זיך אָב שטענדיג, אין אַלע צייטען, אין דאָס מענשליכֿען דענקען, אין זיין וועלטאַנשויאונג די געזעלשאַפֿטליכֿע בעציהונגען, אין וועלכֿע די מענשען געפֿינען זיך איינער צום צווייטען, אָדער אַנדערש געזאָגט, דער אַרט פּראָדוקציאָן אין יעדער צייט לעגט זיין שטעמפּעל אויף'ן די רעיונות און מחשבות פֿון מענשען און די אידעען, איינריכֿטונגען, מאָראַל און ז. וו. ווערען שטאָנדיג ארויסגערופֿען פֿון דעם עקאָנאָמישען לעבען. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגען אויך וועגען דעם פּאַטריאַכֿאַלעם פּעריאָד: דער נאַטוראַל

פֿעטישיזמוס פֿון יענער צייט איז בעשטאַנען אין דעם קוק אויף דער נאַטור, נאָך וועלכֿען אַלע געגענשטאַנדען, אַלע טוידטע זאַכֿען זיינען בעטראַכֿט געוואָרען ווי די לעבעדיגע מענשען אונ די בעציהונג פֿון איין געגענשטאַנד צום צווייטען — אַזוי ווי די בעציהונגען פֿון די מענשען איינע צו די צווייטע.

דער נאַטוראַל-פֿעטישיזמוס האָט געזעהען אין יעדער זאַך, אין אַ טייך, אין אַ בליץ אין פֿייער אונ ז. וו. אַ בעזונדער נשמה, אַ בעזונדער זעלבסט שטאָנדיגע קראַפֿט, דער בליץ פֿערברענט זיין געצעלט, הייסט דאָס, אַז עפּעס אַ ניט קיין זעהבאַרער ווילען האָט פֿערברענט זיין וואהנונג אונ דאָס ווערט שוין ביי איהם אַ קראַפֿט, וועלכֿע ער פֿערגאָטערט. אַ טייך פֿערפֿלייצט זיין פּאַשע — אַ אונבעזיעגבאַרע קראַפֿט האָט דאָס געטהון אונ ער פֿערגאָטערט זי, א. ד. ג. אַזא וועלטאַנשויאונג שטאַמט פֿון די געזעלשאַפֿטליכֿע בעציהונגען פֿון יענער צייט: דאָס אַבטהיילען אָרגאַניזאַטאָרשע טהאָטיגקייט פֿון דער איינפֿאַכֿער אַרבייט האָט בעשאַפֿען אַ מין צערשפּאַלטונג פֿון די בעציהונגען אינ׳ם שבט: דער רצון, דער ווילען, האָט זיך אָבגעטהיילט פֿון דער פֿיזישער קראַפֿט, דער פֿערשטאַנד — פֿון דער אונבעוואוסטזיניגער געהאָרזאַמקייט; דער ווילען, דער פֿערשטאַנד, האָט זיך אויסגעדריקט אין פּערזאָן פֿון פּאַטריאַרך, די פֿיזישע קראַפֿט, די געהאָרזאַמקייט — אין די איבעריגע מיטגליעדער פֿונ׳ם שבט. אַזאַ צערשפּאַלטונג האָט דער מענש געזעהן אויך אין אַלע ערשיינונגען פֿון דער נאַטור. יעדע ערשיינונג שטעלט זיך איהם פֿאָר אין אַ פֿערבינדונג פֿון צוויי עלעמענטען: אַ ווילען, וועלכֿער בעפֿעהלט אונ אַ מאַטעריאַלע קראַפֿט, וועלכֿע איז געהאָרזאַם. דאַרום האָט ער אין יעדעם געגענשטאַנד געזעהען עפּים אַ פֿערבעהאַלטענעם גייסט, וועלכֿער בעפֿעהלט — אַ נשמה׳, דאָס האָט איהם שוין ערקלערט די אורזאַכֿע פֿון אַלע ערשיינונגען אונ מיט אַזאַ ערקלערונג האָט ער אַליץ פֿערשטאַנען. די „נשמות” האָט ער געזעהען אין אַלע געגענשטאַנדען: אין פֿייער, אין וואַסער, אין שטיין אין פּפֿלאַנצונג, אין חיות אונ מענשען. די גאַנצע נאַטור אונ אַלע איהרע

ערשיינונגען האָט זיך איהם פֿאָרגעשטעלט איינאַרטיג צער־שפּאָלטען אויף גייסט און שטאָף.

דער פֿעטישיזמוס האָט שאָרליך געווירקט אויף דעם ענטוויקלונגס־גאַנג אין דער ערקענטניס, אויף דעם מענשליכען באוואוסטזינן אים קאַמפּף מיט דער נאַטור. די „נשמה" האָט שוין דעם פֿעטישיסט ערקלערט די אורזאַכען פֿון יעדער ער־שיינונג און ער האָט שוין ווייטער ניט געקלערט. אויף אַזאַ אופֿן, איז דער אינהאלט פֿון מענשליכען פֿערשטאַנד געוועזען גאָר ניט טיעף: צו דעם אָבערפֿלאָכליכען פּראַקטישען וויסען די ערשיינונגען איז נור צוגעקומען אַ פֿעטישיסטישע ערקלערונג פֿון זייערע נשמות און דערביי האָט זיך דאָס דענקען אבגעשטעלט.

ביי אַזאַ שוואַכען, אָבערפֿלאָכליכען צושטאַנד פֿון דער ערקענטניס האָט די מענשליכע פּסיחיק געגעבען וועניג שטאָף פֿיר דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג, דער פּראָגרעס אין דער טעכניק, עקאָנאָמיע און אין דעאָלאָגיע (רעליגיאָן, מאָראַל און ד. גל.) האָט זיך געשלעפּט זעהר לאַנגזאַם — אונבעוואוסטזיננינג און דער פּאַטריאַכאַלער־שבטים פּעריאָד אויך אין דעם זינען, האָט זיך וועניג אונטערגעשיידעט פֿון דעם פֿאָרהיסטאָרישען קאָמוניזם.

דער אָמת'ר נצחון פֿון מענשען איבער דער נאַטור בע־שטעהט אין דעם, וואָס מען פֿערשטעהט אַלץ מעהר די אור־זאַכליכע פֿערבינדונג צווישען אַלע נאַטור־ערשיינונגען, די אורזאַכליכקייט פֿון דער גאַנצער נאַטור. פֿערקעהרט, אָבער, די פֿעטישיסטישע ערקלערונג, בעדייט נאָך די הערשונג פֿון דער נאַטור איבער'ן מענשען. אמת, אפילו אַזאַ ערקלערונג האָט ערשט געקאָנט קומען, ווען די הערשונג ווערט שוין שוואַכער, ניט אַזוי דריקענד, ווייל די אוראַלטע, אונבעגרענצטע מאַכט פֿון דער נאַטור האָט גאָר ניט דערלאָזען קיין שום קלערונג וועגען איהר.

## 5. די טרייבקראַפט צו ענטוויקלונג און די נייע פאָרמען פון לעבען אין פּאַטריאַרכאַלעם־שבטים פּעריאָד.

אַזוי ווי די געזעלשאַפטליכע פּסיכאָלאָגיע פון דיעזען פעריאָד האָט געשטערט יעדער ענטוויקלונג, ווי אין דעם פריהערדיגען פעריאָד, איז פערשטאָנדליך, אַז טרייבען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען ווייטער האָט נור געקאָנט די אונבעוואוסטזיניגע־קראַפט פון דער אַבסאָליוטער איבער בעפעלקערונג. ווי נור די בעפעלקערונג האָט אויסגעוואקסען אויף אַזוי פיעל, אַז עס האָט שוין ניט געקלעקט קיין לעבענס־מיטלען, האָט דער קאָנסערוואַטיזם געמוזט אָבטרעטען, — די טעכניק האָט זיך ווייטער ענטוויקעלט און פערבאָסערט און די געזעלשאפטליכע בעציהונגען צווישען די מענשען האָבען זיך געביטען. דער טויש, וועלכער איז דאַן ענטשטאַנען און זיך ענטוויקעלט, איז געוועזען איינע פון די האָכסטע ענטדעקונגען אין דיזער ענטוויקלונג.*)

די צווייטע ענטדעקונג פון יענער עפּאָכע בעשטעהט אין דעם, וואָס עס האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען קנעכט.

צוליעב דעם, וואָס עס האָט זיך ענטוויקעלט די מעהר־אַרבייט איז פאַר דעם אָרגאַניזאַטאָר אין פיעל צופאָלע געוועזען ניצליך צו פערגראָסערען דעם צאָל מיטגליעדער פון שבט: די אָנגעקליעבענע פראָדוקטען וועלען זיך דורך דעם פערמעהרען. מען האָט שוין די געפאַנגענע פון א מלחמה ניט געטוידט ווי פריהער, נור צו גענומען אין שבט און זייי

*) דער פראָנרעס פון טויש אָדער ריכטיגער געזאָגט — פון דער געזעלשאַפטליכער טהיילונג דער ארבייט, וועלכע וואנדעט זיך אָן די ענטוויקלונג פון טעכניק, שפּיעלט די הויפּט ראָלע אין דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג פון די שפּאָטערדיגע צייטען אונ, ווי מיר וועלען ווייטער זעהען, אויך אין דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער.

געצוואונגען אַרבייטען אין דעם שבט. אזוי זענען ענשטאַנען די ערשטע ק נ ע כ ט.

מען דאַרף זיך ניט פאָרשטעלען די קנעכט פון פאַטריאַכאַלען פעריאָד ווי מענשען, וועלכע מען האָט געמאַכט פיר זאַכען, ניין, די קנעכט פון דיזען פעריאָד זיינען געוועזען כ מ ע ט גלייכע מיטגליעדער פון דער געמיינדע, וועלכע האָט זיי צוגענומען צו זיך; דאָס צוזאַמענאַרבייטען האָט זיי פערבונדען מיט די איבעריגע און ביסלעכווייז איז פערגעסען געוואָרען זייער פריהערדיגע אבשטאַמונג. דער אָרגאַניזאַטאָר האָט זיי ניט מעהר „עקספּלאָאַטירט", ווי זיינע קרובים — זיי האָבען געאַרבייט, ווי אַלע איבעריגע, זיי פלעגט מען ניט פערקויפען. אַזאַ בעגעהן זיך בעמערקט מען ביי די אַמעריקאַנער אינדיאַנער, וועלכע נעהמען צו זיך פיר קינדער די געפאַנגענע.

דער טויש און די שקלאַפעריי — אין פלוג גאָר צוויי זייטיגע זאַכען, וועלכע האָבען איינע מיט די אַנדערע קיין שום שייכות ניט — האָבען אין זיך איין אַלגעמיינעם סימן: אי דער, אי יענע האָבען צערשטערט דעם אַלטען סיסטעם פון צוזאַמען-אַרבייט, וועלכע האָט זיך געגרינדעט נור אויף קרובישע פער-בינדונג און צוליעב דעם אויך אויף אַ שטאַרקער גלייכהייט אין דענקען. די קרובישע פערבינדונגען זיינען אונגערען דורכ-געדרונגען מיט אַ אַבגעזונדערקייט, מיט אַ פערשלאָסענקייט, זיי זיינען ניט גערולדיג צו אַלעם, וואָס געהט נאָר אַרוים פון זייערע גרענעצען; די נייע פאָרמען פון לעבען זיינען געשטאַנען אין אַ ווידערשפרוך מיט דער פערשלאָסענהייט, זיי האָבען איהר אָבגעשוואַכט. און פון דעם האָט אַרויסגעשטאַמט אַ גאַנצע רייהע נייע געזעלשאַפטליכע פאַקטען.

ביי ריינע קרובישע פערבינדונגען הערשט אונבעגרענצט דער מנהג. די קראַפט פון דער געוואָהנהייט און איינגעשטעלטע פאָרמען פון לעבען זענען געוועזען אַזוי מאָכטיג, דאָס פערזאָנליכע זעלבסטבעוואוסטזיין — אַזוי פערשטיקט, אַז דער איינציגער מענש האָט גאָר ניט געקאָנט אַריין טרעטען אין ווידער-

שפּרוך מיט'ן מנהג, שטעלען זיך געגען איהם, איהם האָט דאָס גאָר אויף'ן געדאַנק ניט געקאָנט קומען. קיין פערברעכען זיינען גאָר דאַנן ניט פאָרגעקומען. אויב עס האָט עפּעס געשעהן ניט איינשטימיג מיט'ן מנהג, האָט מען זיך צו דעם בעטראָגען ניט, ווי היינט, צו אַ פערברעכען, נור ווי צו עפּעס אַ קרענקהייט, אַ מום. אַז אַ קינד. מיט 2 קעפּ איז געבאָרען געוואָרען האָט מען דאָס געטוידט, ווייל דאָס איז אַ בריאה משונה, אַז מען האָט עובר געוועזען דעם מנהג פלעגט מען אויך טוידטען דעם פער-בּראָכער, אָדער אַרויסיאָגען איהם פון שבט, וואָס דאָס איז דאַמאָלס געוועזען גלייך צום טוידט. דאָס איז ניט געוועזען קיין שטראָף אין היינטיגען זינען, נור אַ אונבעוואוסטזיניגע זעלבסט פער-היטונג פון דער אונפערשטאָנדליכער ערשיינונג, אַ בעגריף וועגען רעכט און פערברעכען, אַ פאָרשטעלונג וועגען מאָראַל און אונמאָראַל זיינען נאָך דאַמאָלס ניט געוועזען, די מענשען פלעגען נור נאָכטהאָן די מנהגים, ניט אויסרעכענדיג, אַזוי ווי זיי עסען, טרינקען און שלאָפען.

אָבער מיט דער ענטוויקלונג פון נייע געזעלשאַפטליכע פערבינדונגען, וועלכע זיינען שוין ניט געגרינדעט אויף פערוואַנד-שאַפט, האָט זיך דאָס שוין אין גאַנצען געביטען. עובר זיין דעם מנהג איז שוין ניט קיין זעלטענער צופאַל. ערשטענס, הויבען זיך שוין בכלל אָן צו טרעפען פערשיעדענע מנהגים, און ניט זעלטען געהט דער מנהג פון איין גרופּע אין אַ סתירה מיט'ן מנהג פון דער צווייטער; אַזוי קען, למשל, דער גע-פאַנגענער קנעכט, האַלטענדיג זיך ביי זיינע אַלטע מנהגים, אַריינטראָגען אין דעם נייעם שבט, וועלכער האָט איהם צו-גענומען, אַ ווידערשפּרוך, סכסוכים און דערמיט שטערען דעם געוועהנליכען לעבענ'ס-גאַנג. די שטאַנדיגע טוישונגס-פערבינדונג צווישען די גרופּעס קומען אויך אין רייבונגען, אין סתירות מיט די אַלטע, פערשטיינערטע געוואָהנהייטען און די געוואָהנליכע רוהע און אָרדענונג ווערען ווייטער געשטערט. פערברעכען געגען דער אַלטער אָרדנונג ווערען אָפטער און מען קאָן שוין ניט קוקען אויף דעם, ווי פריהער.

עס ווערט בעשאַפֿען אַ נייע לעבענ'ס פֿאָרם — דאָס מנהגישע רעכט, פֿון מנהג ווערט שוין אַדין, אַחוק... דעם פֿערברעכער ברייננט מען שוין ניט אום אונ־בעוואוסטזיניגג, נור מען בעשטראָפֿט שוין יעדער'ן נאָך זיין חטא, אונ דער משפּט ווערט בעשטימט אויך נאָך'ן מנהג. בכלל שטאַמען דאַנן אַרויס פֿערשיעדענע אײַנריכטונגען, וועלכע בעשעפֿטיגען זיך ספּעציעל מיט פֿערברעכען געגען דער אַלטער אָרדנונג. עס ווערען שוין פֿאָרשטעלונגען וועגען געזאָצליכעס אונ אונגעזעצליכעס, — גערעכטליכעס אונ אונ־רעכט; עס בעווייזען זיך די עלעמענטען, פֿון וועלכע עס שטאַמט שפּעטער אַרויס דאָס „רעכט" אונ מאָראַל.

ווי מיר זעהען, אויך אין דעם הינזיכט, אין בעציהונג צו רעכט אונ מאָראַל, איז ריכטיג דאָס, וואָס מיר האָבען אויבען געזאָגט, אַז די עקאָנאָמישע אײַנריכטונגען (ד. ה. די געזעלשאַפֿטליכע בעציהונגען פֿון די מענשען אין דער פּראָדוקציאָן) רופֿען אַרויס אונ לעגען זייער שטעמפּעל אויף אַללע אידעאַלאָגישע אײַנריכטונגען, ווי רעכט, מאָראַל א. ז. וו. דער קאַמפּף פֿון שבט מיט דער פֿערברעכערישער פּערזאָן שיידעט זיך אײגענטליך ניט אונטער פֿון אַללע אַנדערע פֿאָרמען פֿונ'ם קאַמפּף מיט דער אויסערליכער נאַטור; דער פֿערברעך ווערט בעטראַכט, ווי אַ שאָדליכע אויסערגעזעלשאַפֿטליכע קראַפֿט, אַזוי פֿיינדליך דער געזעלשאַפֿט, ווי קעלט אָדער אַ רויבערישע היה. אויף אַזאַ אופֿן, איז דאָס רעכט נור איין פֿאָרם פֿון דעם האַרטען קאַמפּף, וועלכען דער שבט פֿיהרט מיט דער אויסערליכער וועלט; „רעכט", „געזעצליך" איז דאָס, וואָס עס שטערט ניט דער אַלטער אָרדנונג, דאָס וואָס געהט ניט געגען דעם מנהג, געגען דער אַלטער פֿיהרונג.

אויבען האָבען מיר אָנגעוויזען, אַז אין ריעזען פּעריאָד זיינען ענטשטאַנען אָרגאַניזירטע פּראָדוקציאָנ'ס בעציהונגען צווישען די קרובישע שבטים: אַלגעמיינע גרויסע פּאָליעוואַניעס, מלחמות אונ ז. וו. אין משך פֿון אַ געוויסע צייט פֿערבינדען

אַזעלכע קאָליעקטיווע־אַרבייט אפילו ניט קיין פֿערוואַנדטע שבטים, נור אויך אַ זעלכע וועלכע פֿלעגען זיך טוישען מיט זייערע סחורות. אום צו רעגירען מיט אַזעלכע בונדען ווערט בעשטימט אַ ראַטה פֿון עֶלטסטע אָדער אַ פֿיהרער, אַ ראש. אין דיעזע בונדען בעמערקט מען שוין אַ שפּראָצונג, אַ קיים פֿון אַ מלוכה, פֿון פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן, אין וועלכע זיי געהען ביסלעכווייז איבער. אַזוי ווערען געגרינדעט פֿערשיעדענע פֿאָלקער מיט בעזונדערע מלוכות.

# פראַגען צום ווידערהאָלען.

## 1. קאָמוניסטישע געזעלשאַפט.

1) אין וואָס פיר אַ צושטאַנד האָט זיך געפונען די פּראָדוקציאָן אין דער אוראַלטער קאָממוניסטישער געזעלשאַפט?

2) וואָס פיר אַ־ן ארט געווערקצייג אין דאַנן בענוצט געוואָרען?

3) אויף וויפיעל האָט די פּראָדוקציאָן בעפרידיגט דאַנן די בעדירפניססע?

4) פיר וואָס איז דאַנן ניט מאָגלעך געוועזען קיין עקספּלואַטאַציאָן פון מענשען איבער מענשען?

5) וואָס פיר א־ן אַרט געזעלשאַפט איז דאַנן געוועזען?

6) אין וואָס פיר אַ בעציהונגען זיינען געשטאַנען די גרופּעס צווישען זיך?

7) אין וואָס פיר אַ בעציהונגען אין דער פּראָדוקציאָן זיינען געשטאַנען די מיטגליעדער פון איין גרופּע?

8) וואָס פיר אַ־ן אַרט פערטהיילונג איז דאַנן געוועזען?

9) וואָס פיר א בעציהונגען אין געזעלשאַפטליכען לעבען זיינען דאַנן געוועזען צווישען די מענשען?

10) ווי איז דאַנן געוועזען דער גייסטליכער צושטאַנד ביי די מענשען?

11) וואָס פיר אַ אורזאַכע האָט דאַנן געטריעבען צו ענטוויקלונג?

## 2. פּאַטריאַרכאַלער־שבטים פעריאָד.

1) ווי אַזוי איז ענטשטאַנען די ערד־אַרבייט און פיהצוכט?

2) וואָס האָט געצוואונגען די מענשען איבערגעהן צו אַ בעזיצליכען לעבען?

3) אין וואָס פיר פראָדוקציאָן'ס בעציהונגען זיינען גע־שמאַנען די מענשען אין דיעזעם פעריאָד ?

4) וואָס האָט אַרויסגערופען דאָס אויסטהיילונג פון אָ־גאַניזאַטאָרשע אַרבייט פון דער איינפאַכער ?

5) אין וואָס פיר אַבציהונגען איז געוועזען דער פאַטריאַרך צו די מיטגליעדער אונ יענע צו איהם ?

6) ווער האָט דאַנן געפיהרט מיט דער אָרגאַניזירטער פערטהיילונג ?

7) ווי אַזוי האָט זיך דאַנן ענטוויקעלט דער טויש ?

8) אין וואָס פיר אַ פאָרמען האָט ער זיך אויסגעדריקט ?

9) וואָס איז אַ זוינס געלד ?

10) וואָס פיר אַ בחורות זיינען אָנגפאַנגס געוועזען געלד ?

11) פיר וואָס איז די ראָלע פון געלד אַריבער צו־מעטאַלען ?

12) וואָס איז אַזוינס קרעדיט ?

13) ווי אַזוי איז ענטשטאַנען פריוואַט־אייגענטהום ?

14) ווען האָבען זיך אָבגעטהיילט אין שבט פאַמיליעס ?

15) וואָס פיר אַ וועלט־אַנשויאונג איז דאַנן געוועזען ביי די מענשען ?

16) מיט וואָס קען מען ערקלערען דעם פעטישיזם ביי יענע מענשען ?

17) וואָס פיר אַ אורזאַכען האָבען געטריעבען צו ענטוויקלונג אין דיעזעם פעריאָד ?

18) ווי אַזוי זיינען ענטשטאַנען קנעכט ?

19) וואָס איז דאָס אַ זוינס דאָס מנהג־רעכט ?

20) ווי אַזוי זיינען ענטשטאַנען לאַנדער אונ פאָלקער ?

ק. קאַוטסקי.

# פֿרידריך ענגעלס

זײַן לעבען, זײַן ווירקען און זײַנע שריפֿטען.

---

פֿערלאַג „די וועלט“.

„פֿערלאַגס־דרוקעריי“, וואַרשא, פּאַנסקאַ 20.
תרס״ו.

---

**ФРИДРИХЪ ЕНГЕЛЬСЪ**

**зайнъ лебенъ, зейнъ вирхенъ унъ зейне шрифтенъ,**

**т. е. Фридрихъ Энгельсъ, его жизнь, его вліяніе и его сочиненія.**

Соч. **К. Каутскаго.**

---

„Издательская Типографія“, Варшава, Панская 20.

**1906.**

Дозволено Цензурою.
Варшава, 31 Января 1906 года.

# פרידריך ענגעלס.

## זיין לעבען, זיין טהעטיגקייט און זיינע שריפטען.

דעם 6־טען אויגוסט 1895 יאָהר האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער פראָלעטאַריאַט גאַנץ אונגעריכטערהייט בעקומען די ידיעה פון לאָנדאָן, אַז מאָנטאַג, דעם 5־טען אויגוסט, האַלב עלף אַ זייגער אין אָוועּנד, איז פרידריך ענגעלס אָהן מאַטערניש און אָהן בעוואוסטזיין פון האַלבען טאָג אָן, רוהיג געשטאָרבען. נאָר די נאָהענטע פריינד זיינע האָבען געוואוסט, אַז פון חודש מערץ אָן האָט ער בעקומען אַ געפעהרליכע קרעבס־קראַנקהייט (אַ ראַק) אין מאָגען, וועלכע האָט זיך שנעל פערברייטעט. אָבער אַפילו זיי האָבען ניט גערעכענט, אַז דער טויט איז אַזוי נאָהענט — דריי טעג פאַר׳ן טויט איז ביי איהם געוועזען גענאָסע ד״ר. אַדלער פון ווין — און פון זיינע עלטערע פריינד איז בעת׳ן שטאַרבען געשטאַנען נאָר עדואַרד בערנשטיין.

לערך מיט צוויי חדשים פריהער איז ענגעלס געפאָהרען אין גאָסטבורן אויפ׳ן ברעג ים, וואו ער פלעגט זיך אַלע סוף־זומער אויסרוהען. דאַן האָט ער זיך בכלל וואויל געפיהלט און איז געוועזען אין אַ פרעהליכען צושטאַנד. אַז די סימפטאָמען (סמנים) פון זיין קראַנקהייט האָבען זיך דאָרט פערערגערט, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אין לאָנדאָן, וואו ער איז געשטאָרבען.

קורץ פאַר זיין טויט האָט איינער פון זיינע פריינד געשריבען אין „פאָרווערטס"*) פאָלגענדעס:

„די ידיעות, וועלכע איך קען אייך מיטטיילען, זענען ניט

*) צענטראַלער אָרגאַן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד.

קײַן פרעהליכע. ענגעלס איז שוין ווײַטער אין לאָנדאָן, זײַן צושטאַנד האָט זיך זעהר פערערגערט. מיט אַ פּאָר וואָכען פריהער האָט ער נאָך געקענט רעדען און פלעגט רעדען האַלבע שטונדען לאַנג. דאָס האָט אָבער אויפגעהערט. ער קען געבען צו וויסען זײַנע פערלאַנגען נאָר שריפטליך, פון דעסטוועגען איז ער אין אַ גוטער שטימונג. אויפ'ן ערשטען בליק ווײַזט אויס, אַז ער פיהלט ניט, וואָס איהם פעהלט, הגם די כאַראַקטעריסטישע סימפּטאָמען פון זײַן קראַנקהײַט זענען פון איהם, דעם וויסענשאַפטליך-גענויען בעאָבאַכטער, ניט פערבאָרגען. ער זאָגט אָבער אין אַ גלײַכווערטעל, אַז זײַן עלטער וועט איהם שיצען. אויף דעם שרײַב-ברעטעל מאַכט ער די פרעהליכסטע וויצען. בקיצור, גײַסטיג איז ער אונפערענדערט, אָבער קערפּערליך איז ער זעהר אָבגעשוואַכט. ער קען פערטראָגען נאָר פליסיגע שפּײַז. ביז פאַר אײניגע טעג האָט ער ניט געברויכט קײנע העלפער. איצט מוז מען איהם אָבער העלפען בעת'ן אָנטהון און אויסטהון".

פון 14-טען מערץ 1883 יאָהר אָן, ד. ה. זינט עס איז אָנגעקומען די ידיעה פון קאַרל מאַרקס'ס טויט, האָט דער קלאַסענבעוואוסטער פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט נאָך אַזאַ טרויעריגע ידיעה ניט ערהאַלטען.

פרידריך ענגעלס האָט זײַן גאַנצען לעבען אָבגעגעבען דער בעפרײַאונג פון דעם אַרבײטער-קלאַס. ער און מאַרקס, זענען בײדע געשטאַנען בײַ דער וויעג פון דער איצטיגער אַרבײטער-בעוועגונג. זײער לעבען איז אונגעשײדעט פערבונדען געווען מיט דער געשיכטע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. זײערע שריפטען האָבען בעגרינדעט דעם וויסענשאַפטליכען פונדאַמענט, אויף וועלכען דער איצטיגער סאָציאַליזם איז אויפגעבויט. זײערע שריפטען ווײַזען זעהר קלאָר דעם אונטערשיעד צווישען דער איצטיגער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און די פריהערדיגע אוטאָפּיסטישע הלומות. זײ זענען בײדע געוועזען די לעהרער פון דעם אַרבײטער-קלאַס, וועלכע האָבען אויסגעדעקט דעם אינערען צוזאַמענהאַנג פון די געזעלשאַפטליכע ערשײַנונגען און זײ בײדע זענען געוועזען אונערמידליכע קעמפּפער פאַר די רעכטע פון דעם אַרבײטער פאָלק; זײ האָבען פאַר אונז אויסגעשלײַפט אַ שווערד און האָבען אונז אויסגע-

לערנט, ווי צו בעגעהן זיך מיט איהם. מאַרקס און ענגעלס זענען די גייסטיגע פיהרער פון דעם אינטער־נאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט; זיי האָבען טיעף פערשטאַנען זיין אינערען לעבען און געשילדערט איהם אַזוי קלאָר ווי נאָך קיינער פאַר זיי. און בעת דער שוואַרצער טויט האָט איבער געשניטען דעם לעבען פון דעם ביז איצט מוטהיגען און קרעפטיגען ענגעלס, טרויערען דערויף די אַרבייטער פון אַלע לענדער, אָהן אונטערשיעד פון לאַנד און שפּראַך.

דער גייסט פון ענגעלס איז געווען זעהר רייך. ער האָט געהאַט אַ גרינדליכע בילדונג אין אַלע געביעטען פון מענשליכע קענטניסע, דערצו האָט איהם נאָך געהאָלפען זיין זעלטענע פעהיגקייט צו טעאָרעטישער דענקונג. זיין אוניווערסאַלע קאָפּ האָט ניט פערטראָגען קיין איינזייטיגקייט. ער האָט אויסגעפאָרשט די מאַטעריעלע קרעפטען, וועלכע בעוועגען די מענשהייט און האָט זיך בעשעפטיגט מיט די העכסטע פילאָזאָפישע פראַגען. אין דער צייט, ווען ער האָט געשריעבען פּאָליטישע בראָשורען, האָט ער אויך געלערנט מאַטעמאַטיק, פיזיק, כימיע און קריעגס־געשיכטע. דער זעלבער מאַן, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט די געהיימניסע פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, האָט אויך געשטודירט די טאַקטיק פון דער קריעגס־אַרמעע פון 1870 יאָהר; דער זעלבער דענקער, וועלכער האָט בעשריעבען די רוסלענדישע פּאָליטישע און ווירטשאַפטליכע לאַגע, גלייך ווי ער וואָלט דאָרט אויפגעוואַקסען געוואָרען, האָט זיך אויך בעשעפטיגט מיט דער אורגעשיכטע פון דער מענשהייט. זיין גייסט איז בעפרידיגט געווען מיט דעם אַנטיילנעהמען אין די איינצעלהייטען פון דער פּראַקטישער פּאָליטיק ניט ווייניגער, ווי מיט דעם שטודירען פון די העכסטע טעאָרעטישע פּראָבלעמען (אויפגאַבען). און אַלץ, וואָס ער האָט געטהון, געזאָגט, געשריעבען און געטראַכט, איז אַלץ געווען פאַר דער ליידענדער און קעמפּפענדער מענשהייט. אין זיינע יונגע יאָהרען האָט ער אַלס אַ רעוואָלוציאָנער געקעמפּפט מיט געוועהר אין האַנד פאַר די פרייהייט פון די אונטערדריקטע און ביז די לעצטע טעג זענען זיינע געדאַנקען אימער געבליעבען טריי דעם אַרבייטער־קלאַס. זיין לעבען האָט ער מקריב געווען דעם סאָציאַליזם און דעריבער איז זיין ביאָגראַפיע — די געשיכטע פון דעם סאָציאַליזם אין די לעצטע פופציג יאָהר.

קיינער האָט אַזוי ניט בעשריבען ענגעלס'ס לעבען און ווירקען, זיין אויפטהון פאַר דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג און זיין בעדייטונג פאַר דעם סאָציאַליזמוס מיט אַזאַ ליעבע און קענטניס, ווי קאַרל קאַוטסקי אין זיין אַרטיקעל „פרידריך ענגעלס", וועלכען ער האָט אָבגעדרוקט אין הערבסט 1887 יאָהר, אין דעם עסטרייכישען אַרבייטער־קאַלענדאַר. דיזען אַרטיקעל דריקען מיר דאָ איבער.

* * *

פרידריך ענגעלס איז געבוירען געוואָרען דעם 28־טען נאָוועמבער 1820 יאָהר אין דער שטאָדט באַרמען; זיין פאָטער איז געווען אַ פאַבריקאַנט. זיין געבורטס־אָרט — אַ פראָווינץ אויף דעם טייך רהיין — איז די מעהר ענטוויקעלטסטע געגענד אין דייטשלאַנד ווי עקאָנאָמיש אַזוי פאָליטיש. די נאָהענטקייט פון ענגלאַנד פון איין זייט און פון פראַנקרייך פון דער אַנדערער זייט, די געאָגראַפישע לאַגע אויף דעם ברעג פון דעם רהיין, דער רייכטום אין קוילען און ערצען (ערד, אין וועלכע עס געפינט זיך פערשיעדענע מעטאַלען), דאָס אַלעס האָט געווירקט, אַז אין די רהיין־פראָווינצען זאָל זיך פריהער איידער אין גאַנץ דייטשלאַנד ענטוויקלען אַ מעכטיגע גרויס־אינדוסטריע און אַ רעוואָלוציאָנערע בורזשואַזיע, וועלכע איז געווען פיינדליך דעם פעאָדאַליזם, אָבער אויך אַ שטאַרקער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך דאָרט ענטוויקעלט, וועלכער האָט שוין געהאַט אין זיך געזונדע קערנער פון קלאַסענבעוואוסטזיין. די קליינבורזשואַזיע אין די רהיין־פראָווינצען האָט ניט געשפיעלט אַזאַ גרויסע ראָלע ווי אַנדערש וואו אין דייטשלאַנד. די רהיין־פראָווינצען זענען אויך געווען איינע פון די ווייניגע געגענדען אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבען געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע. לערך צוואַנציג יאָהר, ביז 1815 יאָהר, זענען זיי געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, געהערענדיג צום טייל צו פראַנקרייך, און די אַנשויאונגען און דאָס רעכט, וואָס די „גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע" האָט אַרויסגערופען אין לעבען האָבען אין ענגעלס'ס יונגע יאָהרען דאָרטען געהערשט אין זייער גאַנצער קראַפט.

דעמאָלט איז אָבער אויך געוועזען די בליהונגס־צײַט פון דער דײַטשער פילאָזאָפיע. די געזעלשאַפטליכע רעוואָלוציע פון דעם 18־טען יאָהר־הונדערט מיט איהרע פערשידענע צווײַגען, וועלכע האָט זיך אין ענגלאַנד אויסגעדריקט אין אַ רעוואָלוציע אין דער אינדוסטריע, אין פראַנקרײַך — אין דער פּאָליטיק, האָט זיך אין דײַטשלאַנד, דורך איהרע ספּעציפישע פערהעלטניסע אויסגעדריקט בלויז אין אַ רעוואָלוציע אין די קעפּ, אין אַ רעוואָלוציע אין דער פילאָזאָפיע. אין דער צײַט ווען די רעוואָלוציע אין פּראַקטישען לעבען איז אין דײַטשלאַנד געגאַנגען ניט אַזוי שנעל און ניט אַזוי פאָלשטענדיג ווי אין פראַנקרײַך און ענגלאַנד, איז אָבער דערפאַר די אידעען־רעוואָלוציע געוועזען אין דײַטשלאַנד פיעל גרינדליכער בעזאָרגט.

דעם העכסטען פונקט האָט זי דערגרײַכט אין העגעלס פילאָזאָפיע. די דײַטשע פאָלקס־מדריכים האָבען אין העגעלס פילאָזאָפיע געפינען אַ װיסענשאַפטליכע הסכמה אויף אַלץ, וואָס איז אַלט און פערפוילט. העגעל זאָגט אָט וואָס: „אַלץ, וואָס איז ווירקליך (וואָס עקזיסטירט), איז פערנינפטיג און אַלעס וואָס איז פערנינפטיג איז ווירקליך". די שוהל־מדריכים, וועלכע האָבען מיט זייערע אויגען געזעהען נאָר די פערשימעלטע און פערפוילטע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע פאָרמען פון זייער צײַט, האָבען געגלויבט, אַז נאָך העגעל'ן נאָך זענען נאָר אָט דיזע פאָרמען די פערנינפטיגסטע. זיי האָבען ניט אײַנגעזעהען, אַז די קערנער פון די נײַע פאָרמען האָבען אויך אַזוי עקזיסטירט אין דער ווירקליכקײַט פונקט ווי די רעשטען פון די אַלטע פאָרמען.

דער אינערער עצם פון דער העגעל'שער פילאָזאָפיע איז גאַנץ רעוואָלוציאָנער, פערשטעהט זיך, ניט אין דעם פּאָליציייאישען זין, נאָר אין דעם פילאָזאָפישען, ד. ה., דורך דעם שטענדיגען אומבײַט און אומענדערונג פון דעם עקזיסטירענדען, דורך דעם שטענדיגען אַרויסוואַקסען פון נײַע געגענזאַצען און שטענדיגען בטל־ווערען פון אַלטע. אין דעם זין האָט טאַקי געווירקט דיזע פילאָזאָפיע.

פרידריך ענגעלס האָט זיך געפונען אונטער דעם אײַנפלוס פון העגעל'ס פילאָזאָפיע ווי אויך היינריך היינע, פייערבאַך, מאַרקס און פיעלע אַנדערע. די פּראַקטישע און טעאָ־

רעטישע בילדונג פון פרידריך ענגעלס האבען געווירקט, אז הענגעל'ס פילאזאפיע איז פאר איהם געוועזען ניט נאר א דיאלעקטישער קונץ־שטיק, נאר א מיטעל צו א וויסענשאפטליכער פארשונג, ניט א מעטאדע ווי אזוי די פערהעלטניסע, וואס עקזיסטירען אין ווירקליכקייט צוזאמענצושטעלען און איינצוארדנען נאך די אידעען נאך, נאר פערקעהרט, די אידעען צו פערשטעהן און צו ערקלעהרען דורך די עקזיסטירענדע פערהעלטניסע. פריהער האט ער געטראכט צו שטודירען פאליטישע עקאנאמיע אין אן'אוניווערזיטעט און דעריבער איז ער נאך דער ענדיגונג פון דער נידעריגער רעאל־שולע אין בארמען אריבער אין עלבערפעלדער גימנאזיום. די קענטניסע אין פיזיק און כעמיע, וואס ער האט בעקומען אין דער רעאל־שולע האט איהם געגעבען א גוטען פונדאמענט צו זיין ווייטערדיגער נאטורוויסענשאפטליכער אויסבילדונג. די פאמיליען־פערהעלטניסע און די פאליטישע אפאזיציאנעלע געזינונג פון זיינע יונגע יאהרען האבען איהם העסליך געמאכט יעדע בעאמטען־קאריערע און ער האט בעשלאסען מיט א יאהר פריהער איידער ער האט געענדיגט דעם גימנאזיום, אויסצוקלייבען א סוחר'ישע קאריערע. ער האט זיך בעשעפטיגט מיט זיינע פילאזאפישע ארבייטען אין דער צייט ווען ער איז געוועזען בעשעפטיגט אין א ברעמער האנדעלס־הויז אלס א פראקטיקאנט (פון 1838 יאהר), אזוי ווי שפעטער בעת ער האט געדינט אין מיליטער איין יאהר אין בערלין אלס א פרייוויליגער ווי אויך דערנאך (פון 1842 ביז 1844) אין מאנטשעסטער, וואו ער האט געארבייט אין א פאבריקס־געשעפט, אין וועלכען זיין פאטער איז געוועזען שותף.

אין ענגלאנד, אין דעם געבורטס־לאנד פון דעם קאפיטאליזם, האט זיך פאר זיין אויסגעשארפטען עקאנאמישען און פאליטישען בליק באלד אויפגעדעקט דער גאנצער גאנג פון דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס־אופן. דארט האט ער געקענט דערקענען קלערער ווי ערגעץ אנדערשוואו די לאגע פון דעם פראלעטאריאט, ווי זיינע ליידען אזוי אויך זיין היסטארישע צוקונפט. זיין אינטערעס פאר דעם פראלעטאריאט איז אלץ געוואקסען און באלד געפינען מיר איהם אין צענטר פון דער בעוועגונג, ווי פון דעם דעמאלטדיגען אוטאפיסטישען סאציאליזם, אזוי אויך פון דער דעמאלטיגער נאך ניט־סאציאליסטישער ארבייטער־בעוועגונג. מיט חשק שטודירט ער ביידע

בעוועגונגען, אָבער ניט אַלס אַ צווועהער, נאָר אַלס אַ מיטקעמפּפער. ער איז געוואָרען אַ מיטאַרבייטער אין דעם „צפון'דיגען שטערן" (פּאַרטיי אָרגאַן פון די טשאַרטיסטען) און אין ראָבערט אָווען'ס „די נייע זיטליכע וועלט".

פאָהרענדיג צוריק אין דייטשלאַנד, האָט ער אויפ'ן וועג בעזוכט קאַרל מאַרקס אין פּאַריז, מיט וועמען ער האָט שוין פון פריהער אָן געפיהרט אַ קאָרעספּאָנדענץ. פון דעמאָלט הייבט זיך אָן זייער פריינדשאַפט, וועלכע האָט פאַר זיי ביידען געהאַט זעהר אַ גרויסע בעדייטונג. זייער אידעען־איינינקייט איז באַלד געוואָרען אַזאַ ערנסטע, אַז זיי האָבען אין איינעם פערפאַסט אַ בוך, אין וועלכען זיי האָבען אָפען ערקלערט אַ קריעג דער יונג־העגעל'שער שוהלע, צו וועלכער זיי האָבען פריהער געהערט.

דער העגעליאַניזם, ווי בכלל די דייטשע פילאָזאָפיע, איז געווען אידעאָלאָגיש. נאָך דעם העגעליאַניזם זענען די אידעען ניט אַן־אָבבילדונג פון די ווירקליכע פערהעלטניסען, נאָר זיי עקזיסטירען זעלבסטשטענדיג, און די ענטוויקלונג פון די אידעען איז דער גרונד פון דער ענטוויקלונג פון די ווירקליכע פערהעלטניסען. געגען אַזאַ מיינונג זענען אַרויסגעטרעטען מאַרקס און ענגעלס. זיי האָבען אָנגענומען העגעלס דיאַלעקטישע מעטאָדע, אָבער ניט דעם גאַנצען דאָגמאַטישען געבוי פון זיין פילאָזאָפיע. אָנשטאָט דער אידעאָלאָגיע האָבען זיי אָנגענומען דעם מאַטעריאַליזם. זיי האָבען זיך ענטשלאָסען צו שילדערן די ווירקליכע וועלט — נאַטור און געשיכטע — ווי זי שטעלט פאָר יעדען מענשען, וועלכער האָט ניט קיין פאַרטיגע אידעאַליסטישע פאַנטאַזיעס פון פריהער; מען האָט זיך ענטשלאָסען אָהן רחמנות אַוועקצוואַרפען יעדען אידעאַליסטישען חלום, וועלכער שטימט ניט מיט דעם ווירקליכען (ניט אָבער מיט דעם פאַנטאַסטישען) צוזאַמענהאַנג פון די פאַקטען. נאָר דאָס רופט זיך מאַטעריאַליזם און ווייטער איבערהויפּט קיין זאַך ניט. (פריעדריך ענגעלס: „לודוויג פייערבאַך". נייע צייט 1886 יאָהר, זייטע 197).

צום ערשטען מאָל איז דיזער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם אַרויסגעטראָטען אין דעם בוך: „די הייליגע פאַמיליע, אָדער קריטיק פון קריטישער קריטיק, געגען ברונאָ באַוער און זיין קאָמפּאַניע",

וועלכען ענגעלס און מאַרקס האָבען צוזאַמען פֿערפֿאַסט. ער איז געשריבען געוואָרען אין 1844 יאָהר אין פאַריז און איז געדרוקט געוואָרען אין פֿראַנקפֿורט אין 1845 יאָהר. דעם גרעסטען טהייל פֿון דיזען בוך האָט פֿערפֿאַסט מאַרקס, זיין הויפּט אינהאַלט איז אַ פֿילאָזאָפֿישער און אַ היסטאָרישער, די וויסענשאַפֿטען, מיט וועלכע מאַרקס האָט זיך ביז דעמאָלט הויפּטזעכליך בעשעפֿטיגט. עקאָנאָמישע פֿראַגען זענען זעהר זעלטען בעריהרט. דער פּראָלעטאַרישער שטאַנד־פּונקט טרעט שוין אָבער אַרויס גאַנץ דייטליך.

פֿון יענער צייט האָבען זייערע שריפֿטען אָנגענומען מעהר אַנ'עקאָנאָמישען כאַראַקטער. מאַרקס האָט זיך אַלץ מעהר פֿערטיעפֿט אין עקאָנאָמישע לעהרען. ענגעלס זעלבסט האָט פֿערפֿאַסט אַ בוך אין וועלכען ער האָט געשילדערט דעם רעזולטאַט פֿון זיינע עקאָנאָמישע פֿאָרשונגען, מיר מיינען דעם בעקאַנטען בוך: „די לאַגע פֿון דעם אַרבייטער־קלאַס אין ענגלאַנד", וועלכער איז אַרויס אין 1845 יאָהר און וועלכער איז ערשט ניט לאַנג איבערגעזעצט געוואָרען אין ענגליש; דאָס איז אַ בעווייז, וואָס פֿאַר אַ בעדייטונג דאָס בוך האָט נאָך איצט אויך.

קלענערע עקאָנאָמישע אַרטיקלען פֿון ענגעלס האָבען פֿריהער אויך ערשיינט. פֿריהער פֿון אַלע דאַרף מען דערמאָנען דעם אַרטיקעל אונטער דעם טיטעל: „אַ קריטישע סקיצע פֿון נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע", וועלכער איז געוועזען אָבגעדרוקט אין דער צייטשריפֿט „דייטש־פֿראַנצויזישע יאָהר־ביכער" אין 1844 יאָהר, אַרויסגעגעבען פֿון מאַרקס און רוגע. דיזער אַרטיקעל איז וויכטיג, ווייל אין איהם איז צום ערשטען מאָל בעגרינדעט געוואָרען דער סאָציאַליזם אויף דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. ענגעלס האָט דעמאָלט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע געוואוסט נאָך ניט זעהר טיעף (צ. ב. ריקאַרדאָ'ס טעאָריען האָט ער געוואוסט נאָר דורך מאַק־קולאָך'ס וואַסערדיגען בוך). דערפֿון זענען אַרויסגעקומען איינינע פֿעהלערען נעבען די ערשטע איינציגע קערנער פֿון דעם וויסענשאַפֿטליכען סאָציאַליזם, וועלכען ענגעלס מיט מאַרקס האָבען דערנאָך בעגרינדעט. צום טהייל זענען די פֿעהלערען איין אָבקלאַנג פֿון די פֿאָרמען פֿון דעם סאָציאַליזם, מיט וועלכע ענגעלס האָט זיך אין ענגלאַנד דערקענט.

גאַנץ אַנדערש איז אין דעם בוך „די לאַגע פֿון דעם אַרבייטער־

קלאַס אין ע נ ג ל אַ נ ד". ע נ ג ע ל ס קריטיקירט שוין דאָרט דעם טשאַרטיזם און דעם אָוועניזם און פערלאַנגט אַ פעראייניגונג צווישען זיי ביידען אין אַ העכערער איינהייט: די אַרבייטער־בעוועגונג זאָל די מאַכט הערען, וועלכע זאָל דורכפיהרען דעם סאָציאַליזם, און דער סאָציאַליזם זאָל דער ציעל הערען, צו וועלכען די אַרבייטער־בעוועגונג דאַרף שטרעבען. דער ענגלישער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליזם, דער אָוועניזם, האָט אין אַלגעמיין ניט געוואָלט וויסען פון דער אַרבייטער־בעוועגונג, ניט פון שטרייקען, ניט פון געווערקשאַפטען און ניט פון פּאָליטישער טהעטיגקייט. די אַרבייטער־בעוועגונג ווידער, דער טשאַרטיזם, איז ניט אַריבער די גרענעצען פון דעם איצטיגען קאַפּיטאַליסטישען לוין־סיסטעם, ד. ה. ער האָט געפאָדערט פאָלע קאָאַליציאָנס־פרייהייט, וואַהלרעכט, אַ נאָרמאַלען אַרבייטס־טאָג; יעדענפאַלס, דער קליין־בירגערליכער גרונד־בעזיץ האָט געדיענט פאַר די מעהרצאָהל פון די טשאַרטיסטען אַלס אַ געוועהר, ניט די איצטיגע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג אין גאַנצען אָבצושאַפען, נאָר צו מאַכען, אַז די מאַסען זאָלען זיך עטוואָס בעסער לעבען אין דער איצטיגער אָרדנונג גופא.

אים געגענטהייל דערצו ערקלערט ע נ ג ע ל ס: „אין זיין איצטיגען (אוטאָפּיסטישען) געשטאַלט, וועט דער סאָציאַליזם בשום אופן ניט אָנגענומען ווערען פון דעם גאַנצען אַרבייטער־קלאַס, ער וועט זיך זאָגאַר מוזען אַראָבלאָזען נידעריגער, אויף אַ צייט אומקעהרען זיך צוריק צו דעם שטאַנד פּונקט פון די טשאַרטיסטען... דאָס צוזאַמענשמעלצען פון דעם סאָציאַליזם מיט דעם טשאַרטיזם, דאָס איבערלעבען פון דעם פראַנצויזישען קאָמוניזם אויף ענגלישער אַרט, דאָס וועט אין גיכע צייטען פאַסירען און דאָס האָט זיך שוין צום טהייל אָנגעהויבען". (זייטע 285 און 286). ע ר ש ט ד ע מ אָ ל ט ווען דאָס וועט ג ע ש ע ה ע ן, וו ע ט ד ע ר אַרבייטער־קלאַס ו ו ע ר ע ן דער ה ע ר ש ע ר פון ענגלאַנד (זייטע 285־286).

די פעראייניגונג פון דעם סאָציאַליזם מיט דער אַרבייטער־בעוועגונג איז אָבער דער עצם פון דעם איצטיגען וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. אין „דער לאַגע פון דעם אַרבייטער־קלאַס" איז צום ערשטען מאָל דיזער געדאַנק קלאָר אויסגעשפּראָכען געוואָרען. פ ו ן ד י ז ע ן ב ו ך ה ו י ב ט ז י ך אָ ן ד ע ר אָ נ פ אַ נ ג פ ו ן ד ע ם וו י ס ע נ ש אַ פ ט ל י כ ע ן ס אָ צ י אַ ל י ז ם. דיזער בוך שטעהט שוין צום גרעסטען טהייל,

הגם נאר האלב בעוואוסט. אויף דעם זעלביגען באדען, אויף וועלכען מיט צוויי יאהר שפעטער איז אויסגעוואקסען דער שותפות'ער ווערק פון מארקס און ענגעלס, „דער קאמוניסטישער מאניפעסט“, אויף דעם באדען פון דער מאטעריאליסטישער געשיכטס־ערקלערונג, די געשיכטליכע ראלע פון קלאסען־געגענזאצען און קלאסען־קאמפף איז אין „מאניפעסט“ שארפער אויסגעדריקט. אין דער הקדמה צו דער ענגלישער איבערזעצונג פון דער „לאגע“ זאגט ענגעלס פאלגענדעס: „אין דיזען בוך ווערט שארף אויסגעזאגט דער געדאנק, אז דער קאמוניזם איז ניט אין עיקר נאר פאר דער פארטיי פון דעם ארבייטער־קלאס, זאנדערן א טעאריע, וועלכע שליסט אין זיך איין די בעפרייאונג פון דער גאנצער געזעלשאפט, אפילו דעם קאפיטאליסטישען קלאס אויך, פון זיין איצטיגער לאגע. טעארעטיש איז דער געדאנק גאנץ ריכטיג, אבער אין דער פראקטיק קען מען איהם ניט געברויכען. כל־זמן די פערמעגענדע קלאסען וועלען ניט נאר ניט פיהלען קיין בעדירפניש אין בעפרייאונג, נאר, אדרבא, ענערגיש קעמפפען געגען דער זעלבסט־בעפרייאונג פון דעם ארבייטער־קלאס, ביז דאן מוז די אומענדערונג פון דער סאציאלער ארדנונג צוגעגרייט און דורכגעפיהרט ווערען דורך דעם ארבייטער־קלאס זעלבסט“.

„די לאגע פון דעם ארבייטער־קלאס אין ענגלאנד“ איז דאס ערשטע בוך פון דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזם ניט נאר צוליעב זיינע געדאנקען וועגען דער ארבייטער־בעוועגונג און אוטאפיזם, נאר אויך דורך זיין מעטאדע, מיט וועלכער ער שילדערט די לאגע פון דעם ענגלישען ארבייטער־קלאס. דיזע שילדערונג איז ניט אזוי ווי אין א וועלכען עס איז פילאנטראפישען בוך, אין וועלכען עס זענען צוזאמענגעשטעלט געווארען די צרות און די ליידען פון דעם ארבייטער־קלאס, זאנדערן א בעשרייבונג פון די געשיכטליכע טענדענצען פון דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס־אופן בכלל, אויף ווי פיעל זיי ווירקען אויף די לאגע פון דעם ארבייטער־קלאס*).

---

*) מארקס שרייבט אזוי וועגען דער „לאגע“: „ווי טיעף ענגעלס האט פערשטאנען דעם גייסט פון דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס אופן, בע-ווייזט אונז די אפיציעלע סטאטיסטיק, וועלכע האט אנגעהויבען צו ערשיינען פון דעם 1845 יאהר, און אויף ווי פיעל ריכטיג ער מאלט אונז די לאגע קען-נען בעווייזען די אבערפלעכליכע פערגלייכונגען פון זיין בוך מיט די אפיציע-

ע נ ג ע ל ס האָט געזעהען אין די צרות פון דעם אַרבּייטער־קלאַס ניט בלויז די צרות אַליין, ווי די אַנדערע סאָציאַליסטען פון זיין צייט, נאָר אויך די וואָרצלען פון אַ העכערער געזעלשאַפטליכער פאָרם, וועלכע זיי טראָגען אין זיך פערבּאָרגען. מיר, וועלכע זעגען ערצויגען געוואָרען אויף די געדאַנקען פון דעם איצטיגען סאָציאַליזם, קענען קוים אָבשאַצען דעם ווערט פון דער גרויסער אַרבּייט, וואָס דער פיער־און־צוואַנציג־יעהריגער ע נ ג ע ל ס האָט אַוועקגעלייגט אויף זיין בּוך אין אַזאַ צייט, בעת מען פלעגט מעהר ניט ווי בּעוויינען אָדער אין גאַנצען אָבלייקענען די צרות פון דעם אַרבּייטער־קלאַס, אָבער בּשום אופן ניט האַלטען זיי פאַר אַ רינג אין דער קייט פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג.

די אונפערשעמטע סאָציאַל־פּאָליטישע שרייבּער — קאַריערים־טען און פּראָפעסאָרען פון אונזער צייט, וועלכע האָבּען זיך בּעקענט מיט דעם סאָציאַליזם מעהר פון די פּאָליציי־אישע בּעריכטען איידער פון די שריפטען פון זיינע וויסענשאַפטליכע פאָרקעמפּפער האָבּען אין דער „לאַגע" געפונען נאָר דאָס, וואָס פאַר זיי פּאַסט, דהיינו: די נביאות, אַז אין ענגלאַנד וועט בּאַלד אויסבּרעכען אַ רעוואָלוציע, און מיט גרויס פריידע פּראָקלאַמירען זיי, אַז די נביאות איז ניט מקוים געוואָרען. דיזע לייט האָבּען פערגעסען, אַז ענגלאַנד האָט פון דעם 1844 יאָהר אָן בּאֱמת טאַקי דורך געמאַכט אַ קאָלאָסאַלע רעוואָלוציע. שוין אין 1846 יאָהר האָט מען אַראָבּגענומען די אָבּצאָהלונגען פון די תבואות, וואָס וועלען אַריינגעפיהרט פון אויסלאַנד. אין 1847 יאָהר איז אַרויס דער געזעץ וועגען דעם 10־שטונדיגען נאָרמאַלען אַרבּייטס־טאָג פאַר פרויען און קינדער און פון דעמאָלט אָן בּעקומט דער אַרבּייטער־קלאַס כּסדר נייע רעכטע, אַזוי אַז ער איז טאַקי געוואָרען אַ פּאָליטישע מאַכט און די ציעלען פון דעם טשאַרטיזם האָבּען זיך בּיי היינטיגען טאָג בּעצם פערווירקליכט. דאָס, וואָס די נביאות איז ניט מקוים געוואָרען בּוכשטעבּליך, זענען דעריגען שולדיג איניגע פּאַסירונגען, וועלכע קיינער האָט ניט געקענט פאָראויסזעהען; פריהער פון אַלץ איז די יוני־רעוואָלוציע אין פּאַריז אין 1848 יאָהר און די ענטדעקונג פון גאָלד־פעלדער אין קאַליפאָרניען אין דעם זעלבּיגען יאָהר, וועלכע האָבּען

לע רעפּאָרטען, וועלכע האָבּען ערשיינט מיט 18-20 יאָהר שפּעטער". (קאַ-פּיטאַל" בּאַנד I).

אַריבערגעצויגען פיעלע אונצופריעדענע עלעמענטען פון ענגלאַנד איבער'ן ים און דורך דעם איז גלייך די קראַפט פון דער אַרבייטער־בעוועגונג שטאַרק אָבגעשוואַכט געוואָרען.

וועגען די אַנדערע געדאַנקען פון דער „לאַגע" האָבען אונזערע ליטעראַטאָרען וועניגער געשפּראָכען און דאָך האָבען גראָד אָט די געדאַנקען פאַר די דייטשע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע אַ גרויסע בעדייטונג. אין טעאָרעטישער בעציהונג האָט די נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע גאָר ניט אויפגעטהאָן. די ערקלערונג פון דיזער ערשיינונג האָט שוין מאַרקס אין זיין „קאַפּיטאַל" געגעבען. די איינציגע שריפטען, וועלכע האָבען יאָ אַ וועלכען עס איז ווערט, זענען די בעשרייבונגען פון דער לאַגע פון געוויסע אַרבייטער־שיכטען אין געוויסע ערטער, די בעשרייבונג פון טון, שנאַפּער־אַרנדט, בראַף, זאַקס, זינגער, הערקנער און אַנדערע. אויך ווי פיעל זייערע בעשרייבונגען האָבען יאָ אַ בעדייטונג, אויך ווי פיעל זיי זענען טיפיש און האָבען אַ היסטאָרישען ווערט, און בעשעפטיגען זיך ניט בלויז מיט אַ צונויפמישונג פון היסטאָרישע פּרטים, וואָס שטעהען צווישען זיך אין קיין שום פערבינדונג ניט, אויך אַזוי פיעל שטאַמען זיי אַלע פון מאַרקס'ס „קאַפּיטאַל" און ענגעלס'ס „לאַגע". נאָר וועניג פון זיי, ווי למשל, זאַקס, האָבען געהאַט מוטה אָדער ערכליכקייט אָפען זיך מודה זיין דעריגען.

די היינטיגע דייטשע עקאָנאָמישע „וויסענשאַפט" לעבט נאָר דערפון, וואָס זי בעראַבעוועט מאַרקס און ענגעלס און אין דער זעלביגער צייט בילט זי אויף זיי, אָדער זי איז סותר (ווידערלעגט), ווי זי דריקט זיך אויס. און וואָס מעהר איינער האָט ביי זיי שטילער־הייט אָנגע'גנב'עט, אַלץ שטאַרקער בילט ער אויף זיי.

מיר האָבען זיך אַביסעל לייננער אָבגעשטעלט אויף דער „לאַגע" צוליעב צוויי טעמים: ערשטענס, ווייל דיזעס בוך איז דאָס ערשטע בוך פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם, און צווייטענס, ווייל ער געפינט זיך איצט ניט אויף'ן ביכער־מאַרקט*). אויך די איבעריגע ענגעלס'ס שריפטען וועלען מיר זיך אַזוי פיעל ניט אָבשטעלען. זיי קען מען לייכטער קריגען און מיר רעכענען, אַז פיעלע פון אונזערע לעזער זענען מיט זיי בעקאַנט און די וועלכע זענען ניט בעקאַנט וועלען דורך אונזער אַרטיקעל

*) די פירמע דיטץ אין שטוטגאַרט האָט אַרויסגעלאָזען אַ נייע אויס־גאַבע דורכגעזעהען פון ענגעלס אַליין אין דעם 1890 יאָהר.

בעקומען אַ חשק צו בעקאַנט ווערען מיט זיי. דער שטאַנדפּונקט פון די איבעריגע זיינע שריפטען איז דער זעלביגער, ווי דער שטאַנדפּונקט וואָס איז צום ערשטען מאָל אין דער „לאַגע“ אָנגענומען געוואָרען און אין דעם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט“ פון דעם 1847 יאָהר צום ערשטען מאָל סיסטעמאַטיש און פאָלשטענדיג דורכגעפיהרט געוואָרען.

די „לאַגע“ האָט ענגעלס אויסגעאַרבייט נאָכדעם, אַז ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק פון מאַנטשעסטער נאָך באַרמען. אין דער זעלבער צייט איז ענגעלס געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער, ביי זיינע איצטיגע אַנזיכטען, קען ניט לאַנג בלייבען אין דעם פערשלאָפענעם באַרמען, אין דעם קרייז פון אַ שטרייננג-פרומער און העכסט קאָנסערוואַטיווער פאַמיליע. ער האָט אויף אַ צייט געוואָרפען זיין סוחר'עריי און איז אַוועקגעפאָהרען נאָך בריסעל, וואו מאַרקס האָט זיך בעזעצט, נאָכדעם אַז די פראַנצויזישע רעגירונג האָט איהם אַרויסגעטריבען פון פריינקרייך, אויף דעם פערלאַנג פון דער פריסישער רעגירונג. און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבען ביי זיי ביידען אַ לעבהאַפטע, געמיינזאַמע אַרבייט. דעם טעאָרעטישען פונדאַמענט צו זייער טהעטיגקייט האָבען זיי באַלד געפונען, מען האָט נאָר געדאַרפט אויף דיזען פונדאַמענט אויפבויען פון דאָס ניי אַ גאַנצע וויסענשאַפטליכע סיסטעם, דאָס איז איינס, און צווייטענס, האָט מען די וואַקסענדע פּראָלעטאַרישע בעוועגונג, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט פאַר זייערע אויגען, געדאַרפט אַוועקשטעלען אויף דיזען פונדאַמענט און ברייגנען זי צום זעלבסטבעוואוסטזיין. די טיעף ערנסטע פעראייניגונג צווישען מאַרקס און ענגעלס אין זייער פּראַקטישער און טעאָרעטישער טהעטיגקייט האָט איצט בעקומען אַ בעשטימטען ציעל, וועלכער איז געבליבען אַ ציעל פון זייער גאַנצען לעבען און אויף וועלכען זיי האָבען פון דעמאָלט אָן אַוועקגעלייגט אַלע זייערע קרעפטען.

זייער ערשטע וויסענשאַפטליכע אויפגאַבע איז געווען איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָבצורעכענען זיך מיט דער דייטשער פילאָזאָפיע פון זייער צייט, ד. ה. מיט די צווייגען פון דער יונג-העגעל'שער שוהלע. זיי האָבען אויסגעאַרבייט צוזאַמען אַ קריטיק-בוך איבער דער יונג-העגעל'שער פילאָזאָפיע (איבער שטירנער, פייערבאַך, באויער), וועלכער איז צו יענער צייט ניט אָבגעדרוקט געוואָרען. ענגעלס שרייבט אַזוי: מיר האָבען בשום אופן ניט געהאַט בדעה די נייע וויסענשאַפט-

ליכע רעזולטאַטען פון אונזער אַרבייט פאַרצולייגען אין דיקע ביכער, מעהר ניט ווי פאַר דער „געלעהרטער" וועלט. אַדרבא, מיר זענען שוין טיעף אַריין אין דער פּאָליטישער בעוועגונג, מיר האָבען שוין געהאַט אין דער געבילדעטער וועלט, הויפּטזעכליך אין מעריב־דייטשלאַנד, אַ געוויסע צאָהל אַנהענגער און אַ ברייטען מיטגעפיהל מיט דעם אָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט. מיר זענען מחויב געוועזען אונזערע מיינונגען וויסענשאַפטליך צו בעגרינדען און אויף אַזוי פיעל וויכטיג איז פאַר אונז אויך געוועזען צו געווינען פאַר אונזערע איבערצייגונגען דעם אויראָפּעאישען און פריהער פאַר אַלץ דעם דייטשען פּראָלעטאַריאַט. ווען מיר אַליין זענען מיט אונזער טעאָריע פאַרטיג געוואָרען, דעמאָלט האָבען מיר זיך גענומען פאַר דער אַרבייט. מיר האָבען געגרינדעט אין בריסעל אַ דייטשען אַרבייטער־פעראיין און בעקומען אין אונזערע הענד די „דייטשע בריסעלער צייטונג". אויך זענען מיר געשטאַנען אין אַ פערבינדונג מיט די בריסעלער דעמאָקראַטען (מאַרקס איז געוועזען וויצע פּרעזידענט פון דער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט) און מיט די פראַנצויזישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, די אַרויסגעבער פון דער צייטונג „רעפאָרם" וועלכער איך האָב צוגעשטעלט נאַכריכטען פון דער דייטשער און ענגלישער בעוועגונג. קורץ, אונזערע פערבינדונגען מיט די ראַדיקאַלע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס און זייערע צייטונגען, זענען געוועזען אין גאַנצען נאָך אונזער וואונש נאָך.

פיעל וויכטיגער איז געוועזען די פערבינדונג פון מאַרקס און ענגעלס מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלען „בונד פון די גערעכטע", דעם שפּעטערדיגען קאָמוניסטען בונד, פון וועלכען עס איז אַרויסגעוואַקסען לסוף דער „אינטערנאַציאָנאַל". דיזער בונד האָט געמוזט איבער די דעמאָלטדיגע פּאָליטישע פערהעלטניסע זיין אַ געהיימער צווישען די לעגאַלע אַרבייטער פעראיינען, ווי למשל דער קאָמוניסטישער אַרבייטער בילדונגס־פעראיין אין לאָנדאָן. עס האָבען איהם געגרינדעט דייטשע רעוואָלוציאָנערען — דאָס רוב אַרבייטער — אין פּאַריז, האַלב צוליעב פּראָפּאַגאַנדע, האַלב צוליעב פערשווערונגס־ציעלען (וואַגאָהואָר, ספּיסעק) אונטער דעם איינפלוס פון דעם פראַנצויזישען אַרבייטער־קאָמוניזם. ער איז שנעל געוואַקסען און באַלד האָבען זיך געגרינדעט אָבטהיילונגען אין ענגלאַנד און אין דער שווייץ. נאָך'ן 1839 יאָהר איז לאָנדאָן געוואָרען דער מיטעלפּונקט פון דעם בונד, וועלכער האָט באַלד געבילדעט

אָבּטהײַלונגען אין בּעֶלגיעֶן און אין דײַטשלאַנד. פון אַ פעֶראײַן פון דײַטשעֶ עמיגראַנטעֶן אין פּאַריז איז עֶר געֶוואָרעֶן אַ אינטעֶרנאַציאָנאַלעֶר קאָמוניסטישעֶר פעֶראײַן.

דעֶר בּונד איז געֶוואַקסעֶן ניט נאָר אין דעֶר צאָהל פון מעֶנשעֶן נאָר אויך אין בּעֶוואוסטזײַן. דעֶר אַמאָליגעֶר פראַנצויזישעֶר אַרבּײַטעֶר־קאָמוניזם האָט די קעֶפּ פון די אָנפיהרעֶר וואָס ווײַטעֶר אַלץ וועֶניגעֶר בּעֶפרידיגט; אַפילו ווײַטלינג'ס סעֶקטאַנטעֶן־קאָמוניזם האָט זיך שנעֶל אָבּגעֶניצט. אין דעֶר זעֶלבּיגעֶר צײַט האָט געֶוואַקסעֶן דעֶר אײַנפלוס פון מאַרקס און עֶנגעֶלס אויף די סאָציאַליסטישעֶ און דעֶמאָקראַטישעֶ בּעֶוועֶגונגעֶן, זײעֶר נײַעֶר שטאַנדפונקט איז בּעֶקאַנט געֶוואָרעֶן אין יעֶנעֶ קרײַזעֶן.

אין פריהלינג 1847 יאָהר האָט דעֶר זײגעֶר־מאַכעֶר מאָלל, וועֶלכעֶן עֶנגעֶלס האָט געֶקעֶנט פון לאָנדאָן פון 1843 יאָהר אָן, אײנעֶר פון די טיכטיגסטעֶ מיטגליעֶדעֶר פון „בּונד פון די געֶרעֶכטעֶ", אויפגעֶזוכט מאַרקס'ן אין בּריסעֶל און עֶנגעֶלס'ן אין פּאַריז, וואוהין עֶר איז אַריבּעֶרגעֶפאָהרעֶן פון בּריסעֶל. מאָלל האָט זײ פאָרגעֶלײגט אים נאָמעֶן פון זײַנעֶ חברים אַרײַנצוטרעֶטעֶן אין בּונד און האָט זײ פעֶרזיכעֶרט, אַז דעֶר בּונד וועֶט אָוועֶקוואַרפעֶן זײַן קאָנספּיראַטאָרישעֶן כאַראַקטעֶר און וועֶט אָננעֶהמעֶן דעֶם נײַעֶם טעֶאָרעֶטישעֶן שטאַנדפונקט. בּײדעֶ האָבּעֶן זײַן פאָרשלאַג אָנגעֶנומעֶן. זומעֶר־צײַט 1847 איז פאָרגעֶקומעֶן דעֶר עֶרשטעֶר צוזאַמעֶנפאָהר פון דעֶם בּונד אין לאָנדאָן, אויף וועֶלכעֶן עֶנגעֶלס איז געֶוועֶן דעֶר פעֶרטרעֶטעֶר פון די פּאַריזעֶר מיטגליעֶדעֶר. דעֶר בּונד האָט אויף דעֶם קאָנגרעֶס ניט נאָר געֶקראָגעֶן אַ נײַעֶם נאָמעֶן „בּונד פון קאָמוניסטעֶן"— נאָר איז אויך געֶוואָרעֶן אין גאַנצעֶן אַ נײַעֶ אָרגאַניזאַציעֶ. פון אַ פעֶרשווערונגס־חברה איז עֶר געֶוואָרעֶן אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישעֶ חברה.

דעֶר צווײטעֶר צוזאַמעֶנפאָהר איז פאָרגעֶקומעֶן אין סוף נאָוועֶמבּעֶר און אָנהויבּ דעֶצעֶמבּעֶר דעֶם זעֶלבּיגעֶן יאָהר. אויף דיזעֶן צוזאַמעֶנפאָהר האָט ניט נאָר עֶנגעֶלס, נאָר אויך מאַרקס געֶנומעֶן אַ'ן אַנטהײל. די אומעֶנדעֶרונגעֶן, וועֶלכעֶ דעֶר עֶרשטעֶר קאָנגרעֶס האָט אָנגעֶנומעֶן האָט דעֶר צווײטעֶר אין גאַנצעֶן דורכגעֶפיהרט. די לעֶצטעֶ ווידעֶרשפּריכעֶ און ספקות (צווײפעֶל) זעֶנעֶן אָבּגעֶשאַפט געֶוואָרעֶן. די נײַעֶ פּרינציפּעֶן זעֶנעֶן אײנשטימיג אָנגעֶנומעֶן געֶוואָרעֶן און מאַרקס

און ענגעלס זענען אויסגעקליבען געוואָרען אויסצואַרבייטען דעם מאַניפעסט פון דעם בונד.

דערמיט הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין לעבען פון מאַרקס און ענגעלס. זיי זענען גלייך געפאָהרען אין פּאַריז און פון דאָרטען אין דייטשלאַנד, וואו זיי האָבען אין דער שטאָדט קעלן איבערגענומען די פיהרונג פון דעם טעגליכען בלאַט „די נייע רהיינישע צייטונג“. ענגעלס'ס לעבען אין דיזער צייט איז געווען שטאַרק פערבונדען מיט דער אויבענדערמאָנטער צייטונג און בעשרייבען זיין דעמאָלטדיגען לעבען, הייסט דאָס בעשרייבען די געשיכטע פון דער „נייער רהיינישער צייטונג“ אין יענער צייט. איהר געשיכטע איז אָבער די געשיכטע פון דעם 1848 יאָהר מיט אַלע זיינע פרטים. דערמיט קענען מיר זיך דאָ אָבער, פערשטעהט זיך, ניט בעשעפטיגען.

אין קיין פעריאָד פון זייער לעבען האָבען ענגעלס און מאַרקס ניט אַרויסגעוויזען אַזוי קלאָר זייערע אויבענדערמאָנטע אייגענשאַפטען ווי דעמאָלט: די טיעף־ערנסטע פעראייניגונג פון פּראַקטישער און טעאָרעטישער טהעטיגקייט, די צוזאַמענשמעלצונג פון אַ געלעהרטען מיט אַ פּאָליטיקער, פון אַ קעמפּפער מיט אַ קריטיקער. קיינער האָט ניט גענומען אין דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף פון יענער צייט אַזאַ הייסען אַנטהייל ווי זיי. קיינער איז אין דיזען קאַמפּף ניט געווען אַזוי פריי פון אילוזיען (פאַלשע פאָרשטעלונגען) ווי זיי.

און קיינמאָל איז אפשר ניט געווען אַ בעוועגונג אַזוי פול מיט אילוזיען ווי די בעוועגונג פון דעם 1848 יאָהר, דערהויפּט אין דייטשלאַנד און אין די דייטשע פּראָווינצען פון עסטרייך, וועלכע זענען נאָך ניט געווען גוט ענטוויקעלט סיי עקאָנאָמיש סיי פּאָליטיש: דער רעוואָלוציאָנערער טהייל פון דער בורזשואַזיע, די קליין־בורזשואַזיע און די אַרבייטער האָבען געגלויבט, אַז מען וועט פּטור ווערען פון די רעאַקציאָנערע רעגירונגען, וועט ווערען אַ גן־עדן אויף דער ערד. זיי איז נאָר אין זינען ניט אַריין, אַז די מפּלה פון די דעספּאָטישע רעגירונגען איז ערשט דער אָנהויב און ניט דער סוף פון דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף, אַז די בירגערליכע פרייהייט, וואָס זיי האָבען געקראָגען האָט נאָר בעשאַפען דעם גרונד, אויף וועלכען עס וועט נאָך ערשט פאָרקומען דער גרויסער קלאַסען־קאַמפּף צווישען די בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט,

אַז די בירגערליכע פרייהייט האָט מיט זיך געבראַכט ניט דעם סאָציאַלען פריעדען, נאָר אַ נייעם סאָציאַלען קאַמפף.

פיעל מיינען, אַז פון דער רעוואָלוציע פון 1848 יאָהר האָט זיך נאָך ניט אויסגעלאָזען. באמת האָט זיך טאַקי גאָר ניט אויסגעלאָזען פון די פוסטע חלומות, מיט וועלכע עס זענען געווען פערדעקט די געגענזאַצען צווישען די אָפּאָזיציאָנעלע קלאַסען גופא, מיט וועלכע מען האָט געוואָלט איינשמועסען דעם עולם, אַז אַרבייטער און פאַבריקאַנטען זענען ברידער מיט גלייכע אינטערעסען און מיט גלייכע ציעלען. וייער אַהדות איז אָבער בעצם געווען מעהר ניט ווי אין דער אָפּאָזיציע געגען דעם הערשענדען אַבסאָלוטיזם. די רעוואָלוציע האָט אויפגעדעקט דעם געגענזאַץ צווישען דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט און אין דער זעלבער צייט בעוויזען די פּאָליטישע אונפעהיגקייט פון דער קליין-בורזשואַזיע.

די קליין-בורזשואַזיע איז געווען די נשמה פון דער רעוואָלוציע פון דעם 1848 יאָהר און מיט דיזער רעוואָלוציע האָט זי געקראָגען איהר מפלה. דער 1848 יאָהר האָט בעוויזען איהר פּאָליטישען באַנקראָט. אומעטום האָט זיך דער פּראָלעטאַריאַט פאַר איהר איינגעשטעלט און אומעטום האָט זי איהם לסוף פערראַטען.

דער אַרבייטער-קלאַס איז אָבער דעמאָלט געווען נאָך צו יונג, ניט ענטוויקעלט און ניט פעראייניגט, אום צו קענען פיהרען מיט איינענע כחות אַ בעזונדערע פּאָליטיק. וואו ער האָט געפּרוב'ט האָט זיך דאָס איהם ניט איינגעגעבען.

די בורזשואַזיע אָבער האָט ערדייכט כמעט אַלע איהרע ציעלען. וואָס זי האָט זיך געשטעלט אין דער רעוואָלוציע. די רעאַקציע האָט איבערגענומען אויף זיך דורכצופיהרען דעם גרעסטען טהייל פון איהרע פערלאַנגען. דער פּראָלעטאַריאַט (אויף'ן קאָנטינענט) האָט אין דער רעוואָלוציע-צייט דערקענט, ווער זענען זיינע פריינד און ווער זיינע פיינד, ער האָט דערוואוסט צוערשט זיין געגענזאַץ צו דער בורזשואַזיע און אַז אויף דער קליין-בורזשואַזיע קען ער זיך ניט פערלאָזען. דעמאָלט האָט ער זיך צוערשט אויסגעלעהרנט פיהלען אַלס אַ קלאַס, ער האָט בעקומען קלאַסען-בעוואוסטזיין און זעלבסט-בעוואוסטזיין. פון דער פעברואַר רעוואָלוציע הויבט זיך אָן זיין ענטוויקלונג צו אַ בעוואוסט-קעמפפענדען-קלאַס, דערהויפּט אין דייטשלאַנד.

דער איינציגער קלאַס, וועלכער האָט אָנגעוואָרען אין דער רעוואָלוציע, ווי עקאָנאָמיש אַזוי אויך פּאָליטיש און מאָראַליש, איז דאָס געווען די קליין־בורזשואַזיע. זי האָט באמת טאַקי געקראָגען אַ מפּלה אין דער ניט אַיינגעגעבענער רעוואָלוציע.

היינט, אַ גאַנצען דור נאָך דער רעוואָלוציע, איז דאָס אַלץ קלאָר. אָבער אין דעם 1848 יאָהר איז די „נייע רהיינישע צייטונג" געווען די איינציגע צייטונג און די אַרויסגעבער פון „דער רהיינישער צייטונג" זענען געווען די איינציגע מענשען, וועלכע האָבען דאָס קלאָר פערשטאַנען. וועלכע האָבען זיך געשטעלט די אויפגאַבע ניט אונטערצוהאַלטען די אילוזיען פון די מאַסען מיט פוסטע פראַזען, נאָר אויסראַמען זיי אָהן רחמנות מיט זייער שאַרפער קריטיק, וועלכע האָבען אויסגעלאַכט די קליינבירגערליכע פלאַפלער אין דעם פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט*) מיט דעם זעלבען ביטערען שפּאָט ווי די רעאַקציע מיט איהרע דיענער, ווי אַ מין ליכנאָווסקי, למשל. מיט זייער קריטיק האָבען זיי די קעמפּפער ניט געמאַכט אָבהענגיג און ניט געלייגט זיי קיין שטיינער אויף'ן וועג. אַדרבא, קיין בלאַט האָט ניט געטריבען ענערגישער צום קאַמפּף, ווי די „נייע רהיינישע צייטונג", צו אַ הייסען און שנעלען קאַמפּף; כל זמן דער שונא איז געלעגען נאָך אויף דער ערד, קיין בלאַט האָט אַזוי ענערגיש ניט געראַטען צו פאַנאַנדערוואַרפען אָהן רחמנות די איבערגעבליבענע סלופּעס פון דער אַלטער חורבה, ווי די „רהיינישע צייטונג".

אָבער די אומשטענדען זענען ביי יענער צייט געווען שטאַרקער איידער די „נייע רהיינישע צייטונג". די רעאַקציע האָט געזיעגט. איין טהייל פון דער רהיין־פּראָווינץ, דער הויפּט־אָרט פון דעם בערג־אינדוסטריע־ראַיאָן ווי עלבערפעלד, דיסעלדאָרף, זאָלינגען א. ז. וו. האָט זיך אויפגעהויבען אין מאַי 1849 יאָהר געגען דער רעאַקציע, וועלכע האָט פערהאַפּט די מאַכט אין איהרע הענד. ווי נאָר ענגעלס האָט בעקומען די ידיעה, איז ער גלייך אַרויסגעפאָהרען פון קעלן קיין עלבערפעלד, אָבער איהם איז נאָר אויסגעקומען צו זעהען די באַלדיגע נידערלאַגע (מפּלה) פון דער רעוואָלוציע. די בורזשואַזיע האָט אומעטום די אַרבייטער איבערגעלאָזען אַליין אים קאַמפּף און האָט זיי פערראַטען.

*) זעה אָנמערקונג אויף דער זייט 21.

דורכדעם איז אויך געקומען אַ סוף צו דעם לעבען פון דער „נייַער רהיינישער צייַטונג“. דעם 19 מאַי 1849 יאָהר האָט מען איהר פערבאָטען און מאַרקס'ן האָט מען אַרויסגעשיקט. ענגעלס, וועלכען די פּאָליציי האָט געזוכט פאַר זייַן אַנטהייל־נעהמען אין דער רהיינלענדישער רעוואָלוציע, האָט אויך געמוזט אַנטלויפען פון קעלן, וואו ער האָט געוואָהנט בעהאַלטענער הייט, קומענדיג צוריק פון עלבערפעלד. מאַרקס איז געפאָהרען מיט אַ מאַנדאַט פון דעם דעמאָקראַטישען צענטראַלען קאָמיטעט קייַן פּאַריז, וואו מען האָט געוואָלט אָננעהמען אַ נייַע רעוואָלוציע, וועלכע האָט אויך פאַר דער דייַטשער רעוואָלוציע געהאַט אַ גרויסע בעדייַטונג. ענגעלס איז געפאָהרען קייַן פּפאַלץ, וועלכע איז צוזאַמען מיט באַדען אויפגעשטאַנען צו בעשיצען די קאָנסטיטוציע פון דער דייַטשער אימפּעריע*), ער איז דאָרט אַרייַנגעטראָטען אין דעם פרייַוויליגען קאָרפּוס, אַלס אַדיוטאַנט ביי דעם קאָמאַנדיר ווילליך; אין דריי געשלעגען האָט ער גענומען אַן אַנטהייל ווי אויך אין דעם הויפּט־געשלעג נעבען מורג**). דרייַצעהען טויזענד סאָלדאַטען פון דער רעוואָלוציע, דאָס רוב שלעכט געפיהרטע און שלעכט דיסציפּלינירטע, זענען געשטאַנען אויף'ן שלאַכטפעלד געגען 60 טויזענד פּרייַסען און רייַכספּולקען. פון דעסטוועגען וואָלט די גרויסע אַרמעע ניט מנצח געווען די רעוואָלוציאָנערען, אויב זי וואָלט ניט עובר

---

*) ביז דעם פּרייסיש־פראַנצויזישען קריעג איז דייטשלאַנד געווען צוטיילט אויף אַ סך קליינע מלוכות. דאָס דייטשע פאָלק האָט דערפון זעהר געליטען ווי עקאָנאָמיש אַזוי אויך פּאָליטיש. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ פערייניגונגס־בעוועגונג אין גאַנץ דייטשלאַנד. אין דעם 1848 יאָהר האָבען זיך צונויפגעקליבען אין פראַנקפורט־אַם־מאַין אויסגעקליבענע פאָרשטעהער פון דעם גאַנצען דייטשען פאָלק און האָבען געבילדעט אַ נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, וועלכע האָט אויסגעאַרבייט אַ דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע פאַר גאַנץ דייטשלאַנד, לויט וועלכער אַלע דייטשע מלוכות זאָלען זיך פעראייניגען אין איין מלוכה (אימפּעריע). די רעגירונגען פון די גרעסערע דייטשע מלוכות האָבען ניט מסכים געווען דערצו. אין באַדען און אין אַנדערע ערטער האָט די אויפגערעגטע בעפעלקערונג אָפען אַרויסגעטרעטען געגען די רעגירונגען און האָט געפאָדערט, אַז די קאָנסטיטוציע פון דער דייטשער אימפּעריע זאָל פון אַלע רעגירונגען אָנגענומען ווערען.

דער איבערזעצער.

**) אַ נאָמען פון אַ טייך. דער איבערזעצער.

געווען די נייטראַליטעט פון ווירטעמבערג, וואָס האָט איהר געגעבען די מעגליכקייט אַרומצוגעהען די רעוואָלוציאָנערען פון הינטען. דערמיט האָט זיך געענדיגט די באַדיש־פפאַלצישע רעוואָלוציע און אַזאַ סוף האָט מען געקענט בלי ספק פאָראויסזעהען. דער קערן פון דער רעוואָלוציע איז געווען די דרום־דייטשע דעמאָקראַטיע, אַ פּאַרטיי, וועלכע איז כמעט דורכאויס בעשטאַנען פון קליין־בירגער. און די גאַנצע לעכערליכקייט און שוואַכקייט פון דער קליין־בורזשואַזיע האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזען אין דיזער רעוואָלוציע, און אַז ניט דער אַנטהייל אין איהר פון איינינע פּראָלעטאַרישע עלעמענטען און די קלאָדיגע קריעג־פיהרונג פון די פּריסען, וואָלט איהר שלעכטער סוף נאָך אַ גיכערער געווען.

„אין פּאָליטישען הינזיכט", זאָגט ענגעלס איבער דער באַדיש־פפאַלצישער רעוואָלוציע, „איז דער גאַנצער שטרייט פאַר דער קאָנסטיטוציע פון דער דייטשער אימפּעריע פון אָנהויב אָן געווען פאַרשפּיעלט; אין מיליטערישען הינזיכט — אויך דאָס זעלבע. איהר איינציגער אויסזיכט אויף אַ גוטען אויסגאַנג איז געלעגען ניט אין דייטשלאַנד גופא, נאָר אין דעם נצחון פון די רעפּובליקאַנער אין פּאַריז דעם 13 יוני — אָבער דער 13 יוני האָט זיך ניט איינגעגעבען. נאָך דעם 13 יוני האָט דער גאַנצער קאַמפף געקענט זיין אַ מעהר אָדער וועניגער בלוטיגער שפּיעל. און אַזוי איז טאַקי געוועזען. פערראַט און נאַרישקייט האָבען פון דעם גאַנצען קאַמפף געמאַכט אַ תל. אַלע מיליטערישע אָנפיהרער, מיט אַ גאַנץ קליינעם אויסנאַהם, זענען געווען אָדער פעררעטער אָדער טויגעניכסטען אָהן אַ שום קענטניש אין זייער פאַך, און די עטליכע בעסערע פון זיי זענען אומעטום געבליבען אַליין אָהן אַ שום שטיצע פון די איבעריגע קאָמעראַדען אין פון דער ברענטאַנישער*) רעגירונג, וועלכע האָט זיי אין גאַנצען פערלאָזען. און וואָס פאַר אָפיצירען — אַזוינע סאָלדאַטען. דאָס באַדישע פאָלק האָט אין זיך די בעסטע קריעגערישע עלעמענטען. אין דעם אויפשטאַנד זענען דיזע עלעמענטען פון אָנהויב אָן אַזוי פערנאַכלעסיגט און פערדאָרבען געוואָרען, אַז דערפון איז אַרויס דער גאַנצער אומגליק, וועלכען מיר האָבען פריהער געשילדערט. פון דער גאַנצער „רעוואָלוציע" האָט זיך אויסגעלאָזען אַ'ן אמת'ע קאָ-

*) ברענטאַנאָ, אַ'ן אַדוואָקאַט, א'ז געווען דער פּאָליטישער אָנפיהרער פון דעם באַדישען אויפשטאַנד, וועלכען ער האָט פערראַטען.

מעֶדיעֶ; נאָר דעֶר איִינציִגעֶר טרייִסט איִז געֶוועֶן, וואָס דעֶר זעֶקס־מאָל שטאַרקעֶרעֶר געֶגנעֶר האָט געֶהאַט נאָך זעֶקס־מאָל וועֶניִגעֶר מוטה.

אָבעֶר דיִזעֶ קאָמעֶדיעֶ האָט געֶהאַט זעֶהר אַ טראַגיִשעֶן סוֹף, דורך דעֶר בלוט־דאָרשטיִגקייַט פוּן דעֶר קאָנטער־רעֶוואָלוציעֶ. דיִ זעֶלביִגעֶ קעֶמפּפעֶר, וועֶלכעֶ האָבעֶן ניִט איִין מאָל געֶציִטעֶרט פאַר שרעֶק מאַרשיִ־רעֶנדיִג צום קריִעג, וויִ אויך אוֹיף דעֶם שלאַכטפעֶלד, זעֶנעֶן געֶשטאָרבעֶן איִן דיִ גראָבעֶנס פוּן ראַשטאַט*) וויִ דיִ העֶלדעֶן. קייִנעֶר האָט ניִט געֶבעֶטעֶן קייִן רחמים, קייִנעֶר האָט פאַר'ן טויט ניִט געֶציִטעֶרט. דאָס דייַטשעֶ פאָלק וועֶט קייִנמאָל ניִט פעֶרגעֶסעֶן דיִ עֶרשיִסונגעֶן איִן דיִ קאַזעֶמאַטעֶן פוּן ראַשטאַט. עֶר וועֶט ניִט פעֶרגעֶסעֶן דיִ „גרוֹיסעֶ לייַט", וועֶלכעֶ האָבעֶן בעֶפעֶהלעֶן צוּ טהוּן דיִ ניִדעֶרטרעֶכטיִגעֶ אַכזריוּת אָבעֶר עֶר וועֶט אויך ניִט פעֶרגעֶסעֶן דיִ פעֶררעֶטעֶר, וועֶלכעֶ האָבעֶן זייִ אַרוֹיסגעֶגעֶבעֶן דורך זייִעֶרעֶ שעֶנדליִכעֶ פּחדנות: דיִ ברעֶטאַנאָ'ס פוּן „קאַרלסרוהעֶ און פוּן פראַנקפורט". („דעֶר קריִעג פאַר דעֶר קאָנסטיִטוציעֶ פוּן דעֶר דייַטשעֶר איִמפּעֶריעֶ" פוּן פר. עֶנגעֶלס איִן דעֶר „נייַעֶר רהייִניִשעֶר צייַטונג", אַ פּאָליִטיִש־עֶקאָנאָמיִשעֶ צייַטשריִפט, רעֶדאַקטיִרט פוּן קאַרל מאַרקס 1850, III־טעֶ אוֹיפלאַגעֶ, ז. 80).

עֶנגעֶלס איִז געֶוועֶן אייִנעֶר פוּן דיִ לעֶצטעֶ פוּן דעֶר צוּשלאָגעֶ־נעֶר אַרמעֶעֶ, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן אַנטלאָפעֶן איִן דעֶר שווייִץ, אַז אַלץ איִז שוֹין געֶוועֶן פעֶרשפּיִעלט. דאָס איִז געֶוועֶן דעֶם 11־טעֶן יוליִ 1849. עֶר איִז געֶבליִבעֶן אַ פּאָר הדשים איִן דעֶר שווייִץ. איִן דיִזעֶר צייַט איִז מאַרקס אַריִבעֶרגעֶפאָהרעֶן איִן לאָנדאָן. מיִר ווייִסעֶן, אַז מאַרקס איִז געֶפאָה־רעֶן לויט דעֶם בעֶשלוּס פוּן דעֶם רעֶוואָלוציאָנעֶרעֶן דעֶמאָקראַטיִשעֶן צעֶנטראַל־קאָמיִטעֶט איִן פּאַריִז, וואוּ דיִ דעֶמאָקראַטעֶן האָבעֶן זיִך געֶגרייִט צוּ איִין אוֹיפשטאַנד, פוּן וועֶלכעֶן עֶס איִז געֶוועֶן אָבהעֶנגיִג ניִט נאָר דעֶר שיִקזאַל פוּן דעֶר פראַנצוֹיזיִשעֶר דעֶמאָקראַטיעֶ, נאָר אויך פוּן דעֶר דייַטשעֶר. דאָס איִז געֶוועֶן דעֶר אוֹיפשטאַנד פוּן דעֶם 13־טעֶן יוניִ 1849. פוּן דעֶם האָט זיִך אויך גאָר ניִט אוֹיסגעֶלאָזעֶן, וויִ מיִר זעֶהעֶן דאָס פוּן עֶנגעֶלס'ס אוֹיבעֶנגעֶבראַכטעֶר ציִטאַטעֶ. דורך דעֶם איִז אויך דיִ לאַגעֶ פוּן מאַרקס איִן פּאַריִז געֶוואָרעֶן ניִט אַ זיִכעֶרעֶ. איִהם איִז געֶבליִבעֶן אוֹיסצוּקלייַבעֶן אייִנס פוּן דיִ בייִדעֶ: אָדעֶר פעֶרקלייַבעֶן זיִך איִן

---

*) אַ נאָמעֶן פוּן אַ שטאָט איִן באַדעֶן.

ברעטאַן*), אָדער צו פערלאָזען פראַנקרייך אין גאַנצען. ער איז אַוועק אין לאָנדאָן.

אַזוי ווי אין דער שווייץ האָט ענגעלס ניט געהאַט קיין אויסזיכט צו געפינען פאַר זיך אַזאַ טהעטיגקייט, וואָס זאָל איהם צופריעדען שטעלען, איז ער אויך אַריבערגעפאָהרען אין לאָנדאָן. נאָר אַזוי ווי דער וועג דורך פראַנקרייך איז געווען אַ געפעהרליכער, — ווייל די פראַנצויזישע רעגירונג פלעגט אָפטמאָל נעהמען און אַוועקשיקען איבער האַוור קיין אַמעריקאַ די דייטשע עמיגראַנטען, וועלכע פלעגען פאָהרען אין לאָנדאָן דורך פראַנקרייך, — האָט ער דעריבער אויסגעקליבען דעם וועג איבער גענואַ, און פון דאָרטען אויף אַ זעגעלשיף איבער גיבראַלטאַר, איז ער אַוועקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן.

די מעהר־צאָהל פון די אָנפיהרער פון דעם קאָמוניסטען־בונד און אויך די מעהר־צאָהל פון די דייטשע „גרויסע לייט" פון דעם 1848 יאָהר האָבען זיך דאָרטען אין הערבסט צייט צוזאַמענגעטראָפען. מען האָט געטראַכט וועגען אַ נייע אָרגאַניזאַציע, כדי אָנצוהויבען פון דאָס ניי די פראָפּאַגאַנדיסטישע טהעטיגקייט. די רעוואָלוציאָנערע אויפרעגונג האָט זיך נאָך ניט איינגעשטילט און עס האָט אויסגעוויזען, אַז עס איז נויטיג זיך צוצוגרייטען צו אַ נייעם אויפשטאַנד. מאַרקס און ענגעלס האָבען אָבער די הכנות צו אַ נייעם אויפשטאַנד פערשטאַנען גאַנץ אַנדערש, ווי די מעהרהייט פון די דעמאָקראַטישע עמיגראַנטען. בשעת די דעמאָקראַטען האָבען געהאַלטען די אויפגאַבע, וועלכע עס האָט זיך נאָר וואָס אַזוי ניט איינגעגעבען, סך הכל פאַר אַ קינדער שפּיל, און וואָס לענגער זיי זענען געבליבען אָבגעריסען פון דעם ווירקליכען לעבען אין זייער היימאַט לאַנד, אַלץ מעהר האָבען זיי זיך אָבגעגעבען מיט פאַנטאַסטישע פּלענער און פוסטע הלומות און מיט מאַניפעסטאַציעס פון הויכע פראַזען — אין דער זעלביגער צייט האָבען מאַרקס און ענגעלס פעסט און רוהיג געאַרבייט אויף דעם, ווי אַזוי צו פערשטאַרקען די אָרגאַניזאַציע פון דעם קאָמוניסטען בונד, ווי אַזוי צו פּראָפּאַגאַנדירען דאָרטען זייערע אידעען; און צו דער זעלבער צייט האָבען זיי אויך כסדר געאַרבייט איבער זייער איינענער גייסטיגער ענטוויקלונג.

*) אַ נאָמען פון אַ האַלב אינזעל אין פראַנקרייך.

די רעזולטאַטען פון זייער דעמאָלטדיגער קריטישער און וויסענ־שאַפטליכער אַרבייט האָבען זיי פערעפענטליכט אין איין מאָנאַט־ליכען זשורנאַל, וועלכען זיי האָבען אַרויסגעגעבען אין דעם יאָהר 1850. זיי האָבען איהם אַ נאָמען געגעבען „נייע רהיינישע צייטונג" דעם נאָמען פון דעם פערבאָטענעם קעלנישען בלאַט. די צייטונג האָט זיך געדרוקט אין האַמבורג. מאַרקס האָט דאָרטען אָבגעדרוקט אַ קריטישען אַרטיקעל איבער דער געשיכטע פון די פראַנצויזישע בעוועגונגען פון די יאָהרען 1848 1849*). דיזער אַרטיקעל איז געווען די גרונדלאַגע פון זיין שפּעטערדיגען ווערק: „דער 18־טער ברומער". ענגעלס האָט אין אַ רייהע אַרטיקלען בעשריבען די בעוועגונג פאַר אַ'ן אַלגעמיינע רייכס־קאָנסטיטוציע אין דייטשלאַנד. איין אָרט פון דיזע אַרטיקלען האָבען מיר שוין איבען געבראַכט. פון זיינע אַנדערע אַרטיקלען דאַרף מען דערמאָנען: „דער ענגלישער געזעץ וועגען דעם צעהן־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג", אַ'ן אַרטיקעל, וועלכער האָט היינט נאָר אַ היסטאָרישען אינטערעס, ווייל איינינגע פון זיינע השערות (פאָר־אויסזעצונגען), עקסיסטירען שוין ניט ביי היינטיגען טאָג. ווען מיר לעזען דיזען אַרטיקעל, פערשטעהען מיר ערשט גוט די אינדוסטריעלע רעוואָ־לוציע, וועלכע מיר האָבען פון דעמאָלט אָן דורך געמאַכט. אָבער איינע פון זיינע בעסטע ווערק איז געווען אַ רייהע אַרטיקלען וועגען דעם דייטש־ען בויערען־קריעג, וועלכע זענען אַרויס אין בעזונדערע בראָשורען אין די זיבעציגסטע יאָהרען, בעת די סאָציאַליסטישע בעוועגונג האָט ווידער אָבגעלעבט. דיזער חבור איז די ערשטע היסטאָרישע אַרבייט איבער די געזעלשאַפטליכע פערהעלטניסען פון דער פאָרקאַפּיטאַליסטישער צייט פון דעם היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפּונקט.

די ענטוויקלונג פון דיווירקליכע פערהעלטניסען אין יענער צייט האָט בעוויזען די אַלע מענשען, וועלכע, אַנשטאָט צו לעבען אין דער וועלט פון הלומות, האָבען אַלץ בעטראַכט אויפמערקזאַם, אַז די רעוואָלוציע האָט זיך דערווייַלע געענדיגט און עס איז ניטאָ וואָס

*) דיזע אַרטיקלען זיינען אָבגעדרוקט געוואָרען פון דאָס ניי אין יאָהר 1895 (בערלין, בוכהאַנדלונג פון „פאָרווערטס"), אונטער דעם טיטעל: „די קלאַססענקעמפּפע אין פראַנקרייך 1848 — 50, מיט אַ'ן אויסגעצייכענטער הקדמה פון ענגעלס.

צו טראַכטען וועגען אַ באַלדיגען אויפשטאַנד. ווי אונאַנגענעהם דאָס איז ניט געוועזען, האָבען דאָך מאַרקס און ענגעלס דאָס ניט פאַרבאָרגען, נאָר פערקעהרט, זיי האָבען מוטה געהאַט דערפון אָפען צו רעדען, ווייל זיי האָבען אַלע מאָל געהאַלטען פאַר זייער אויפגאַבע, ניט צו אונטערשטיצען הלומות, נאָר זיי צושטערען.

אין זייער איבערזיכט איבער די פאַסירונגען פון מאַי ביז אָקטאָבער, וועלכער איז געשריבען דעם 1־טען נאָוועמבער 1850, קאָנסטאַטירען זיי, אַז אין האַנדעל און אינדוסטריע איז איצט אַ בליה־צייט. „ביי אַזאַ אַלגעמיינע בליה־צייט, שרייבען זיי, ווען די פּראָדוקציאָנס־קרעפטען פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט האָבען זיך אַזוי גרויסאַרטיג ענטוויקעלט אויף ווי פיעל דאָס איז בכלל מעגליך ביי בירגערליכע פערהעלטניסע — אין אַזאַ צייט קען וועגען אַ ווירקליכע רעוואָלוציע קיין רייד ניט זיין. אַזאַ רעוואָלוציע איז מעגליך נאָר אין אַ זעלכע צייטען, ווען ביידע פאַקטאָרען, די היינטיגע פּראָדוקציאָנס־קרעפטען און די בירגערליכע פּראָדוקציאָנס פאָרמען שטעלען זיך אין ווידערשפּרוך איינע צו די אַנדערע. די פערשידענע מהלוקות, וואָס קומען פאָר צווישען די פאָרשטעהער פון פערשידענע פראַקציעס פון אָרדנונגס־פּאַרטייען אויף דעם קאָנטינענט און די זלזולים, וואָס זיי גיסען אויס איינע אויף די אַנדערע, זענען זעהר ווייט פון אַרויסצורופען נייע רעוואָלוציעס. זיי זענען, פערקעהרט, מעגליך נאָר צוליעב דעם, וואָס דער יסוד פון די איצטיגע פערהעלטניסען שטעהט פעסט און איז — וואָס די רעאַקציע ווייס ניט — אַזאַ בורזשואַזנער. אויף דיזען פונדאַמענט קענען ניט האָבען קיין ממשות אַלע רעאַקציאָנערע פּלענער, וועלכע ווילען אויפהאַלטען די ענטוויקלונג פון דער בורזשואַזנער געזעלשאַפט, ווי אויך די בעגייסטערטע פּראָקלאַמאַציעס און דער „מאָראַלישער גרימצאָרן" פון די דעמאָקראַטען (העפט 5 און 6 ; ז. 153).

היינט ווייסען מיר, אַז מאַרקס און ענגעלס זענען גערעכט געוועזען. אָבער אָנצונעהמען דעם ביטערען אמת איז ניט יעדער מענש מסוגל.

די אַלע, וואָס האָבען געגלויבט, אַז צו מאַכען אַ רעוואָלוציע דאַרף מען מעהר ניט ווי אַ גוטען רצון, די אַלע, וואָס האָבען געגלויבט, אַז אַ רעוואָלוציע קען מען מאַכען ווען מען וויל, ווען מען האָט דערצו נאָר השק — קורץ, דער גרעסטער טהייל פון די עמיגראַנטען אין

ענגלאַנד, וועלכע זענען דעמאָלט געווען די פאָרשטעהער פון דער ראַדיקאַלער בירגערליכער אָפּאָזיציע געגען דער אויראָפּעאישער רעאַקציע, זיי אַלע זענען אַרויסגעטרעטען געגען מ אַ ר ק ס און ע נ ג ע ל ס. די „נײַע רהיינישע צײַטונג" האָט פערלאָרען איהרע לעזער און האָט געמוזט אויפהערען אַרויסצוגעהען; דער קאָמוניסטען בונד האָט זיך צושפּאָלטען. זײַנע טהעטיגסטע מיטגלידער אין דײַטשלאַנד זענען אַ־רײַנגעפאַלען דורך ש ט י ב ע ר ס*) קונציסטיק אויף יאָהרען לאַנג אין געפענגניס: מיט דעם אויסזיכט אויף אַ באַלדיגע מרידה האָט זיך אויף אַ געוויסע צײַט אָבגעשטעלט די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע.

די פּאָליטישע טהעטיגקייט האָט זיך אויף אַ לאַנגע צײַט אָבגעשטעלט. פון 1850 יאָהר איז פאַר זיי ביידען די ליטעראַרישע טהעטיגקײַט אין דײַטשלאַנד געוואָרען אונמעגליך: דער חרם פון די דעמאָקראַטען האָט זיי געדריקט ניט וועניגער ווי דער חרם פון דער רעגירונג. קיין אַרויסגעבער האָט זייערע שריפטען ניט אָנגענומען, קיין צײַטונג האָט זיי ניט געוואָלט האָבען פאַר מיטאַרבייטער. מ אַ ר ק ס האָט זיך פערשפּאַרט אין בריטיש מוזעאום (אַ גרויסע ביבליאָטעק אין לאָנדאָן), האָט ווידער אָנגעהויבען צו שטודירען עקאָנאָמיע און געשיכטע און האָט געלייגט דעם יסוד (פונדאַמענט) צו זײַן גרויסען חבור „דאָס קאַפּיטאַל" — דערבײַ האָט ער געשריבען אין „ניו־יאָרקער טריבונע", פון וועלכער ער איז פאַקטיש געווען כמעט צוואַנציג יאָהר דער אויראָפּעאישער רעדאַקטאָר. ענגעלס איז אין 1850 יאָהר געפאָהרען אין מאַנטשעסטער, וואו ער האָט ווידער בעקומען אַ שטעלע אין דער באַוועלפאַבריק, אין וועלכער זײַן פאָטער איז געווען אַ שותף און אין 1864 יאָהר איז ער זעלבסט געוואָרען איהרער אַ קאָמפּאַניאָן, אין 1869 יאָהר איז ער אין גאַנצען אַרויסגעטראָטען פון דעם געשעפט. דורך די עטיקעטען פון דער פירמע „ערמען און ענגעלס" אויף די שפּולקעס פון די נעה־פאָדים איז זײַן נאָמען זיכער בעקאַנט געוואָרען פיעלע אַרבייטער־פרויען, וועלכע האָבען געוויס ניט געוואוסט פון זײַן טהעטיגקייט פאַר דעם אַרבייטער קלאַס.

צוואַנציג יאָהר נאָכאַנאַנד, מיט קליינע אויסנאַהמען, זענען

*) ש ט י ב ע ר, אַ פּאָליציי בעאַמטער אין ד י י ט ש ל אַ נ ד, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע פערפאָלגונגען געגען די רעוואָלוציאָנערען.

די בײדע פרײנד געװען צושײדט, אבער גײסטיג פלעגען זײ שטענדיג פערקעהרען צװישען זיך. כמעט אלע טאג האבען זײ געשריבען אײנער דעם אנדערען; ארױסגעזאגט אײנער דעם אנדערען זײערע השקפות איבער פאליטיק, עקאנאמישען לעבען און װיסענשאפט. דיזע אלע בריעף זענען געבליבען גאנץ, אז זײ װעלען אבגעדרוקט װערען, װעלען זײ זײן אײנע פון די װיכטיגסטע קװעלען, צו פערשטעהען די צײט פון 1850 ביז 1870:

אין מאנטשעסטער האט זיך ענגעלס בעשעפטיגט װײטער מיט זײנע װיסענשאפטליכע פארשונגען, הגם ער איז געװען פערנומען אין געשעפט. פריהער פון אלץ האט ער געשטודירט קריעגס-געשיכטע און מיליטער-װיסענשאפטען — די מלחמה פון 1849 האט איהם קלאר בעװיזען, אז מען קען אהן דעם ניט אױסקומען. זײן דיענסט-צײט אין דער ארטילעריע (אלס א'ן אײניאהריגער פרײװיליגער) איז געװען זײן פראקטישער פונדאמענט דערצו. אױך האט ער שטודירט נאטור-װיסענשאפט און פערגלײכענדע שפראכען-לעהרע, א װיסענשאפט, װעלכע ער האט פון לאנג געליעבט. אין דער צײט פון דער איטאליענישער מלחמה אין 1859 יאהר האט ער ארױסגעלאזען אנאנים א מיליטערישע בראשורע אונטער דעם טיטעל: „פא*) און רהײן“, אין װעלכער ער טרעט ארױס װי געגען דער עסטרײכישער טעאריע, אז דעם רהײן מוז מען פערטהײדיגען דורך דעם טײך פא, אזױ אױך געגען די פרײסישע ליבעראלען, „די קלײנדײטשען“**), װעלכע האבען זיך געפרײט אױף

---

*) א נאמען פון א טײך אין איטאליען אױף דעם גרענעץ פון די איטאליענישע פראװינצען (װעניציען און לאמבארדיען), װאס האבען געהערט צו עסטרײך. עסטרײך'ס װאונש איז געװען, אז אין דעם דײטשען בונד זאלען ארײן אלע עסטרײכישע פראװינצען, אפילו די, אין װעלכע עס װאהנען ניט קײן דײטשען. דאס רוב פון דער דײטשער בעפעלקערונג איז געװען געגען דעם, נאר כדי פערבלענדען דער דײטשער-בעפעלקערונג די אױגען האט זי אױסגעטראכט, אז דײטשלאנד נױטיגט זיך אין דיזע פראװינצען, און אז דער פא (אין איטאליען) איז א פעסטונג פאר דעם רהײן (דײטשלאנד).

**) „קלײנדײטשען“, א אירא‌נישער נאמען, װעלכען די געגנער האבען געגעבען דער דײטשער פאליטישער פארטײ, װאס האט געשטרעבט צו פער-אײניגען די קלײנע דײטשע מלוכות אין אײן מלוכה אחוץ פרײסען און

עֶסטרײַך׳ס מפלה און האָבען ניט פֶערשטאַנען, אַז באָנאַפּאַרטע*)
איז זײער בײדען׳ס שׂונא. אַ צווײטע בראָשורע פון עֶהנליכען אינהאַלט
„סאַוואָיען, ניצצאַ און דער רהײן" איז אַרוים נאָך דעם קריעג. אין
דער צײַט פון דעם פרײַסישען מיליטער־קאָנפליקט **) (1065)
האָט ער אַרויסגעגעבען אַ נײַע בראָשורע: „די פרײַסישע מיליטער־
פראַגע און די דײַטשע אַרבײטער פאַרטײ", אין וועלכער ער האָט אויס=
געלאַכט די ספקות און די סתירות (ווידערשפּריכע) פון די ליבעראַלען
און די פראָגרעסיסטען און האָט בעוויזען, אַז פערענטפערען ריכטיג
די מיליטער־פראַגע, אַזוי ווי אַלע איבעריגע שווערע פראַגען, קען
נאָר די אַרבײטער־פּאַרטײ. אין דער צײַט פון דעם דײַטש־פראַנצויזישען
קריעג האָט ער געשריבען אַ רײהע מיליטעריש־קריטישע אַרטיקלען
אין דער לאָנדאָנער „פּאַל־מאַל־גאַזעט", וואו ער האָט פּאָראויס
געזאָגט, אַז דער פראַנצויזישער היל וועט בעקומען זײַן מפּלה נעבען
ס ע ד אַ ן. ער האָט געשריבען זײַן אַרטיקעל, אַם 25־טען אויגוסט און
דער קאַמפּף נעבען ס ע ד אַ ן איז פאָרגעקומען דעם 2־טען סעפּטעמבער.

הגם אין יענער צײַט איז שוין די וויסענשאַפטליכע אַרבײט צווי=
שען מ אַ ר ק ס און ע נ ג ע ל ס פאַנאַנדערגעטײלט געווען, נאָר נאָכ=
דעם ווי ע נ ג ע ל ס האָט זיך בעזעצט אין ל אָ נ ד אָ ן (1870) האָט
זיך דיזע פאַנאַנדערטײלונג פון דער וויסענשאַפטליכער אַרבײט נאָך
מעהר ענטוויקעלט, און האָט זעהר גוט געווירקט אויף זײערע ווײַ=
טערע אַרבײטען. אין דער צײַט, ווען מ אַ ר ק ס האָט געאַרבײט
אויף צו ענטוויקלען אין אַ בעשטימטע שיטה די טעאָריע, וועלכע
זײ האָבען בײדע ענטדעקט, און פאָרצולײגען איהר דער וויסענשאַפט=

עסטרייך. דערנאָך איז זי דערויף מסכים געווען, אַז פ ר י י ס ע ן זאָל אַריין
אין דעם דייטשען בונד אָבער אויף קיין פאַל ניט ע ס ט ר י י ך.

*) דאָס איז דער נאָמען פון דעם פראַנצויזישען קייסער ל ו א י נ אַ פּ אָ-
ל ע אָ ן דער III-טער.

**) דאָס איז געווען די מחלוקות, וועלכע איז פאָרגעקומען צווישען
דער פרייסישער רעגירונג מיט דעם פרייסישען פּאַרלאַמענט איבער דער רע-
אָרגאַניזירונג פון דעם פרייסישען חיל. די רעאָרגאַניזירונג האָט געדאַרפט קאָס=
טען אַ סך געלד. די אויסגעקליבענע פאָרשטעהער פון דעם פאָלק זענען געווען
געגען דער רעפאָרמע. דאַן האָט די רעגירונג אונגעזעצליך, אָהן דער צושטי-
מונג פון די פאָרשטעהער, דורכגעפיהרט איהרע פלענער און האָט דערויף גע-
נומען געלד ווי פיעל זי האָט בעדאַרפט.

ליבער וועלט, האָט ע נ ג ע ל ס גענומען אויף זיך די אויפגאַבע, ערשטענס, צו פערטהיידיגען די טעאָריע פאָלעמיש געגען אַזוינע געגנער, מיט וועלכע עס איז כדאי געווען צו פאָלעמיזירען, און צווייטענס, די וויכטיגע צייט־פראַגען צו בעטראַכטען פון דעם שטאַנדפונקט פון דיעזער טעאָריע און צו בעשטימען די שטעלונג פון דעם פראָלעטאַריאַט צו די דאָזיגע פראַגען. עס פערשטעהט זיך, אַז די פאַנאַנדערטיילונג פון זייער וויסענשאַפטליכער אַרבייט איז ניט געווען שטרענג דורכגעפיהרט; גאַנץ אָפט האָבען זיי געאַרבייט צוזאַמען און שטענדיג פלעגען זיי זיך טיילען מיט זייערע מיינונגען וועגען פערשיעדענע פראַגען.

ע נ ג ע ל ס׳ס שריפטען דערצעהלען אונז אין פערשיעדענע ערטער, וואָס פאַר א שייכות ער האָט געהאַט צו מ אַ ר ק ס׳ס וויסענשאַפטליכע אַרבייטען. אין דער הקדמה צו דער צווייטער אויסגאַבע פון זיין בוך „הערר דיהרינג׳ס אומוועלצונג פון דער וויסענשאַפט“ שרייבט ער (ז. 10): „אַזוי ווי די שיטה, וואָס איז אין דיזען בוך ענטוויקעלט, איז צום גרעסטען טייל בעגרינדעט און ענטוויקעלט געוואָרען פון מ אַ ר ק ס און איך האָב אין איהר נאָר אַ קליינעם חלק, דעריבער איז זעלבסט־פערשטענדליך, אַז דער אינהאַלט פון דיזען בוך איז מ אַ ר ק ס׳ע ן געווען בעקאַנט. איך האָב איהם דורכגעלעזען דעם גאַנצען מאַנוסקריפט (כתב יד) איידער ער האָט זיך געדרוקט און דעם צעהנטען קאַפּיטעל פון דעם טייל וועגען עקאָנאָמיע אונטער דעם נאָמען: „פון דער קריטישער געשיכטע“, האָט מ אַ ר ק ס אַליין געשריבען און איך האָב איבער זייטיגע אורזאַכען געמוזט איהם ליידער פערקירצען. מיר האָבען זיך פון לאַנג אָן נוהג געווען אין ספעציעלע פראַגען צו העלפען איינע די אַנדערע*).

*) כאַראַקטעריסטיש פאַר ע נ ג ע ל ס און זיין פערהעלטניס צו מ אַ ר ק ס איז דער פאָלגענדער אָרט אין זיינעם אַ פריוואַט בריעף צו אַ׳ן אַלטען און טרייען גענאָסע, וועלכער איז געשטאָרבען ערשט אין פאָריגען יאָהר. ער שרייבט דאָרטען אַזוי: „איך האָב מיין גאַנצען לעבען געשפיעלט די צווייטע פידעל און איך גלויב, אַז איך בין דערינען געוואָרען אַ׳ן עכטער קינסטלער. איך האָב זיך זעהר געפרייט, וואָס איך האָב נעבען זיך געהאַט אַזאַ גוטען שפיעלער אויף דער ערשטער פידעל ווי מ אַ ר ק ס. איצט אָבער, נאָך מ אַ ר ק ס׳ס טויט, אַז איך דאַרף שפיעלען די ערשטע פידעל, אַלס דער פער-

די איבּענדערמאָנטע פאַנאַנדערטיילונג פון זייער אַרבּייט האָט געווירקט אויף דערויף, וואָס בעת מאַרקס האָט זיך אין גאַנצען אָבּגעגעבּען זיין גרויסען ווערק „דאָס קאַפּיטאַל“, האָט ענגעלס די רעזולטאַטען פון זיינע פאָרשונגען פאַנאַנדערגעשפּרייט אין אַ גרויסע צאָהל פון דאָס רוב קליינע שריפטען. עס האָט זיך אָבּער דערפון אויסגעלאָזען, אַז בעת די וועלט קלאָגט זיך אויף דעם, וואָס דאָס „קאַפּיטאַל“ פון מאַרקס איז שווער צו פערשטעהען און דאָס רוב לעזט וועגען דעם „קאַפּיטאַל“ מעהר איידער איהם זעלבּסט, האַלט מען ענגעלס'ן פאַר אַ קינסטליכען פּאָפּולאַריזאַטאָר, זיינע שריפטען ווערען געלעזען פון אַלע דענקענדע פּראָלעטאַריער און די גרעסטע טייל מענשען, וועלכע בּעשעפטיגען זיך מיט דעם סאָציאַליזם בּעקענען זיך מיט דער מאַרקס־ענגעלס'שער טעאָריע פון זיינע שריפטען.

אַגב אורחא אַ קליינע בּעמערקונג. דאָס רוב פון אונזערע פריינד, ווי בּאַלד זיי קומען צו דער איבּערצייגונג, אַז דער סאָציאַליזם איז אַ וויסענשאַפט און ניט אַ געפיהל־זאַך, אויף וואָס עס איז גענוג צו האָבּען אַ גוטע האַרץ, און צו פערשטעהען איהם דאַרף מען האָבּען ניט נאָר אַ גוטען רצון, נאָר אויך געוויסע קענטניסע, וואַרפען זיי זיך גלייך אַרויף מיט גרויס היץ אויף דעם „קאַפּיטאַל“, צובּרעכען זיך די ציינער אָן דער „ווערט־טעאָריע“ און בּלייבּען שטעהען אויף איין אָרט. זיי וואָלטען גאַנץ אַנדערע רעזולטאַטען דערגרייכען, ווען זיי וואָלטען פריהער גרינדליך דורכשטודירען ענגעלס'ס בּראָשורען און ערשט נאָכדעם נעהמען זיך פאַר'ן „קאַפּיטאַל“.

דאָס רוב פון ענגעלס'ס שריפטען זענען אַרויסגערופען געוואָרען דורך בּעשטימטע געלעגענהייטען. זיי זענען אָבּער ניט גלייך צו אַ קקיון דיונה, וועלכער איז פערשוואונדען גלייך מיט דער סבּה וואָס האָט איהם אַרויסגערופען צום לעבּען. איינינגע פון דיזע שריפטען האָבּען נאָך איצט אויך ניט אָנגעוואָרען זייער ווערט דורך זייער שאַרפער כאַראַקטערעזירונג פון דער היסטאָרישער לאַגע, וועלכע האָט זיי אַרויסגערופען. אַזוי, למשל, שפּילט נאָך היינט אין אַ פּרט „דער פּרייסישער שנאַפּס אין דעם דייטשען רייכסטאַג“ נאָך אַ גרעסערע ראָלע,

---

טרעטער פון אונזער טעאָריע, מוז איך זיין פּאָזיטיוו, כדי איך זאָל ניט האָ-

איידער אין דער צייט, בעת ע נ ג ע ל ס האָט איהם אָבגעדרוקט אין דעם „פאָלקסשטאַאַט“ (1876) און וועלכער איז אויך אַרויס אין אַ בעזונדערער בראָשורע*). אין די בראָשורע „די באַקונינסטען ביי דער אַרבייט“, אין וועלכער עס איז אַרומגעשריבען דער אַנאַרכיסטישער טומעל אין ש פ אַ נ י ע ן אין 1873 יאָהר, האָט פאַר אונז, עסטרייכער, זעהר אַ גרויסע בעדייטונג.

די אַנדערע שריפטען פון ע נ ג ע ל ס, וועלכע זענען געשריבען געוואָרען ביי פערשידענע געלעגענהייטען, טראָגען דאָס רוב אַ פּאָלעמישען האַראַקטער, אָבער די פּאָלעמיק דיענט ביי איהם נאָר צו בעלייכטען די איינענע טעאָריע פון פערשידענע זייטען.

דעריבער זענען זיינע שריפטען ניט פעראַלטערט געוואָרען. אַלס אַ בעווייז קען דיענען דער פאַקט, וואָס זיי ווערען כסדר אַרויסגעגעבען אין נייע אויסגאַבען. דאָס זעלבע איז מיט דער בראָשורע

*) ע נ ג ע ל ס האָט דעמאָלט אַזוי געשריבען: „וואוהין מיר זאָלען זיך ניט קעהרען און ווענדען, געפינען מיר אומעטום פּרייסישען ספּירט. דער פּרייסישען ספּירט דערלאַנגט ניט בערך ווייטער איידער די האַנד פון דער דייטשער רעגירונג. און וואו דער ספּירט דערגרייכט נאָר, איז די ערשטע טובה וואָס ער ברייננט — רמאות. איבער דעם ספּירט ווערען די דרום-אייראָפּעישע וויינען אַרויסגעשיקט קיין אויסלאַנד און די דייטשע אַרבייטער זעהען איהם אין די אויגען ניט. און אַזוי ווי דער שפּיז פון א ח י ל ל ע ס היילט די וואונדען, וואָס ער אַליין האָט אָנגעמאַכט, אַזוי גיט דער פּרייסישער שנאַפּס דעם בעראַבעוועטען אַרבייטער-קלאַס אָנשטאָט וויין — פערפעלשטען בראַנפען. קאַרטאָפעל-ספּירט איז פאַר פּ ר י י ס ע ן די זעלבע זאַך, וואָס אייזען און באַוועל-סחורות פאַר ע נ ג ל אַ נ ד, אַ סחורה, וועלכע פּ ר י י ס ע ן שטעלט אַרויס אויף דעם וועלט-מאַרק... די בראַנפען-פּרייזען זיינען דער מאַטעריעלער יסוד פון איצטיגען פּ ר י י ס ע ן... וואָס מעהר עס וועט זיך פערגרעסערען די נאָכפראַגע אויף ספּירט, אַלין מעהר וועט זיך פּ ר י י ס ע ן ענטוויקלען צו אַ צענטראַל-פאַבריק פון שנאַפּס פאַר דער גאַנצער וועלט. ביי די עקסיסטירענדע געזעלשאַפטליכע פערהעלטניסע הייסט דאָס ניט אַנדערש, וואָס פון איין זייט וועט זיך אויסבילדען אַ קלאַס פון מיטעלמעסיגע גרונדבעזיצער, וועמעס יונגע זיהן וועלען פערנעהמען אַלע שטעלען פון אָפיצירען אין דער אַרמעע און אין דער ביוראָקראַטיע... און פון דער אַנדער זייט וועט זיך אויסבילדען לפי ערך אַ גיך-וואַקסענדער קלאַס פון האַלב-שקלאַווען, וועלכער וועט צושטעלען די הויפּט מאַסע פאַר אַרמעע... קורץ, ווער האָט פּ ר י י ס ע ן געגעבען די מעגליכקייט אַראָבשלינגען גלאַט די ו ו ע ס ט - ע ל ב י ש ע שטיקלעך לאַנד אין 1815 יאָהר,

„די וואָהנונגס־פראַגע״, פּאָלעמיק נעגען דעם קליין־בירגערליכען פּראָ־דוניסט מילבערגער. זי איז צוערשט אָבגעדרוקט געוועזען אין דעם פּאָלקס־שטאַט״ אין 1872 יאָהר, דערנאָך אין אַ בעזונדער אָבדרוק. איצט האָט די ציריכער פאָלקס־בוכהאַנדלונג זי פון דאָס ניי אַרויסגעגעבען מיט אַ הקדמה פון ענגעלס, אין וועלכער ער האַראַקטעריזירט דערהויפּט די נייע אינדוסטריעלע ענטוויקלונג אין דייטשלאַנד און דעריבער האָט זי אַ גרויסען ווערט אַפילו ביי די מענשען, וועלכע האָבען שוין די ערשטע אויסגאַבע פון דיזער בראָשורע.

אין דעם 1875 יאָהר איז אַרויס אין אַ בעזונדער אָבדרוק זיין אַרטיקעל „סאָציאַלעס פון רוסלאַנד״, פון דעם „פּאָלקס־שטאַט״, אַ פּאָלעמיק נעגען דעם באַקוניסט „טקאַטשאָוו״, אין וועלכער ער בעטראַכט די רוסישע פּערהעלטניסע און אַיינריכטונגען פון דעם שטאַנד־פּונקט פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. אַ גרויסען אינטע־רעס האָבען זיינע מיינונגען וועגען די רוסישע „אַרטעלען״ און דער „אָבשצינאַ״ פון די בויערן (קהל׳שע איינענטום אויף ערד) און וואָס פאַר אַ בעדייטונג דיזע אַיינריכטונגען האָבען פאַר דעם סאָציאַליזם.

מיט צוויי יאָהר שפּעטער האָט ענגעלס אָבגעדרוקט זיין פּאָלעמיק נעגען דיהרינג. דאָס איז געוועזען מיט אַ יאָהר פריהער, איידער עס איז אַרויס דער געזעץ געגען די סאָציאַליסטען אין דייטשלאַנד. אַ טייל פון דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָט זיך אומגעוויעגט אין זיסע הלומות. זיי האָט זיך געדוכט, אַז די שווערסטע ציטען זענען שוין אַריבער, אַנדערע האָבען שוין אַפילו געזעהען דעם טאָג, ווען אין דעם דייטשען רייכסטאַג (פּאַרלאַמענט) וועלען

---

צו דערשטיקען די רעוואָלוציע אין בערלין אין 1848 יאָהר, צו שטעלען זיך בראַש פון דער רעאַקציע אין 1849 יאָהר, ניט קוקענדיג אויף די רהייניש־וועסט־פאַלישע אויפשטאַנדען, דורכצופיהרען די מלחמה מיט עסטרייך אין 1866 יאָהר און אונטערוואַרפען אַלע קלענערע מלוכות פון דייטשלאַנד אונטער דעם אונגעבילדעטען, רעאַקציאָנערסטען און נאָך האַלב־פעאָדאַלען טייל פון דייטשלאַנד אין 1871 יאָהר, וועמען האָט פריסען צו פערדאַנקען פאַר דאָס אַלץ? — אַלץ די בראַנפען־ברייזער (ז. 13-10). עס איז קיין חידוש ניט, וואָס די דייטשע מלוכה האָט די בעלי־בתים פון „שנאַפס־ברייזער פאַר אַזאַ מין טרייער דינסט דורך מאָנאָפּאָל גוט בעצאָהלט.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען דאָס רוב שטימען און וועלען בעשליסען דורכצופיהרען די סאָציאַליסטישע אָרדנונג. זיי האָבען זיך שוין געבראָכען דעם מה, קלערענדיג, ווי אַזוי גרינגער און מיט די קלענסטע קרבנות דורכצופיהרען דעם סאָציאַליזם. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען די אויפגעהענדע זון, אויף וועלכע עס האָבען געקוקט מיט בעגייסטערונג ניט נאָר דער פּראָלעטאַריאַט אַליין, נאָר אויך אַ גרויסע צאָהל אונצופריעדענע מענשען פון די פערמעגענדע קלאַסען, דהיינו, „גרויסע מענשען", וועלכע די בורזשואַזיע האָט פערשטויסען, האָבען געהאָפט, אַז די אַרבייטער וועלען זיי אָבשעצען ווי עס דאַרף צו זיין, געגנער פון פאָקען־שטעלען, דאָקטוירים, וועלכע היילען די קראַנקע נאָר מיט דער נאַטור, כל המיני ליטעראַטען, אַזעלכע ווי שעפּלע און נאָך אַזוינע חברה. עס איז שווער געווען צו מאַכען אַנ'אונטערשיעד צווישען די, וועלכע זענען באמת פערינטערעסירט געווען אין דער לאַגע פון דעם פּראָלעטאַריאַט און צווישען אַזעלכע, וועלכע זענען אַריין אין אונזערע רייהען נאָר מחמת זייער כעס אויף דער בורזשואַזיע. אַ טייל פון אונזערע גענאָסען, דאָס רוב די יונגערע און ניט ערפאַרענע, האָבען די אַלע ניי־צוגעקומענע חברים אויפגענומען מיט גרויס פרייד; אין דער אמת'ן אָבער, איז דער נצחון געווען ניט זעהר קיין גרויסער, בעת אפילו פּראָפעסאָרען און דאָקטוירים זענען געקומען צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די הערען פּראָפעסאָרען און דאָקטוירים האָבען גאָר ניט געהאַט בדעה אין גאַנצען אָבצוזאָגען זיך פון דער בורזשואַזיע. אין דער אמת'ן האָבען זיי נאָר געוואָלט שפּיעלען אַ ראָלע מיט דער הילף פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און האָבען געוואָלט דורך איהר דערשלאָגען זיך די אַנערקענונג פון דער בורזשואַזיע. זיי האָבען געוואָלט קודם כל די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע „אויספיינען", אַריינפיהרען איהר אין די סאַלאָנען און אָבנעהמען ביי איהר דעם פּראָלעטאַרישען האַראַקטער.

דעמאָלט איז נויטיג געווען צו פערשפּאַרען די טהיר פאַר די בירגערליכע עלעמענטען, וועלכע האָבען אויף אַזאַ אופן אָנגעהויבען צו ווירקען אויף דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. איינער פון די אויסגעצייכענטסטע און טאַלאַנטספאָלסטע „סאַלאָן־סאָציאַליסטען" פון דעם

איבערגעטראָגענטמענטען טיפּ איז געוועזען דער בערלינער פּריוואַט־דאָצענט איישען דיהרינג, אַ מענש מיט גרויסע גייסטיגע פעהיגקייטען, וועלכער וואָלט זעהר אַסך געקענט אויפטהון, ווען ער וואָלט פערמאָגט אַ ביסעל מעהר פון דער מאַרקס־ענגעלס'שער זעלבסט־קריטיק און אַ ביסעל וויינינגער גאוה, וועלכע ער האָט בעקומען בירושה פון די דייטשע ליטעראַטען.

דיהרינג האָט זיך געהאַלטען פאַר אַזאַ גאון, אַז ער האָט זיך איינגעשמועסט, אַז ער דאַרף אַפילו ניט גרינדליך דורכשטודירען די פערהעלטניסען, וועגען וועלכע ער פילאָזאָפירט. ער איז געוועזען אַ קלענערער פיליסטער און האָט געהאַט מעהר מוט איידער שעפּלע און האָט אָנגעהויבען אין בערלין צו האָבען אַ גרויסען איינפלוס אויף די יונגערע עלעמענטען פון דער פּאַרטיי. ער איז ניט געוועזען אַזאַ געגנער, וועלכער רופט אַרויס צו זיך פעראַכטונג און דעריבער האָבען איינינגע פון די אָנגעזעהענע גענאָסען געפאָדערט פון ענגעלס'ן, ער זאָל אַליין אַרויסטרעטען געגען איהם און אויפוויזען די פּוסטקייט פון זיין פילאָזאָפיע, דערביי אָבער אויך שאַרף אַרויסשטעלען דעם כאַראַקטער פון אונזער בעוועגונג.

דאָס איז די בעשרייבונג, ווי אַזוי איז דאָס בוך „אַנטי־דיהרינג“, ווי מען רופט איהם בקיצור, פון ענגעלס בעשאַפען געוואָרען. (דער פולער נאָמען פון דעם בוך איז: „העררן איישען דיהרינג'ס אומוועלצונג דער וויסענשאַפט“). איינינגע קאַפּיטלען פון דיזען בוך, פון וועלכען מען האָט אַרויסגעוואָרפען די פּאָלעמישע ערטער, זענען אָבגעדרוקט געוואָרען אין אַ בעזונדערער בראָשורע אונטער דעם טיטעל: „ענטוויקלונג פון דעם סאָציאַליזם פון אַ אוטאָפּיע צו אַ וויסענשאַפט“.

די סבה וואָס האָט אַרויסגערופען דעם „אַנטי־דיהרינג“ איז שוין לאַנג פערגעסען געוואָרען. ניט נאָר דער העך דיהרינג אַליין איז אָבגעטראָטען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נאָר אויך די גאַנצע האַלאַסטרע פון די אַקאַדעמישע און פלאַטאָנישע־סאָציאַליסטען זענען אַרויסגעפלויגען פון דער פּאַרטיי, באַלד ווי עס איז אַרויס דער בעזעץ געגען די סאָציאַליסטען, וועלכער האָט געהאַט לכל הפּחות אין זיך די איינציגע גוטע מעלה, צו בעווייזען, וועלכע זענען באמת גוטע עלעמענטען אין אונזער בעוועגונג, אויף וועלכע מען קען זיך

צוּ יעֶדעֶר צײַט פעֶרלאָזעֶן. דיִ פעֶרהעֶלטניִסעֶ האָבעֶן זיִך פאַר דעֶר צײַט אוּמגעֶביִטעֶן, אָבעֶר דאָס בוּך אַלײן האָט נאָך בײַ הײַנטיִגעֶן טאָג אַ האָר ניִט פעֶרלאָרעֶן פוּן זײַן בעֶדײַטוּנג. דיִהריִנג איִז געֶוועֶן פיִעל־זײַטיִג געֶביִלדעֶט, עֶר האָט געֶשריִבעֶן איִבעֶר מאַטעֶמאַטיִק אוּן מעֶכאַניִק, איִבעֶר פיִלאָזאָפיעֶ אוּן נאַציאָנאַל־עֶקאָנאָמיעֶ, איִבעֶר יוּריִספרוּדעֶנץ אוּן געֶשיִכטעֶ א. ז. וו. עֶנגעֶלס, וועֶלכעֶר איִז געֶוועֶן אויך אַזוֹי פיִעל־זײַטיִג געֶביִלדעֶט וויִ דיִהריִנג, אָבעֶר אויף אַנ'אַנדעֶר אוֹפן, האָט געֶקריִטיִקיִרט אַלעֶ זײַנעֶ אויבעֶנדעֶרמאָנטעֶ שריִפטעֶן. זײַן פיִעל־זײַטיִגקײַט איִז געֶוועֶן דעֶרבײַ פעֶרבוּנדעֶן מיִט אַזאַ גריִנדליִכקײַט, וועֶלכעֶ מעֶן טרעֶפט בײַ הײַנטיִגעֶ צײַטעֶן זעֶלטעֶן אַפיִלוּ בײַ ספעֶציאַליִסטעֶן, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן נאָר אײנזײַטיִג געֶביִלדעֶט. דיִ הײַנטיִגעֶ וויִסעֶנשאַפט טראָגט איִן פיִעלעֶ פרטיִם דעֶם האַראַקטעֶר פוּן דעֶם הײַנטיִגעֶן פראָדוּקציאָנס־אוֹפן, זיִ וויִל אויך אַלץ גיִכעֶר אוּן מעֶהר פראָדוּציִרעֶן; דיִ פראָדוּקטעֶן פוּן דעֶר הײַנטיִגעֶר וויִסעֶנשאַפט זעֶנעֶן גלײַך צוּ דיִ פראָדוּקטעֶן פוּן דעֶר הײַנטיִגעֶר איִנדוּסטריעֶ: וואָלוועֶל אוּן שלעֶכט. אָבעֶר אויך פאַר אַ שלעֶכטעֶן אַרטיִקעֶל צאָהלט מעֶן אַמאָל אַ גרויסעֶן פרײַז, ווען דעֶר אַרטיִקעֶל איִז נאָר איִן דעֶר מאָדעֶ.

דעֶר אויבעֶרפלעֶכליִכעֶר פיִעל־זײַטיִגקײַט פוּן העֶררן דיִהריִנג האָבעֶן מיִר עֶס צוּ פעֶרדאַנקעֶן, וואָס דעֶר „אַנטיִ־דיִהריִנג“ בעֶטראַכט דיִ וויִכטיִגסטעֶ פוּנקטעֶן פוּן דעֶר הײַנטיִגעֶר וויִסעֶנשאַפט פוּן דעֶם שטאַנד־פוּנקט פוּן מאַרקס־עֶנגעֶלס'שעֶר מאַטעֶריִאַליִסטיִשעֶר דיִאַלעֶקטיִק. נאָך דעֶם „קאַפּיִטאַל“ איִז דעֶר „אַנטיִ־דיִהריִנג“ געֶוואָרעֶן אײנעֶר פוּן דיִ גרוּנד־ביִכעֶר פוּן דעֶם הײַנטיִגעֶן סאָציאַליִזם.

דוּרך דעֶם, וואָס מיִר האָבעֶן זיִך פעֶרנוּמעֶן מיִט דעֶר שיִלדעֶרוּנג פוּן עֶנגעֶלס'ס ליִטעֶראַריִשעֶר טהעֶטיִגקײַט, האָבעֶן מיִר אויף אַ ווײַלעֶ אָן אַ זײַט געֶלאָזעֶן זײַן פראַקטיִשעֶ פאָליִטיִשעֶ טהעֶטיִגקײַט. איִצט קעֶהרעֶן מיִר זיִך דעֶרצוּ צוּריִק.

אויף דעֶם אײראָפעֶאיִשעֶן קאָנטיִנעֶנט האָט דיִ אַרבײַטעֶר־בעֶוועֶגוּנג נאָך דיִ קלעֶפ, וואָס זיִ האָט בעֶקוּמעֶן איִן 1848 אוּן 1849, כמעט איִן גאַנצעֶן זיִך אָבגעֶשטעֶלט. איִן אָנפאַנג פוּן דיִ זעֶכציִגעֶר יאָהרעֶן האָט זיִ וויִדעֶר ביִסלעֶכווײַז אָנגעֶהויבעֶן אויפצוּלעֶבעֶן ניִט נאָר

אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין פראַנקרייך, בעלגיען און ענגלאַנד. אַפילו אין שפּאַניען און איטאַליען האָט זיך אויך דער אַרבייטער־קלאַס אָנגעהויבען צו ריהרען. אָט די אַלע צו־ברעקעלטע און אונבעוואוסטע אויפריהרונגען צו פעראייניגען אין אַ קלאָרער און ציעל־בעוואוסטער אַלגעמיינער בעוועגונג, דאָס איז געוועזען די אויפגאַבע, וועלכע דער „אינטערנאַציאָנאַל" האָט זיך געשטעלט. אַ פעראיין, וועלכער האָט זיך געגרינדעט אין לאָנדאָן אין 1864 יאָהר צוליעב אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישען די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, אָבער ניט צוליעב פערשוועערונגס־ציעלען (זאַגאָווער, ספּיסעק), ווי אַנדערע האָבען געמיינט. גאָר ניט פאָרנעהמענדיג דערצו, איז מאַרקס געוואָרען דער גייסטיגער פיהרער פון דעם בונד נאָר צוליעב זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען. פערשטעהט זיך, אַז ענגעלס איז אויך ניט געשטאַנען גאָר פון וויטען פון בונד. זיינע גאַנצע קרעפטען אָבער האָט ער געקענט אָבגעבען דעם בונד ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט אין גאַנצען ליקווידירט זיין געשעפט און האָט זיך בעזעצט אין לאָנדאָן (1870). ער איז אָנגעקומען פּונקט צו דער רעכטער צייט ווייל גראַד דאַן האָבען זיך אָנגעהויבען יענע גרויסע קאַמפּפען, וועלכע די דייטש־פראַנצויזישע מלחמה האָט אַרויסגערופען: פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל" האָט זיך דעמאָלט זעהר פיעל געפאָדערט און ער האָט געמוזט האָבען דאָס מעהר מענשען.

אין יאָהר 1870 איז אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך מיט איהרע אַכזריות געקענט אויסגלייכען מיט די פריהערדיגע רעוואָלוציעס. ווייניג רעוואָלוציעס האָבען געקאָסט אַזוי פיעל קרבנות ווי דער דייטש־פראַנצויזישער קריעג. און דיעזע רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען ניט נאָר אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך אַליין. אַנדערע לענדער האָבען אויך בענוצט די געלעגענהייט מבטל צו זיין די אַלטע אָבמאַכונגען און אָבשאַפען די אייגענטומס־רעכטע, וועלכע שטאַמען פון דור־דורות. דאָס זענען ניט געוועזען קיין „לייַדאַקעס" קאָמוניסטען, נאָר אָמת'ע „בעשיצער" פון רעכט און אָרדנונג.

בעת ביי דעם זיעגער און זיינע פריינד איז די רעוואָלוציע אויסגעבראָכען פון אויבען, האָט זי ביי די בעזיעגטע, פערשטעהט

זִיך, אוֹיסגעֶבּראָכעֶן פוּן אוּנטעֶן. דִי קֵייזעֶר־מלוּכה*) אִיז אִין פראַנקרייך פעֶרניכטעֶט געֶוואָרעֶן און ווען דִי ראָיאַליסטישעֶ**) נאַציאָנאַל־פעֶרזאַמלוּנג האָט נאָך דעֶם שלוֹם געֶמאַכט אַ מינעֶ נאָך אַ מאָל צוּ פעֶררוּאַטעֶן דִי רעֶפּוּבּליק, האָט זִיך פּאַריז אויפגעֶהויבּעֶן, כּדי מציל צוּ זיין דִי פריַיהייט, וועֶלכעֶ אִיז געֶוועֶן אִין געֶפאַהר. עֶס האָט זִיך נאָך אַ מאָל אִיבּעֶרגעֶ׳חזר׳ט דִי אַלטעֶ קאָמעֶדיעֶ פוּן דעֶם 1848 יאָהר. דִי קליין־בּוּרזשואַזיעֶ האָט געֶשיקט דִי אַרבּייטעֶר אִין פייעֶר און אִין רעֶכטעֶן מיטעֶן קאַמפף האָט זִי זִיך דעֶרשראָקעֶן פאַר איהרעֶ אייגעֶנעֶ קאַמפפס־געֶנאָסעֶן און האָט זִיך געֶסטאַרעֶט פּאַראַליזירעֶן זייעֶר קראַפט. אָבּעֶר דעֶר פּראָלעֶטאַריאַט פוּן 1871 יאָהר אִיז געֶוועֶן גאָר אַנ׳אַנדעֶרעֶר. איידעֶר דעֶר פּראָלעֶטאַריאַט פוּן 1848־1849 יאָהר. עֶר אִיז געֶוואָרעֶן אַ סך שטאַרקעֶר און עֶרפאַהרעֶנעֶר. וואָס מעֶהר צייט דעֶר קאַמפף האָט געֶדויעֶרט אַלץ מעֶהר אִיז אוֹיסגעֶקוּמעֶן דעֶם פּאַריזעֶר פּראָלעֶטאַריאַט צוּ טראָגעֶן אוֹיף זיינעֶ פּלייצעֶס דִי גאַנצעֶ משׂא פוּן דעֶם קאַמפף וועֶלכעֶ אִיז פריהעֶר געֶלעֶגעֶן אוֹיף דִי פּלייצעֶס פוּן דעֶר קליין־בּוּרזשואַזיעֶ, אַלץ קלאָרעֶר און דייטליכעֶר האָט זִיך אַרויסגעֶוויזעֶן, אַז דִי הויפּט־קראַפט און דִי שטיצעֶ פוּן דעֶר רעֶוואָלוּציאָנעֶרעֶר בּעֶוועֶגוּנג אִיז נאָר דעֶר פּראָלעֶטאַריאַט. אָבּעֶר דִי בּעֶסטעֶ און בּעֶוואוּסטעֶ פּראָלעֶטאַריעֶר זעֶנעֶן געֶוועֶן מיטגליעֶדעֶר פוּן דעֶם „אינטעֶרנאַציאָנאַל". און הגם דעֶר „אינטעֶרנאַציאָנאַל" האָט ניט אַרויסגעֶרוּפעֶן דעֶם אוֹיפשטאַנד פוּן דעֶר קאָמוּנעֶ, אִיז איהם דאָך אוֹיסגעֶקוּמעֶן צוּ נעֶהמעֶן אוֹיף זִיך דִי אָנפיהרוּנג לכל הפּחות אִין דעֶר עֶקאָנאָמישעֶר בּעֶציהוּנג, נאָכדעֶם אַז דעֶר קאַמפף האָט זִיך שוֹין פאַנאַנדעֶרגעֶפלאַקעֶרט. דעֶם „אינטעֶרנאַציאָנאַל" האָט מעֶן כּסדר אוֹיפגעֶוואָרפעֶן, אַז עֶר אִיז דעֶר שוּלדיגעֶר אִין דעֶר פּאַריזעֶר קאָמוּנעֶ. זייעֶנדיג גאַנץ וויַיט דאָס אָבּצוּלייקעֶנעֶן, האָט עֶר אָפעֶן עֶרקלעֶהרט, אַז עֶר אִיז מיט דעֶם פּאַריזעֶר אוֹיפשטאַנד גאַנץ סאָלידאַריש. דאָס האָט דעֶר עוֹלם שוֹין ניט געֶקעֶנט אַריבּעֶרטראָגעֶן. דעֶר „אינטעֶרנאַציאָנאַל", וועֶלכעֶר האָט שוֹין פוּן לאַנג אָן אַרויסגעֶרוּפעֶן צוּ זִיך אַ פּחד און שׂנאה בּיי דִי „רוּהי־

---

*) 1851 יאָהר איז די רעֶפּוּבּליק אין פֿראַנקרייך אָבּגעֶשאַפֿט געֶוואָרען אָן איז געֶוואָרען אַ קייזער־מלוכה ביז 1870 יאָהר.

**) אָנהענגער פֿון די בּוּרבּאָנען דער אַלטער קעניגליכער פֿאַמיליע פֿון פֿראַנקרייך.

גע בעלי־בתּים״, איז איצט, נאָכדעם אַז די קאָמונע איז געפֿאַלען, כמעט אומעטום אויף דעם קאָנטינענט פֿאַררעכענט געוואָרען פֿאַר אַ סכּנות׳דיגע אָרגאַניזאַציע. די ענגלישע אַרבייטער, וועלכע האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפֿלוס, האָבען זיך אויך פֿון איהם אָבגעזונדערט. די צייט פֿאַר דעם סאָציאַליזם אין ענגלאַנד איז נאָך דעמאָלט ניט געקומען. די ענגלישע אַרבייטער האָבען זיך פּאָליטיש נאָכגעשלעפּט נאָך דעם ראַדיקאַלען טייל פֿון דער בורזשואַזיע, און דעריבער, בעת דער „אינטערנאַציאָנאַל״ האָט זיך איינגעשטעלט פֿאַר דער קאָמונע און האָט זיך דערמיט „קאָמפּראָמעטירט״ זענען די ענגלישע אַרבייטער פֿון איהם אַרויסגעטראָטען. דערצו נאָך זענען פֿאָרגעקומען שפּאַלטונגען אין דעם „אינטערנאַציאָנאַל״ גופא. פֿאַר מאַרקס און ענגעלס האָבען די סאָציאַליסטען ניט פֿערשטאַנען דעם קלאַסען־קאַמפּף פֿון דעם אַרבייטער־קלאַס. בעצם איז דער קלאַסען־קאַמפּף נויטווענדיג אַ פּאָליטישער קאַמפּף, זיין ציעל איז צו ערדרייכען די פּאָליטישע הערשאַפֿט דורך דעם אַרבייטער־קלאַס, כּדי אויסצונוצען זי אין זיינע אינטערעסען. אָבער די דעמאָלטדיגע סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען ניט געקענט אָנקוקען די פּוסטקייט פֿון די אַלטע פּאַרטייען, האָבען ניט געוואָלט אויפֿבויען די נייע געזעלשאַפֿט דורך דעם קאַמפּף פֿון דעם אַרבייטער־קלאַס געגען די אַלטע געזעלשאַפֿט; זיי האָבען זיי געוואָלט אויפֿבויען גאָר אין אַנ׳אַנדער געגענד, וואו די איצטיגע פֿאַרדאָרבענע געזעלשאַפֿט זאָל גאָר קיין שליטה ניט האָבען. זיי זענען דעריבער געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז די סאָציאַליסטען דאַרפֿען זיך אין גאַנצען ניט בעשעפֿטיגען מיט פּאָליטישער טהעטיגקייט און דאַרפֿען ניט נעהמען קיין אַנטייל אין דעם קלאַסען־קאַמפּף, נאָר יעדער פֿאָרטגעשריטענער מענש דאַרף פּראָפּאַגאַנדירען דער מאַסע די נויטיגקייט און נוצליכקייט פֿון דעם סאָציאַליזם דורך זיינע איינגענע מעשׂים, דורך פּראָפּאַגאַנדע דער טהאַט. אַזוי אָבער ווי דיזע סאָציאַליסטען זענען געווען מענשען, וואָס האָבען ליעב געהאַט שלום, מענשען וואָס האָבען געזעהען אין דעם קלאַסען־קאַמפּף נאָר אַנ׳אונגליק, אָבער ניט אַ טרייב־קראַפֿט פֿון דעם היסטאָרישען פּראָגרעס און האָבען דעריבער גערעכענט, אַז דיזען קלאַסען־געגענזאַץ קען מען אָבשאַפֿען פֿון דער וועלט דורך דעם, וואָס זיי וועלען אויפֿקלערען די קאַפּיטאַליסטען און בעווייזען זיי זייערע אמת׳ע אינטערעסען, ביי

אַזעלכע מענשען, פערשטעהט זיך, האָט „פּראָפּאַגאַנדע דער טהאַט" געהאַט זעהר אַנ'אונשולדיגען כאַראַקטער: גרינדונג פון פּראָדוקטיוו־געגאָסענשאַפטען, סאָציאַליסטישע קאָלאָניען און דערגלייכען.

די גרויסע זאַך, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבען אויפגעטהון, בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי האָבען געלייגט דעם בריק איבער דעם תהום, וואָס האָט פאַנאַנדערגעשיידט דעם טעאָרעטישען סאָציאַליזם פון דער פּראַקטישער פּאָליטישער אַרבייטער־בעוועגונג און דערמיט האָבען זיי דיענסטבאַר געמאַכט יענע קראַפט, וועלכע איז נאָר אַליין אים שטאַנד איינצופיהרען און פערווירקליכען די סאָציאַליסטישע אָרדנונג, די קראַפט פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס קעמפּפט פאַר זיין בעפרייאונג. אָנשטאָט אַ בעוועגונג פון איינצעלנע פּערזאָנען, האָבען זיי אַוועקגעשטעלט די קראַפט פון דעם גאַנצען אַרבייטער־קלאַס, אָנשטאָט דעם גוטען ווילען פון מענשען־פריינד — די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט, וועלכע צווינגט דעם אַרבייטער־קלאַס צו שטעלען זיך געגען דער קאַפּיטאַליסטישער אונטערדריקונג, כדי צו ערהאַלטען זיין עקסיסטענץ. מאַרקס און ענגעלס האָבען בעוויזען, אַז די נייע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג קען נאָר זיין אַ רעזולטאַט פון דער אַחדות'דיגער און געמיינזאַמער אַרבייט פון דעם ציעל־בעוואוסטען פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער און וועט ניט בעשאַפען ווערען דורך דעם, וואָס צוזייטע און צושפּרייטע קליינינקע הברה'לעך וועלען דאָ און דאָרטען מאַכען סאָציאַליסטישע פּראָבעס; זיי האָבען בעוויזען, אַז דער פּראָדוקציאָנס־אופן אין דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט וועט ניט אויסוואַקסען פון איינצעלנע אַווטאָנאָמנע געגאָסענשאַפטען, קאָלאָניעס און קהלות, נאָר ער וועט זיין אַ רעזולטאַט פון דער פּלאַנמעסיגער אָרגאַניזאַציע און אַרבייט פון אַלע פעראייניגטע נאַציאָנען פון היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע, וועלכע וועלען אַריינעהמען די פּריוואַטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין די הענד פון דער געזעלשאַפט.

דיזען שטאַנדפּונקט האָבען זיי דורכגעפיהרט אין „קאָמוניסטישען מאַניפעסט". אויף דיזען שטאַנדפּונקט איז אויך געשטאַנען דער „אינטערנאַציאָנאַל".

עס האָט זיך געדאַכט, אַז די צייט פון דעם אַלטען „אוטאָפּיסטישען" סאָציאַליזם איז שוין אויף אייביג פערביי. אומעטום האָבען

זיך אָנגעהויבען צו בילדען אַרבייטער־פּאַרטייען מיט אַ סאָציאַליס־טישען און פּאָליטישען פּראָגראַם. דער 1848 יאָהר האָט צושטערט די פאַנטאַזיע ביי אַלע דענקענדע אַרבייטער, אַז צווישען זיי און דער בורזשואַזיע זענען נאָר אַזעלכע סכסוכים, וועלכע עס קענען זיך מיט דער צייט אויסגלייכען. אין גאַנץ אייראָפּאַ האָט זיך דער קלאַסען־קאַמפף פאַנאַנדערגעפּלאַקערט. פאַר די פריעדליכע אונפּאָ־ליטישע סאָציאַליסטען איז קיין פּלאַץ מעהר ניט געבליבען, און די פּאָליטישע טהעטיגקייט איז פאַר דעם אַרבייטער־קלאַס געוואָ־רען ניט קיין טעאָרעטישע פראַגע, נאָר אַ לעבענס־פראַגע.

דאָך האָט דער אונפּאָליטישער סאָציאַליזם ווידער אויפגעלעבט, דער הויפּט אין אַזעלכע לענדער, וועלכע זענען עקאָנאָמיש ניט ענטווי־קעלט געוועזען, אין וועלכע דער אַרבייטער־קלאַס האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבען צו ריהרען, ווי למשל שפּאַניען און איטאַליען, אָדער אין אַזעלכע געגענדען, וואו די קליין־בורזשואַ האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג, ווי למשל פּאַריז, אָדער לענדער, וואו דער אַר־בייטער־קלאַס האָט ניט געהאַט קיינע פּאָליטישע רעכטע, ווי למשל בעלגיען, אָדער לסוף אין אַזעלכע לענדער, אין וועלכע וועגען קלאַסען־קאַמפף פון דעם אַרבייטער־קלאַס האָט נאָך בכלל קיין רייד ניט געקענט זיין, ווי למשל רוסלאַנד. אָבער דיזער נייער אונפּאָ־ליטישער סאָציאַליזם האָט שוין מעהר ניט געקענט זיין קיין פריעד־ליכער. דער קלאַסען־קאַמפף פון דעם אַרבייטער־קלאַס איז שוין צו אָפען אַרויסגעטראָטען. אַנשטאַט דער אַלטער „פּראָפּאַגאַנדע דער טהאַט" פון איינצעלנע פּערזאָנען דורך מוסטער־קאָלאָניען און גענאָ־סענשאַפטען, איז ענטשטאַנען אַ נייע „פּראָפּאַגאַנדע דער טהאַט" דורך פערשווערונגען (זאַגאָווער) און בונטען. דער מענש, וועלכער האָט אויף אַזאַ אופן צוגעפּאַסט דעם אַלטען אוטאָפּיסטישען סאָציאַליזם, דער הויפּט פּרודאָנ'ס, צו די נייע קאַמפּפס־בעדינגונגען איז געוועזען באַקונין, דער גרינדער פון דעם היינטיגען אַנאַרכיזם.

וואָס ווייטער איז אַלץ גרעסער געוואָרען באַקונינ'ס איינ־פלוס אויף דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און עס איז נויטיג געוואָרען אַרויס־צוטרעטען געגען איהם, כדי די אַרבייט, אויף וועלכער מאַרקס און ענגעלס האָבען אָבגעגעבען זייער גאַנצען לעבען, זאָל ניט פער־פאַלען ווערען, און דער סאָציאַליזם זאָל פון אַ פּאָליטישער מאַכט,

פאַר וועלכער אַלע פּאַרטייען האָבען געציטערט, ניט ווערען אַ פערבאָר־
געגנע סעקטע, אַ סעקטע, וועלכע די הערשענדע קלאַסען וואָלטען
געקענט רוהיג איבערגעבען דער פּאָליציי זי צו בעקעמפפען, ווי זי
בעקעמפפט די שווינדלער־באַנדעס. אָט אויף אַזאַ אופן האָט זיך אָנ־
געהויבען יענער מורא'דיגער קאַמפף צווישען מאַרקס און באַקו־
נין, וועלכער האָט געבראַכט צו דער שפּאַלטונג פון דעם „אינטער־
נאַציאָנאַל" און וועלכע איז געוועזען די ערשטע הקדמה צו זיין טויט.

אין דיזע אַלע קעמפפען האָט ענגעלס גענומען אַ טיכ־
טיגען אַנטייל, אַלס אַ מיטגליעד פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט
פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל". אין 1871 יאָהר איז ער געוועזען אַ קאָרעס־
פּאָנדענט־סעקרעטאַר פאַר בעלגיען און שפּאַניען און דער־
נאָך פאַר איטאַליען און שפּאַניען. אַ גענויערע בעשרייבונג
פון ענגעלס'ס טהעטיגקייט אין דעם „אינטערנאַציאָנאַל" וועט ניט
נאָר פאַרנעהמען צו פיעל אָרט, נאָר דאָס איז איצט אויך אונמעג־
ליך, ווייל מען מוז נאָך פריהער דורכשטודירען די פּראָטאָקאָלען און
קאָרעספּאָנדענצען פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל", וועלכע זענען נאָך
ניט פערעפענטליכט געוואָרען. מיר מוזען דעריבער לעת עתה בע־
נוגענען זיך מיט די פּאָר פּרטים, וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט.

מיט דעם סוף פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל", האָט זיך אויך
געענדיגט די אונמיטעלבאַרע פּראַקטישע פּאַרטיי־טהעטיגקייט ווי פון
ענגעלס אַזוי אויך פון מאַרקס, אָבער די בעדייטונג פון זייער
ווירקונג פאַר דער וויסענשאַפטליכער און פּאָליטישער ענטוויקלונג פון
דעם סאָציאַליזם איז דורך דעם ניט קלענער געוואָרען.

מחלוקת און פערפאָלגונגען וואָלטען דעם „אינטערנאַציאָנאַל"
ניט געטייט, הגם זיי האָבען דערנעהענטערט זיין סוף. די הויפּט סבה
פון דעם „אינטערנאַציאָנאַלס" טויט איז געלעגען דערינען, וואָס ער
האָט זיך אַליין איבערגעלעבט, ד. ה., זיין ציעל איז שוין עררייכט
געוואָרען: די אַרבייטער־בעוועגונג האָט אומעטום געהאַלטען אין וואַק־
סען און די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון דעם גאַנצען אַרבייטער־
קלאַס איז שוין געשטאַנען אויף אַזאַ פעסטען באָדען, אַז אַ פאָר־
מאַלע פעראייניגונג ספּעציעל צוליעב דיזען צוועק איז געוועזען פאַר
איהר אַ שטער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אין דייטשלאַנד
געוואונען איין וואַהל־זיעג נאָכ'ן אַנדערן און זי האָט שוין געקענט

אָנהויבּען טראַכטען וועגען דעם, ווי אַזוי צו בּעקומען אַנ'איינפלוס אויף די געזעצגעבּונג. דאָרט וואו מען איז שוין געשטאַנען אויף אַזאַ שטופע, האָט זיך די פּאַרטיי־טהעטיגקייט געמוזט מעהר רעכענען מיט די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּעדהעלטניסע פון יעדען איינצעלנעם לאַנד, מעהר איידער פריהער, בּעת דער עיקר איז געוועזען בּלויז די פּראָפּאַגאַנדע פון פּרינציפּען.

וואָס ווייטער, האָט די בּעוועגונג אַלץ מעהר אָנגענומען אַ נאַציאָנאַלען האַראַקטער, דאָס הייסט ניט אין דעם זין, אַז מען האָט פערגעסען די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, נאָר זי האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר צוגעפּאַסט צו די ספּעציעלע אייגענשאַפטען פון דעם פאָלק און דער מלוכה, אויף וועלכע זי האָט געדאַרפט ווירקען.

דורך די ענטוויקלונג פון דעם סאָציאַליזם, איז דער „אינטערנאַציאָנאַל“, אַלס אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, געוואָרען אין גאַנצען איבּעריג אַזוי ווי אַ מאָל „דער בּונד פון די גערעכטע“. די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז אָבּער געבּליבּען אַזוי פעסט ווי פריהער און מאַרקס און ענגעלס, ניט זייענדיג פון ווען עס איז אויסגעקליבּען, זענען געבּליבּען איהרע פאָרשטעהער.

וואוינענדיג אין לאָנדאָן, אין צענטר פון דער איצטיגער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, זייענדיג שטענדיג אויפגעטראָגען מיט די טיכטיגסטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־פיהרער פון אַלע נאַציאָנען, האָבּען זיי געקראָגען אַנ'איבּערבּליק איבּער די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ענטוויקלונג אַזוי אויך ספּעציעל איבּער די פּאַרטיי־פערהעלטניסע. דיזער איבּערבּליק, צוזאַמען מיט זייערע טיעפע ווי־סענשאַפטליכע קענטניס און מיט זייער גרויס געניטקייט, וועלכע זיי האָבּען בּעקומען דורך זייער טהעטיגקייט אין דער פּראָלעטאַרישער בּעוועגונג בּיי אַ האַלבּע מאָה יאָהרען נאָכאַנאַנד, האָט זיי געגעבּען די מעגליכקייט און די פעהיגקייט אין דער ענטוויקלונג פון פערשידענע פּאַרטייען צו אונטערשיידען אַנ'עיקר (אַ הויפּטזאַך) פון אַ טפל (נעבּענזאַך); דאָס האָט זיי אויך געגעבּען די מעגליכקייט צו דערקענען דעם שטאַנד־פּונקט, וועלכער עס דאַרף דינען אַלס אַ פונדאַמענט פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער און אַלע געזעלשאַפטליכע פראַגען, וואָס קענען פאָרקומען אין לעבּען. דאָס האָט זיך

קלאָר און דייטליך אַרויסגעוויזען פון אַלע זייערע ווירקונגען. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די בעסערע סאָציאַליסטישע עלעמענטען האָבען זיך שטענדיג אין קריטישע צייטען געווענדט נאָך אַניעצה צו ביידע וועטעראַנען אין לאָנדאָן און זיי האָבען קיינמאָל דערינען קיינעם ניט אָבגעזאָגט. זיי האָבען אַרויסגעזאָגט זייערע מיינונגען פראַנק און פריי ניט פערשטעלטערהייט. אָבער זיי האָבען אויך ניט געהאַט בדעה אָנצובינדען זיי וועמען עס איז מיט געוואַלד. קיין פראָלעטאַריער, קיין מענש, וועמען די פראָלעטאַרישע זאַך איז טייער געווען, איז קיין מאָל פון זיי ביידע ניט אַרויס מיט גאָר ניט. זיי זענען געוואָרען די בעלי־עצות פון דעם אַלגעמיינעם קעמפפענדען פראָלעטאַריאַט פון איראָפּאַ און אַמעריקאַ. בראָשורען, אַסך אַרטיקלען און אָהן אַ צאָהל בריעף אין אַלערליי שפּראַכען — דאָס זענען גוטע עדות דערויף.

פון 1883 יאָהר אָן, איז די דאָזיגע שווערע און פעראַנטוואָרטליכע אַרבייט געלעגען אויף ענגעלס'ס פּלייצעס אַליין, דערצו נאָך איז אויף איהם געלעגען די אויפגאַבע צו ענדיגען דאָס, וואָס מאַרקס האָט געמוזט לאָזען כמעט שוין גאָר ביי'ם סוף*). און חוץ דעם האָט זיך ענגעלס בעשעפטיגט מיט דער אַרבייט, וועלכע ער האָט גענומען אויף זיך בעת זיי ביידע, מאַרקס און ענגעלס, האָבען פונאַנדערגעטיילט צווישען זיך די וויסענשאַפטליכע אַרבייט: אָנצווענדען דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם אויף די צייט־פראַגען און בעשיצען זייער טעאָריע פון די געגנער און קריטיקער, וועלכע האָבען איהר ניט גוט פערשטאַנען. אַ הוספה צו די אַלע אַרבייטען איז אויף איהם געלעגען די אַרבייט איבער היסטאָרישע פאָרשונגען, וועלכע ער האָט נאָך פריהער אָנגעפאַנגען, אַזוי אַז מען קען זאָגען, אַז ער איז געווען כמעט אין אַלע צווייגען פון דער מענשליכער וויסענשאַפט ווי ביי זיך אין דער היים.

מקיים זיין מאַרקס'ס צוואה — דאָס איז ביי ענגעלסען געווען די ערשטע און די וויכטיגסטע פון אַלע אַרבייטען. קודם כל האָט ער בעזאָרגט די 3־טע אויפלאַגע פון דעם ערשטען באַנד

*) דאָס „קאַפּיטאַל" II און III בענדער, וועלכע מאַרקס האָט ניט געענדיגט.

„קאַפּיטאַל“, וועלכען ער האָט געדאַרפט, לויט מאַרקס'ס צוואה, נאָך אַ מאָל דורכזעהען, פערגרעסערן און אַרויסגעבען מיט נייע בּעמערקונגען. ער איז אַרויס אין 1883 יאָהר.

אין זומער 1884 האָט ענגעלס אַרויסגעלאָזען זיין אַרבּייט וועגען דער „ענטשטעהונג פון פאַמיליע, פּריוואַט-איינענטום און שטאַט“, אין וועלכער ער האָט דורכגעפיהרט דאָס, וואָס מאַרקס האָט אַליין בּדעה געהאַט צו שרייבּען, בּעקאַנט צו מאַכען דאָס גרויסע פּובּליקום מיט די וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען פון מאָרגאַן און גלייכצייטיג צו פערטיעפען זיי. אויף דעם יסוד פון די פאָרשונגען פון די פּאָרהיסטאָרישע צייטען איז מאָרגאַן געקומען צו דער זעלבּיגער מאַטעריאַליסטישער געשיכטעס-ערקלערונג, וועלכע מאַרקס און ענגעלס האָבּען ענטדעקט אויף דעם יסוד פון די היסטאָרישע פאָרשונגען. די „פּאַטענטירטע“ וויסענשאַפט האָט געוואָלט מאַכען אַ שווייג וועגען מאָרגאַן'ס פאָרשונגען, ווי פריהער וועגען מאַרקס'ן. אָט אַזוי האָט זיך עס איינגעגעבּען מציל צו זיין איהם פון דער פערגעסענהייט און דערצו נאָך אויסצופילען מאָרגאַן'ס פאָרשונגען און אַריינשטעלען זיי אין די ראַמען פון דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטעס-ערקלערונג פון מאַרקס און ענגעלס און צונויפשמעלצען די מאַטעריאַליסטישע געשיכטע פון די פּאָרהיסטאָרישע צייטען און פון די היסטאָרישע אין איין איינציגען ענטוויקלונגס-פּראָצעס. אָט די דאָזיגע גרויסע אַרבּייט איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין דעם קליינעם בּיכעל („ענטשט. פון דער פאַמיליע א. ז. וו.“) פון 146 זייטען.

מיט אַ יאָהר שפּעטער איז אַרויס דער צווייטער בּאַנד פון „קאַפּיטאַל“, וועלכער בּעשרייבּט דעם צירקולאַציאָנס-פּראָצעס פון'ם קאַפּיטאַל. אין'ם ערשטען בּאַנד ווערט אויסגעפאָרשט, ווי אַזוי אַרבּייט זיך אויס דער „ווערט“ און „מעהר-ווערט“. דער צווייטער בּאַנד בּעשעפטיגט זיך מיט דער פראַגע, ווי אַזוי קומען פאָר די פערשיעדענע פאָרמען פון דער צירקולאַציאָן פון'ם קאַפּיטאַל, יענע צירקולאַציאָן, וועלכע קומט אַרויס דערפון, וואָס דער קאַפּיטאַליסט פערקויפט די אויסגעאַרבּייטע „ווערט“ און „מעהר-ווערט“, כּדי מיט דער לייזונג — אַ חוץ דאָס, וואָס ער בּרויכט אויף זיין הוצאָה — זאָל ער ווייטער קויפען פּראָדוקציאָנס-מיטלען און אַרבּייטס-קראַפט און קאָנען

פון דאס ניי אויסאַרבייטען „ווערט" און „מעהר־ווערט". דער דריטער באַנד, וועלכער, מיר ערוואַרטען, וועט אַרויס אין 1883, געהמט אַרום דעם גאַנצען פּראָצעס, ווי אַזוי בילדען זיך מקהים, ווי אַזוי צוטיילט זיך דער „מעהר־ווערט" אויף פערשידענע חלקים, וועגען ערדרענטע, ריוח, פּראָצענט א. ז. וו.

מקיים זייענדיג מאַרקס'ס צוואה, האָט ענגעלס אויך געפיהרט אַ לעבהאַפטע זשורנאַליסטישע טהעטיגקייט, אויב ס'איז נאָר מעגליך צו בעצייכענען מיט דיזען וואָרט יענע ערנסטע און גרינדליכע אַרבייטען, וועלכע ער האָט געשאַפען. אַ גרויסע צאָהל אַרטיקלען, וועלכע האָבען זיך געדרוקט אין ציריכער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" אין שטוטגאַרטער „נייע צייט" און פאַריזער „סאָציאַליסט" א. ז. וו. — דאָס זענען געווען די רעזולטאַטען פון זיין דעמאָלטיגער זשורנאַליסטישער טהעטיקייט.

דערביי אָבער האָבען זיך געדרוקט נייע אויסגאַבען און איבערזעצונגען פון זיינע שריפטען אין ענגלישער, איטאַליענישער, פראַנצויזישער, דענישער און נאָך אַנדערע שפּראַכען, וועלכע ער פלעגט אַליין דורכזעהען, שרייבען צו זיי הקדמות און בעמערקונגען. לסוף האָט ער גענומען אויף זיך זעהר אַ וויכטיגע און שווערע אויפגאַבע איבערצוקוקען די ענגלישע איבערזעצונג פון דעם ערשטען באַנד „קאַפּיטאַל", וועלכע האָבען צוגעגרייט צום דרוק סאַמועל מאָאָר און עדוואַרד עוועלינג און וועלכע איז אַרויס אין 1887 יאָהר.

איז דען צווישען אונז, יונגע, פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וועלכע זאָלען אפילו נאָר פיזיש קענען אויף זיך אַריבערטראָגען אַזאַ משא אַרבייט?

יאָ, ניט קוקענדיג אויף זיינע 67 יאָהר איז אונזער וועטעראַן באמת יונג און פריש. ער האָט אין זיך ניט די מרה־שחורה און די קנאה פון אַלטע לייט, וועלכע לויבען די פערגאַנגענהייט ניט זייענדיג צופריעדען מיט דער געגענוואַרט. קיינער האָט ניט אַנערקענט בעסער אַלס ער די אַרבייטען פון די אינגערע גענאָסען און קיינער האָט זיך ניט בעצויגען צו זייערע פעהלערען מיט אַזאַ חסד ווי ער. עס פערשטעהט זיך, אַז בעלי גאוות און קאַריעריסטען האָבען ביי איהם געפונען מעהר ניט ווי אויסערליכע העפליכקייט; זעהר ווייניג כבוד האָבען ביי איהם אויך געפונען די קליינע מענשעלעך, די קריכער, וועלכע

מיינען, אַז זיי זיינען בעשאַפען געוואָרען צו ראַטעווען די מענשהייט, וועלכע שטעלען זיך אַזוינע אויפגאַבען, צו וועלכע זיי זענען ניט דערוואַקסען, נעהמען אָן תם'עוואַטע יעדער נאַרישקייט פאַר גוט אין ברייננגען דערמיט אַ מורא'דיגען שאָדען.

ווען ענגעלס שעצט יאָ די געגענוואַרט, אַזוי ווי זי האָט עס פערדינט, טהוט ער דאָס אָבער ניט אויף דעם חשבון פון דער פערגאַנגענהייט, ער קוקט ניט פון אויבען אַראָב אויף די פריהערדיגע סאָציאַליסטען, ווי פיעלע אַנדערע טהוען דאָס, וועלכע האָבען זיך נאָר אָנגעשמעקט פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. קיינער האָט ניט גערעדט וועגען זיינע לעהרער מיט אַזאַ גרויסען כבוד ווי ענגעלס, וועלכער האָט זיי אויפגעשטעלט אין זיין „אַנטי־דיהרינג" אַזאַ גלענ־צענדען מאָנומענט.

ענגעלס האָט פון אילוזיעס קיין מאָל ניט געהאַלטען און האָט זיך מיט זיי קיין מאָל ניט אָבגעגעבען. דערהויפט זעהט מען דאָס אין דער לעצטער צייט, בעת ער האָט שוין הינטער זיך אַ גע־ניטקייט פון אַזאַ האַלבע מאה יאָהרען, אין וועלכער די וועלט האָט זיך אַ סך מעהר אומגעביטען איידער פריהער אין גאַנצע הונדערטער יאָהרען. דיזע געניטקייט האָט איהם געמאַכט פאַר אַ געלאַסענעם און רוהיגען בעאָבאַכטער. נאָך מעהר עס איז נויטיג אויף דעם אָנצווייי־זען, ווייל נאָך ענגעלס מיינונג, גיט די גאַנצע ענטוויקלונג פון די לעצטע יאָהרען אַן ערבות דערויף, אַז דער פראָלעטאַריאַט וועט אין דער גיכער צוקונפט ווערען זעהר אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין דעם פאָליטישען לעבען פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אמת, עס איז נאָך אויף דעם וועג פאַראַן פיעל שטערונגען, אָבער די טרייב־קראַפט פון דער היינטיגער היסטאָרישער ענטוויקלונג, ווי אין עקאָ־נאָמיע אַזוי אויך אין פאָליטיק, איז אַזוי גרויס, אַז זי וועט אָהן צו־פיעל מאַטערניש איבערקומען די אַלע מניעות. ענגעלס זאָגט, מיר קענען זיך קיין בעסערע זאַך ניט ווינשען ווי דאָס, אַז די פערהעלט־ניסע זאָלען זיך ווייטער ענטוויקלען אויף אַזאַ אופן ווי ביז איצט: דאַן איז אונזער נצחון אין דער ניט ווייטער צוקונפט אַ זיכערער. דאָס ערנסטע וואָלט געווען, ווען מען זאָל אַ שפרונג טהון מיט אַ מאָל אין אַ אונזיכערע לאַגע; אַזאַ שפרונג וואָלט אונז אפשר אַ־רוק גע־טהון מיט אַ מאָל זעהר ווייט פאָרווערטס, אָבער ער וואָלט אונז אויך

געקענט אברוקען זעהר וויט צוריק: למשל, א אונגעריכטע פאסי־
רונג, וועלכע וואלט פאדערען, אז די סאציאל־דעמאקראטיע זאל
אנשטרענגען איהר גאנצע קראפט אויף'ן העכסטען גראד, אידער זי
האט נאך גענוג כחות דערצו, אדער אזא פאסירונג, וועלכע וואלט
געגעבען דעם געדאנקען־גאנג פון דעם פאלק א נייע ריכטונג. אזא מין
פאסירונג קען זיין א קריעג, וועלכער פלאקערט פאנאנדער דעם ראסען־
האס און צורייסט די אינטערנאציאנאלע סאלידאריטעט.

אזעלכע עלעמענטארע (סטיכיינע) פאסירונגען קענען מיר,
פערשטעהט זיך, נאך אונזער ווילען נאך, ניט ארויסרופען און ניט
פערהאלטען. ווען זיי קומען שוין יא אן, מוזען מיר זוכען מיטלען
ווי אויסצונוצען זיי אין די אינטערעסען פון אונזער זאך. וואס מיר דארפען
אבער אויסווייכען, איז דאס, אז אונזער אייגענע פארטיי זאל אויף
קיין פאל ניט טרייבען קיין שווינדעל פאליטיק, זי זאל ניט מאכען
פראבע אריבערצושפרינגען די נויטווענדיקייט פון דער ענטוויקלונג
מיט געוואלד אדער, וואס איז ניט בעסער, מיט דיפלאמאטישע דריי־
לעך. „מיר האבען זיך געלערענט ווארטען” האט מיר ע נ ג ע ל ס
געזאגט, „און איהר מוזט זיך אויסלערנען ווארטען ביז אייער צייט
וועט אנקומען” אבער אונטער דיזען „ווארטען” פערשטעהט ע נ ג ע ל ס
ניט אז מען זאל זיצען מיט צונויפגעלייגטע הענד און מיט א'ן אפע־
נעם מויל און ווארטען ביז די געבראטענע טויבען פון דער נאטירליכער
ענטוויקלונג זאלען גלייך אין מויל אריינפליהען, זאנדערען מען זאל
ווארטען און ארבייטען אונערמידליך. רוהיג און ענטשלאסען, מיט
א פעסטען גלויבען אין אונזער גוטער זאך, מוזען מיר אהן א'ן אויפ־
הער ארבייטען, אז די מאסע פון דעם פראלעטאריאט זאל וואס
וויטער ווערען אלץ אהדות'דיגער און שטארקער, און מיר דארפען
סטארען זיך, אז זי זאל בעקומען זעלבסטבעוואוסטזיין און קלארע
פערשטענדניש, ניט לאזענדיג זיך פראוואצירען און אריינגנארען פון
קיינעם. אין דער איינענער צייט דארפען מיר כסדר ארבייטען אויף
אונזער אייגענער בילדונג; מיר דארפען ניט נאר לערנען אנדערע,
זאנדערען אויך זיך לערנען, און זאגאר זעהר פיעל לערנען.

אויב מיר וועלען ווארטען אויף אזא אופן, דאן וועט אונז ניט
לאנג אויסקומען צו ווארטען, דאן וועלען מיר קענען יעדע רגע אויס־
נוצען אויף די בעסטע ארט, און מיר וועלען ווערען אהן פיעל קרבנות

אֶמת'ע בעלי־בּתּים איבּער דער לאַגע, און זאָגאַר אין דער ניט ווײַטער צוקונפט. דאַן ווערט, לכל הפּחות איינעם פון די בּיידע גרינדער פון דעם היינטיגען סאָציאַליזם, בּעשערט זײַן מיט זײַנע לײַבּליכע אויגען צו זעהען דעם טריאומף פון זײַן אַרבּייט, וועלכען ער זעהט איצט נאָר מיט די גײַסטיגע אויגען.

*   *
*

דאָס אַלץ האָט געשריבּען קאַוטסקי; דער טויט האָט אָבּער פלוצלונג צושטערט די האָפנונג, וועלכע קאַוטסקי האָט אַרויסגעשפּראָכען אין דעם לעצטען זאַץ פון זײַן אַרטיקעל.

אין די אַכט יאָהרען, וועלכע זײַנען פאָרבּײַגעגאַנגען, זײַט דיזער אַרטיקעל איז פערפאַסט געוואָרען, האָט ע נ ג ע ל ס געלעזט די גרעסטע אויפגאַבּע, וועלכע ער האָט זיך געשטעלט: די אויסגאַבּע פון דעם לעצטען בּאַנד „קאַפּיטאַל". און וואָס פאַר אַ שווערע מניעות ער האָט געהאַט דערבּײַ איבּערצוקומען, וועגען דעם שרײַבּט ער אַליין אין דער הקדמה צום דריטען בּאַנד: „בּעת איך האָבּ אַרויסגעגעבּען דעם צווייטען בּאַנד אין 1885, האָבּ איך געמיינט, אַז מיט דעם דריטען בּאַנד וועל איך האָבּען נאָר טעכנישע שוועריגקײַטען, אַ חוץ אייניגע זעהר וויכטיגע קאַפּיטלען. אַזוי איז דאָס טאַקי געוועזען; בּאמת אָבּער, פון די מניעות, וועלכע גראַדע דיזע וויכטיגע קאַפּיטלען וועלען מיר פערשאַפען, האָבּ איך דאַן קיין פאָרשטעלונג ניט געהאַט, פּונקט ווי פון נאָך אַנדרע מניעות, וועלכע האָבּען אַזוי שטאַרק אָבּגעהאַלטען דאָס אַרויסגעבּען פון בּוך.

קודם כל האָט מיר דאָס רוב געשטערט מײַן לאַנגע אויגען־קראַנקהײַט, וועלכע האָט יאָהרען לאַנג מײַן צײַט צום שרײַבּען פערקירצט בּיז אַ מינימום. און נאָך איצט אויך קען איך נאָר זעהר זעלטען נעהמען די פעדער אין האַנד בּײַ קינסטליכע בּעלייכטונג. דערצו נאָך זענען געוועזען אַ זעלכע אַרבּייטען, וועלכע מען האָט ניט געקענט אָבּלייגען אָן אַ זײַט: נײַע אויסגאַבּען און איבּערזעצונגען פון פריהערדיגע אַרבּייטען מײַנע און מ אַ ר ק ס'ס, מען האָט געדאַרפט איבּערקוקען זיי, מאַכען הַקדמות, מאַכען הוספות אין אייניגע ערטער צוליעבּ וועלכע איך האָבּ געמוזט פיעל שטודירען א. ז. וו. פריהער פון אַלץ האָט בּײַ מיר אָבּגענומען זעהר פיעל צײַט די ענגלישע איבּערזעצונג פון

דעם ערשטען באנד „קאפיטאל“, פאר וועלכע איך בין פעראנט־װארטליך. ווער עס קוקט זיך צו דעם קאלאסאלען וואוקס פון דער אינ־טער־נאציאנאלער סאציאליסטישער ליטעראטור אין די לעצטע צעהן יאהרען און דערהױפּט צו דער צאהל איבערזעצונגען פון פריהער־דיגע ארבייטען פון מיינע סיי מארקס׳ס, דער וועט מיר גערעכט געבען, וואס איך שעץ מיך גליקליך, וואס די צאהל שפראכען, ביי וועלכע איך וואלט געקענט קומען צו הילף דעם איבערזעצער איז ניט זעהר גרויס, ווייל אז ניט וואלט איך מהויב געווען דורכצוקוקען נאך מעהר איבערזעצונגען. אבער דער וואוקס פון דער ליטעראטור ווייזט אויף דעם וואוקס פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער־בעוועגונג גופא. און דיזער וואוקס האט געלייגט אויף מיר נייע פפליכטען. פון די ערשטע טעג אן פון אונזער עפענטליכער טהעטיגקייט איז אויף אונז בײדען געלעגען די גרעסטע טהייל ארבייט פון דער פערמיטלונג צווישען די נאציאנאלע בעוועגונגען פון סאציאליסטען און ארבייטער פון פער־שידענע לענדער; וואס מעהר עס האט זיך געשטארקט די אלגע־מיינע בעוועגונג, אלץ מעהר איז געוואקסען אונזער ארבייט. בעת ביז זיין טויט איז אויך אין דעם פרט די הויפּט משא געלעגען אויף מארקס׳ן, איז נאך זיין טויט די שטענדיגע וואקסענדע ארבייט ארויפגעפאלען אויף מיר אליין. פאר דיזער צייט איז דער דירעקטער פערקעהר צווישען די איינצעלנע נאציאנאלע ארבייטער פארטייען געווארען רע־געלמעסיג און צום גליק וואקסט דער פערקעהר פון טאג צו טאג אלץ מעהר; ניט קוקענדיג אויף דעם, פאדערט מען אלץ אפטער מיין הילף אזוי, אז דאס שאדט מיר צו מיינע טעארעטישע ארבייטען. ווער אבער ס׳האט געארבייט אין דער בעוועגונג איבער פופציג יאהר, ווי איך, פאר יענעם זענען די אלע ארבייטען א היילינער חוב, וואס ער קען דאס ניט אבלייגען אן א זייט אויף א רגע ניט. ווי אין דעם זעכצעהנטען יאהרהונדערט, אזוי אויך אין אונזער היינער צייט געפינען זיך ריינע טעארעטיקער, אויף דעם געביעט פון די עפענטליכע אינטערעסען נאר ביי די רעאקציאנערען און דערום טאקע זענען די לייט ניט קיין אמת׳ע טעארעטיקער, זאנדערן פראסטע פערטיידיגער פון דער רע־אקציע.

דאס וואס איך האב געוואהנט אין לאנדאן האט געפיהרט דערצו, אז ווינטער צייט איז דער פארטיי־פערקעהר געווען דאס

רוב דורך בריעף און אין זומער — אַ פערזענליכער. דיזער אומשטאַנד, און אויך דאָס, וואָס איך האָב געמוזט נאָכקוקען נאָך'ן גאַנג פון דער בעוועגונג אין אַלע נייע און נייע לענדער און אויך דורכקוקען די פערשיעדענע פּאַרטיי־אָרגאַנען, וואָס זענען מיט יעדען טאָג געוואַקסען אין צאָהל, דאָס אַלץ האָט מיך געצוואונגען צו נעהמען זיך צו אַזוינע חערק, וועלכע מען מוז אַרבייטען כסדר, נאָר ווינטער צייט, און צו פערענדיגען זיי אין די ערשטע דריי הרשים אין יאָהר".

די אַלע אויבען אויסגערעכענטע מניעות זענען אָבער גע־וועזען ניט די איינציגע און ניט די גרעסטע. אויסגעצייכענט כאַראַקטע־ריזירט דאָס דר. אַדלער אין דער ווינער „אַרבייטער צייטונג".

די אויסגאַבע פון דעם צווייטען און דריטען באַנד „קאַפּיטאַל" פון מאַרקס איז געווען די לעצטע גרויסע מתנה, וואָס ענגעלס האָט געשענקט דעם פּראָלעטאַריאַט. מיר זאָגען „אויסגאַבע", אָבער אין דער אמת'ן איז דאָס געווען אַ נייע אַרבייט, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ענגעלס אַליין, מיט דער עניוות, וועלכע עס בעזיצען נאָר באמת די גרעסטע מענשען, האָט שטענדיג זיינע אַרבייטען זעהר קליין געשעצט געגען די ווערק פון זיין פריינד. פון די צוזאַמענ־געקליבענע ציטאַטען, אָנמערקונגען און קאָנספּעקטען וואָס זענען געבליבען פון מאַרקס'ן נאָך זיין טויט, האָט ער צונויפגעשטעלט די צוויי לעצטע בענדער פון „קאַפּיטאַל". קיינער אַחוץ איהם, וואָלט ניט געקענט פון אַזאַ צוואָרפענעם מאַטעריאַל אַזוי ריכטיג דורכ־פיהרען דעם געדאַנקענגאַנג פון זיין מיטקעמפּפער ווי ער. דער גרעס־טער טייל פון דעם מאַטעריאַל איז געווען סטיליסטיש אויבערפלעכ־ליך בעאַרבייט, עס זענען נאָר געווען, אָהן אַ שום אָרדנונג, פערצייי־כענט די געדאַנקען, וועלכע זענען ענטשטאַנען אין מאַרקס'ס קאָפּ; איינציגע ערטער זענען געווען כמעט אין גאַנצען אויסגעאַרבייט, אַנדע־רע זענען נאָר בעצייכענט געווען בקיצור אַ מאָל אויף דייטש, אַ מאָל אויף פראַנצויזיש און ענגליש און אָפט אַזוי געשריבען, אַז עס איז שווער געווען צו לעזען. מיט דער זעלביגער מעטאָדע ווי מאַרקס האָט אין דעם ערשטען באַנד בעשריבען דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, האָט ענגעלס פון דעם איבערגעלאָזענעם צוואָרפענעם מאַטעריאַל זעהר קינסטליך צוזאַמענגעשטעלט און ענטוויקעלט דעם צירקולאַציאָנס־פּראָ־צעס פון דעם קאַפּיטאַל, די ענטשטעהונג און די ווייטערע ענטוויקלונג

פון דעם „מעהר־ווערט“, די שפאלטונג פון דעם פראפיט (אלגעמיי־נער ריוה) אויף פראצענט און אויף ריוה פאר דעם אונטערנעהמער און די לעהרע פון ערד־רענטע. אזא ארבייט האט געפאדערט ניט נאר פיזישע אנשטרענגונג, זאנדערן עס איז אויך דערצו נויטיג געווען א גרויסע קאפ־ארבייט, וועלכע האט גערארפט זיין ניט קלענער ווי די ארבייט פון דעם פערפאסער אליין. נאר ענגעלס אליין האט דאס גע־קענט דורכפיהרען, ווייל צווישען אלע לעבעדיגע מענשען איז ניט געווען אזעלכער ווי ע נ ג ע ל ס, וועלכער זאל האבען דעם זעלביגען געדאנקען־גאנג און די מיינונגען פון דעם פערפאסער ווי אין די קלענסטע פרטים, אזוי אויך איבער דעם גאנצען צוזאמענהאנג פון דער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג פון דעם קאפיטאליזם. מיט דעם, וואס ע נ ג ע ל ס האט ארויסגעלאזען די לעצטע צוויי בענדער „קא־פיטאל“ האט ער געשטעלט זיין פריינד מ א ר ק ס א מאנומענט, וועל־כער איז פעסטער ווי בראנזע, אבער ניט ווילענדיג, האט ער אויף דעם מאנומענט אויסגעקריצט מיט אויביגע אותיות אויך זיין אייגענעם נאמען. אזוי ווי ביי'ן לעבען זענען מ א ר ק ס און ע נ ג ע ל ס געווען אימער איינס, אזוי וועט מען אויך נאך זייער טויט ניט רעכענען, אז דער „קאפיטאל' געהערט נאר איינעם פון זיי, נאר אין דער געשיכטע פון נאציאנאל־עקאנאמיע וועט אלע מאל הייסען: דער „קאפיטאל“ פון מ א ר ק ס און ע נ ג ע ל ס. און ווען אפילו ע נ ג ע ל ס בעצייי־כענט אין קלאמערען (סקאבקעס) מיט די אותיות פ. ע. יענע ערטער, וואו ער האט אליין בעארבייט דעם פאקטישען מאטעריאל, אויף ווי פיעל עס איז מעגליך, נאך מ א ר ק ס'ס גייסט נאך, וועט דאך קיינער ניט קענען אונטערשיידען דעם גייסט פון ע נ ג ע ל ס'ס ארבייטען און דעם גייסט פון מ א ר ק ס'ס ארבייטען.

דער טויט האט אבגעריסען ע נ ג ע ל ס'ן אין רעכטען מיטען פון א סך ליטעראַרישע ארבייטען און פלענער. די קראנקהייט, וועגען וועלכער ער האט נאך געשריבען אם 9־טען מ א י : „איך טראכט ביז דער קומענדער וואך אין גאנצען געזונד צו ווערען“, האט איהם געשטערט צו ענדיגען די הקדמה צו מ א ר ק ס'ס ליטעראַרישע ערשט־לינגס־שריפטען פון דער „רהיינישער צייטונג“ (1842); באלד נאך דעם האט ער געוואלט זיך נעהמען ארויסגעבען די בריף, וועלכע מ א ר ק ס און ל א ס ס א ל האבען איינע די אנדערע געשריבען.

אויך האָט ער געהאַט בדעה אין די נאָהענסטע צייטען אַרויסגעבען אין איין אויסגאַבע אַלע קלענערע שריפטען, וואָס ער און מאַרקס האָבען פערפאַסט, — וועגען זיינע אַנדערע פלענער וועלען מיר גאָר ניט דערמאָנען. די לעצטע אַרבייט זיינע, וועלכע ער האָט געענדיגט, איז געווען די הקדמה צו מאַרקס'ס שריפט: „די קלאַסען־קעמפפע אין פראַנקרייך פון 1848 ביז 1850 יאָהר", אַ שריפט, וועלכע מאַרקס האָט פערפאַסט אין דער צייט פון דעם פאָליטישען שטורם, וואָס האָט געהערשט אין איראָפּאַ, און וועלכער מאַרקס ערקלעהרט, אַז די פאָליטישע פאַסירונגען, די רעוואָלוציע — אין וועלכער ער און ענגעלס האָבען אַליין אַנ'אַנטייל גענומען — איהר נצחון און איהר נידערלאַגע שטאַמען פון די עקאָנאָמישע פערהעלטניסע פון יענער צייט. דערביי האָט מאַרקס אַרויסגעזאָגט אַזאַ מיינונג איבער די צוקונפט, וועלכע האָט זיך ביי היינטיגען טאָג בעוויזען פאָלשטענדיג ריכטיג. אין דער הקדמה צו דיעזער שריפט האָט ענגעלס קורץ און קינסטליך געשילדערט די ווייטערע געשיכטע פון איראָפּאַ ביז גאָר דער לעצטער צייט און האָט מיט זיין געוועהנליכער שאַרפקייט קלאָר און דייטליך אויפגעוויזען דעם אונטערשיעד צווישען דער „רעוואָלוציע" פון 1848 און דער קומענדער רעוואָלוציע, אין וועלכער דער איצטיגער אַרבייטער־קלאַס וועט מנצח זיין דעם קאַפּיטאַליזם. מיט זיין אונערבאַרמליכער קריטיק צושטערט ער אָהן רחמנות די פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען פון דעם מורא'דיגען כח פון די באַריקאַדען ווי אויך די האָפנונגען פון די איראָפּעאישע רעאַקציאָנערען, אַז די אַרבייטער וועלען זיך לאָזען פערפיהרען און וועלען אַרויס אויף אַ שטראַסען־קאַמפף און דורך דעם אַוועקרוקען זיך אויף צעהנדליגע יאָהרען צוריק. ער בעוויזט דאָרטען, ווי דער אַלטער קאַמפפס־אופן — דער באַריקאַדען־קאַמפף — איז איצט שוין אונמעגליך איבער דער „רעוואָלוציע" אין דער מלחמה־טעכניק*), ער בעוויזט אָבער אויך, אַז אין די הענד פון דעם פּראָלעטאַריאַט געפינט זיך איצט נייע כלי־זין, געגען וועלכע די הערשענדע קלאַסען קענען ניט קעמפפען, דאָס איז די אויסנוצונג פון די פאָליטישע רעכטע, ווי דאָס וואַהל־רעכט א. ד. ג. „די איראָניע פון דער וועלט געשיכטע" — שרייבט ענגעלס — „שטעלט

*) פאַר דער לעצטער צייט האָבען זיך די כלי־זין פיעל ענטוויקעלט.

אַלץ מיט'ן קאָפּ אַראָב. מיר, די „רעוואָלוציאָנערען", די „וועלט־איבערקעהרער", מיר בליהען און וואַקסען אַ סך בעסער ביי געזעצ־ליכע מיטלען איידער ביי אונגעזעצליכע און געוואַלד־טהאַטען. פאַר־קעהרט, די „אָרדנונגס־פּאַרטייען", ווי זיי רופען זיך, געהען אונטער גראַד ביי די געזעצליכע צושטענדען, וועלכע זיי אַליין האָבען בעשאַפען. זיי מוזען נעבעך אויסשרייען ווי אָדיללאָן באַררא: „די געזעצ־ליכקייט איז אונזער טויט!" דאַן ווען מיר בעקומען גראַד אין דער וועלבינער צייט פון געזעצליכקייט געזונדע מוסקולען, רויטע באַקען, און זעהען אויס ווי דאָס אויבינע לעבען אַליין. און אויב מיר זענען נאָר ניט משוגע און וואַרפען זיך ניט אַריין אין אַ שטראַסען־קאַמפּף, כדי זיי צו טהון אַ צוליעב, דאַן בלייבט זיי נעבעך קיין אַנדער ברירה ניט, ווי אַליין דורכצוברעכען די דאָזיגע געזעצליכקייט, וועלכע איז זיי אַזוי ניט פּאַסיג". צום סוף בעשרייבט ענגעלס אין אַ זעהר ווי־ציגער פאָרם ווי אַ מאָל, מיט 1,600 יאָהר צוריק, אין דער מדינה פון רוים, איז אַרויסגעוואַקסען אַ געפעהרליכע רעוואָלוציאָנערע פּאַר־טיי, די קריסטען, וועלכע עס האָבען זיך אַריינגערוקט אין איהר אַרמעע ניט קוקענדיג אויף די מורא'דיגע פערפאָלגונגען און אויס־נאַהם־געזעצען פון די רוימער, און אויף אַזאַ אופן איז דער גרעסטער טייל פון דעם רוימישען היל געוואָרען לויטער פון אַזעלכע „וועלט־איבערקעהרער" ביז די רוימישע מלוכה איז לסוף אַליין „איבערגע־קעהרט" געוואָרען. די דאָזיגע הקדמה האָט ענגעלס געשריבען דעם 6־טען מערץ און נאָך אין דעם זעלבינען חודש האָט זיך אָנגעהויבען זיין קראַנקהייט, וועלכע עס האָט אין אַזאַ קורצע צייט געמאַכט אַ סוף פון זיין לעבען.

נאָך אין 1887 יאָהר האָט קאַוטסקי מיט רעכט געשרי־בען, אַז ענגעלס האָט שוין דעמאָלט מיט זיין שכל געזעהען דעם טריאומף פון זיינע אידעען, היינט אויף ווי פיעל האָט זיך זיין זיעגס־געפיהל פון דעמאָלט אָן געמוזט פערשטאַרקען! אין דעם יאָהר פון ענגעלס'ס 70־יעהריגען יובילעאום זענען אויסגעפאַלען די רייכסטאַגס־וואַהלען אין דייטשלאַנד, פאַר וועלכע די קייזערליכע פעברואַר־צירקולאַרען זענען געוועזען גוטע עדות אויף דעם דאָקומענט פון דעם נצחון פון דעם סאָציאַליסטישען געדאַנק; דעם 1־טען מאַי 1890 האָט די בורזשואַזיע פון גאַנץ איראָפּע גע־

צִיטֶערט פאַר דֶער רֶעזאָלוּציָע פוּן דֶעם גרוֹיסֶען פאַרִיזֶער אִינטֶערנאַציאָנאַלֶען קאָנגרֶעס פוּן 1889 יאָהר*); אִין ס ע פּ ט ע מ ב ע ר אִיז דֶער גֶעזֶעץ גֶעגֶען דִי סאָציאַלִיסטֶען אִין ד ײַ ט ש ל אַ נ ד בּטל גֶעוואָרֶען, וועלכֶער האָט עֶקסִיסטִירט גאַנצֶע צוועלף יאָהר; אִין אָ ק ט אָ ב ע ר אִיז גֶעוועֶן דֶער ה אַ ל ל ע ר פאַרטײַ־טאָג פוּן דֶער דײַטשֶער סאָציאַל־דֶעמאָקראַטיָע; דֶעם 12־טֶען א וֹ י ג וּ ס ט 1893 האָט זִיך ע נ ג ע ל ס גֶעפרײַט אוֹיף דֶעם נײַעֶן שטאַרקֶערֶען אוּן לאַנג לֶעבֶּעדִיגֶען אִ י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל — דֶער צִירִיכֶער אִינטֶער־נאַציאָנאַלֶער סאָציאַלִיסטִישֶער קאָנגרֶעס**). זײַן נסיעה קײַן ח ִי ע ן אוּן בּ ע ר ל ִי ן, וועלכֶע עֶר האָט שוֹין אַ צײַט פוּן 52 יאָהרֶען נִיט גֶעזֶעהֶען, האָבֶּען אִיהם בֶּעוויזֶען, אַז מ אַ ר ק ס אוּן עֶר האָבֶּען נִיט אוּמזִיסט גֶעקֶעמפפט אוּן זײַ קֶענֶען קוּקֶען אוֹיף אַלֶע זײַערֶע עֶבֶר׳דִיגע אַרבּײַטֶען מִיט שטאָלץ אוּן מִיט פֶערגנִיגֶען. מִיט פוּלֶען גלִיק אוּן מִיט שטאָלץ האָט ע נ ג ע ל ס גֶעקֶענט אוֹיסרוּפֶען: „עֶס אִיז נִיטאָ קײַן לאַנד, עֶס אִיז נִיטאָ קײַן גרוֹיסֶע מדינה וואוּ דִי סאָציאַל־דֶעמאָקראַטיָע זאָל נִיט זײַן קײַן מאַכט, מִיט וועלכֶער אַלֶע מוּזֶען זִיך רֶעכֶענֶען. אַלץ, וואָס עֶס פאַסִירט אִין דֶער גרוֹיסֶער וועלט, פאַסִירט נִיט אָהן דֶעם, אַז מֶען זאָל זִיך מִיט אוּנז נִיט רֶעכֶענֶען, מִיר זֶענֶען אַ גרוֹיסֶע מאַכט, פאַר וועלכֶער מֶען האָט פּחד, אַ מאַכט, פוּן וועלכֶער עֶס הֶענגט אָב מֶעהר, אײדֶער פוּן אַנדֶערֶע גרוֹיסֶע מֶעכטֶע. דֶערנאָך אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יאָהר 1894 מִיט דֶעם גרוֹיסאַרטִיגֶען נצחון פוּן דִי סאָציאַל־דֶעמאָקראַטִישֶע אַרבּײַטֶער־פאַרטײַעֶן אִין פ ר אַ נ ק ר ײַ ך אוּן אִין בּ ע ל ג י ע ן בּײַ דִי וואַהלֶען אִין זײַערֶע פאַרלאַמֶענטֶען, אוּן בּאַלד נאָכדֶעם דֶער 1895 יאָהר מִיט דֶעם זִיעג בּײַ דִי וואַהלֶען אִין אִ י ט אַ ל י ע ן — נִיט קוּקֶענדִיג אוֹיף דֶעם בּעֶלאַגעֶרוּנגס־צוּשטאַנד אוּן אוֹיף דֶער שרֶעקֶענס־הֶערשאַפט פוּן ק ר ִי ס פ ִי***). אַלץ האָט דײַטלִיך בּעֶוויזֶען, אַז דִי סאָציאַלִיסטִישֶע אִידֶעֶען גֶעהֶען פאָרווֶערטס, אַז דִי טאַקטִיק, אִין וועלכֶע מ אַ ר ק ס אוּן ע נ ג ע ל ס האָבֶּען עֶרצוֹיגֶען דֶעם אִינטֶער־נאַציאָנאַלֶען פּראָלֶעטאַריאַט, וועט זִיכֶער פִיהרֶען צוּם זִיעג. דִי לֶעצטֶע נצחון־פרײַד פוּן דֶעם טוֹיט־קראַנקֶען

*) אוֹיף דִיזֶען קאָנגרֶעס אִיז צוּם עֶרשטֶען מאָל בּעשלאָסֶען גֶעוואָרֶען צוּ פֵייֶערֶען דֶעם ע ר ש ט ע ן מ אַ י.

**) אוֹיף דיזען קאָנגרעס האָט ע נ ג ע ל ס אַליין אַ׳ן אַנטייל גֶענוּמֶען.

***) ק ר י ס פ י, דעֶר דעֶמאָלט־יגער מיניסטער־פּרעזידעֶנט אין א י ט אַ ל י ע ן.

אָרגאַניזאַטאָר פון דעם אינטער־נאַציאָנאַלען פראָלעטאַריאַט איז געװעזען די מפלה פון דעם אומשטורץ פראָיעקט*) אין דעם דײַטשען פּאַרלאַמענט. דעם 5־טען אויגוסט בעת זײַנע אויגען האָבען זיך אויף אויביג צוגעמאַכט און דאָס ליכט פון זײַן בעװאוסטזײַן איז פערלאָשען געװאָרען, האָט ער מיט זיך אין קבר גענומען די איבערצײַגונג, אַז די דײַטשע, װי די אינטער־נאַציאָנאַלע אַרבײַטערשאַפט, װעט ערפילען זײַן האָפנונג, װעלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם 22־טען סעפּטעמבער 1893 אין בערלין:

„פּאַרטײַ גענאָסען! איך בין בטוח, אַז איהר װעט אויך װײַטער טהון, װאָס פון אײַך פאָדערט זיך!“

מקיים זײַן זײַנע װערטער — דאָס װעט זײַן דער בעסטער מאָנומענט, װאָס דער אינטערנאַציאָנאַלער פראָלעטאַריאַט װעט אַװעקשטעלען זײַן טײַערען פיהרער.

דעמאָלט װעט מקוים װערען די נבואה, װאָס ענגעלס האָט אַרויסגעזאָגט אין זײַן לעצטען אַרטיקעל אין דעם סאָציאַליסטישען װאָכענבלאַט „דאָס אויפװאַכען“, װעלכע עס געהט אַרויס אין פּאַלערמאָ:

„אומעטום שליסען די אונטערדריקטע זײַערע רײַהען, און גיבען אײַנע די אַנדערע די הענד איבער די גרענעצען פון פערשידענע לענדער. די אינטער־נאַציאָנאַלע אַרבײַטער־אַרמעע אָרגאַניזירט זיך און בילדעט זיך און דער אָנהויב פון דעם נײַען יאָהר־הונדערט װעט איהם פיהרען צום זיעג“.

*) דאָס איז אַ פראָיעקט, װאָס איז אַרײַנגעטראָגען געװאָרען אין דײַטשען פּאַרלאַמענט געגען די סאָציאַלדעמאָקראַטען, װעלכער איז בעקאַנט אונטער דיזען נאָמען.

אֶמת׳ע בעלי־בתּים איבּער דער לאַגע, און זאָגאַר אין דער ניט הייטער צוקונפט. דאַן וועט, לכל הפּחות איינעם פון די בּיידע גרינדער פון דעם היינטיגען סאָציאַליזם, בּעשערט זיין מיט זיינע לייבּליכע אויגען צו זעהען דעם טריאומף פון זיין אַרבּייט, וועלכען ער זעהט איצט נאָר מיט די גייסטיגע אויגען.

* *
*

דאָס אַלץ האָט געשריבּען קאַוטסקי; דער טויט האָט אָבּער פּלוצלונג צושטערט די האָפנונג, וועלכע קאַוטסקי האָט אַרויסגעשפּראָכען אין דעם לעצטען זאַץ פון זיין אַרטיקעל.

אין די אַכט יאָהרען, וועלכע זיינען פאָרבּייגעגאַנגען, זייט דיזער אַרטיקעל איז פעהפאַסט געוואָרען, האָט ע נ ג ע ל ס געלעזט די גרעסטע אויפגאַבּע, וועלכע ער האָט זיך געשטעלט: די אויסגאַבּע פון דעם לעצטען בּאַנד „קאַפּיטאַל“. און וואָס פאַר אַ שווערע מניעות ער האָט געהאַט דערבּיי איבּערצוקומען, וועגען דעם שרייבּט ער אַליין אין דער הקדמה צום דריטען בּאַנד: „בּעת איך האָבּ אַרויסגעגעבּען דעם צווייטען בּאַנד אין 1885, האָבּ איך געמיינט, אַז מיט דעם דריטען בּאַנד וועל איך האָבּען נאָר טעכנישע שוועריגקייטען, אַ חוץ אייניגע זעהר וויכטיגע קאַפּיטלען. אַזוי איז דאָס טאַקי געוועזען; בּאֶמת אָבּער, פון די מניעות, וועלכע גראַדע דיזע וויכטיגע קאַפּיטלען וועלען מיר פערשאַפען, האָבּ איך דאַן קיין פאָרשטעלונג ניט געהאַט, פּונקט ווי פון נאָך אַנדערע מניעות, וועלכע האָבּען אַזוי שטאַרק אָבּגעהאַלטען דאָס אַרויסגעבּען פון בּוך.

קודם כל האָט מיר דאָס רוב געשטערט מיין לאַנגע אויגען־קראַנקהייט, וועלכע האָט יאָהרען לאַנג מיין צייט צום שרייבּען פערקירצט בּיז אַ מינימום. און נאָך איצט אויך קען איך נאָר זעהר זעלטען נעהמען די פעדער אין האַנד בּיי קינסטליכע בּעלייכטונג. דערצו נאָך זענען געווען אַ זעלכע אַרבּייטען, וועלכע מען האָט ניט געקענט אָבּלייגען אָן אַ זייט: נייע אויסגאַבּען און איבּערזעצונגען פון פריהערדיגע אַרבּייטען מיינע און מאַרקס׳ס, מען האָט געדאַרפט איבּערקוקען זיי, מאַכען הקדמות, מאַכען הוספות אין אייניגע ערטער צוליעבּ וועלכע איך האָבּ געמוזט פיעל שטודירען א. ז. וו. פריהער פון אַלץ האָט בּיי מיר אָבּגענומען זעהר פיעל צייט די ענגלישע איבּערזעצונג פון

דעם ערשטען באנד „קאפּיטאל“, פאר וועלכע איך בין פערזענ־
וואָרטליך. ווער עס קוקט זיך צו דעם קאָלאָסאַלען וואוקס פון דער אינ־
טער־נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור אין די לעצטע צעהן
יאָהרען און דערהויפּט צו דער צאָהל איבערזעצונגען פון פריהער־
דיגע אַרבייטען פיי מיינע פיי מאַרקס׳ס, דער וועט מיר גערעכט געבען,
וואָס איך שעץ מיך גליקליך, וואָס די צאָהל שפראַכען, ביי וועלכע
איך וואָלט געקענט קומען צו הילף דעם איבערזעצער איז ניט זעהר
גרויס, ווייל אַז ניט וואָלט איך מחויב געווען דורכצוקוקען נאָך מעהר
איבערזעצונגען. אָבער דער וואוקס פון דער ליטעראַטור ווייזט אויף דעם
וואוקס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־בעוועגונג גופא. און
דיזער וואוקס האָט געלייגט אויף מיר נייע פפליכטען. פון די ערשטע
טעג אָן פון אונזער עפענטליכער טהעטיגקייט איז אויף אונז ביידען
געלעגען די גרעסטע טהייל אַרבייט פון דער פערמיטלונג צווישען
די נאַציאָנאַלע בעוועגונגען פון סאָציאַליסטען און אַרבייטער פון פער־
שידענע לענדער; וואָס מעהר עס האָט זיך געשטאַרקט די אַלגע־
מיינע בעוועגונג, אַלץ מעהר איז געוואַקסען אונזער אַרבייט. בעת ביז
זיין טויט איז אויך אין דעם פרט די הויפּט משא געלעגען אויף מאַרקס׳ן,
איז נאָך זיין טויט די שטענדיגע וואַקסענדע אַרבייט אַרויפגעפאַלען
אויף מיר אַליין. פאר דיזער צייט איז דער דירעקטער פערקעהר
צווישען די איינצעלנע נאַציאָנאַלע אַרבייטער פאַרטייען געוואָרען רע־
געלמעסיג און צום גליק וואַקסט דער פערקעהר פון טאָג צו טאָג אַלץ
מעהר; ניט קוקענדיג אויף דעם, פאָדערט מען אַלץ אָפטער מיין הילף
אַזוי, אַז דאָס שאַדט מיר צו מיינע טעאָרעטישע אַרבייטען. ווער אָבער
ס׳האָט געאַרבייט אין דער בעוועגונג איבער פופציג יאָהר, ווי איך,
פאר יענעם זענען די אַלע אַרבייטען אַ הייליגער חוב, וואָס ער קען דאָס
ניט אָבלייגען אָן אַ זייט אויף אַ רגע ניט. ווי אין דעם זעכצעהנטען
יאָהרהונדערט, אַזוי אויך אין אונזער הייסער צייט געפינען זיך ריינע
טעאָרעטיקער, אויף דעם געביעט פון די עפענטליכע אינטערעסען
נאָר ביי די רעאַקציאָנערען און דערום טאַקע זענען די לייט ניט קיין
אמת׳ע טעאָרעטיקער, זאָנדערן פראָסטע פערטיידיגער פון דער רע־
אַקציע.

דאָס וואָס איך האָב געוואָהנט אין לאָנדאָן האָט געפיהרט
דערצו, אַז ווינטער צייט איז דער פאַרטיי־פערקעהר געווען דאָס

רוב דורך בריעף און אין זומער — אַ פערזענליכער. דיזער אומשטאַנד, און אויך דאָס, וואָס איך האָב געמוזט נאָכקוקען נאָך'ן גאַנג פון דער בעוועגונג אין אַלע נייע און נייע לענדער און אויך דורכקוקען די פערשיעדענע פּאַרטיי־אָרגאַנען, וואָס זענען מיט יעדען טאָג געוואַקסען אין צאָהל, דאָס אַלץ האָט מיך געצוואונגען צו נעהמען זיך צו אַזוינע ווערק, וועלכע מען מוז אַרבייטען כסדר, נאָר ווינטער צייט, און צו פערענדיגען זיי אין די ערשטע דריי חדשים אין יאָהר".

די אַלע אויבען אויסגערעכענטע מניעות זענען אָבער געווען ניט די איינציגע און ניט די גרעסטע. אויסגעצייכענט כאַראַקטעריזירט דאָס דר. אַדלער אין דער וויענער „אַרבייטער צייטונג".

די אויסגאַבע פון דעם צווייטען און דריטען באַנד „קאַפּיטאַל" פון מאַרקס איז געווען די לעצטע גרויסע מתנה, וואָס ענגעלס האָט געשענקט דעם פּראָלעטאַריאַט. מיר זאָגען „אויסגאַבע", אָבער אין דער אמת'ן איז דאָס געווען אַ נייע אַרבייט, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס ענגעלס אַליין, מיט דער עניוות, וועלכע עס בעזיצען נאָר באמת די גרעסטע מענשען, האָט שטענדיג זיינע אַרבייטען זעהר קליין געשעצט געגען די ווערק פון זיין פריינד. פון די צוזאַמענגעקליבענע ציטאַטען, אָנמערקונגען און קאָנספּעקטען וואָס זענען געבליבען פון מאַרקס'ן נאָך זיין טויט, האָט ער צונויפגעשטעלט די צוויי לעצטע בענדער פון „קאַפּיטאַל". קיינער אַחוץ איהם, וואָלט ניט געקענט פון אַזאַ צוואָרפענעם מאַטעריאַל אַזוי ריכטיג דורכפיהרען דעם געדאַנקענגאַנג פון זיין מיטקעמפּפער ווי ער. דער גרעסטער טייל פון דעם מאַטעריאַל איז געווען סטיליסטיש אויבערפלעכליך בעאַרבייט, עס זענען נאָר געווען, אָהן אַ שום אָרדנונג, פערצייכענט די געדאַנקען, וועלכע זענען ענטשטאַנען אין מאַרקס'ס קאָפּ; איינציגע ערטער זענען געווען כמעט אין גאַנצען אויסגעאַרבייט, אַנדערע זענען נאָר בעצייכענט געווען בקיצור אַ מאָל אויף דייטש, אַ מאָל אויף פראַנצויזיש און ענגליש און אָפט אַזוי געשריבען, אַז עס איז שווער געווען צו לעזען. מיט דער זעלביגער מעטאָדע ווי מאַרקס האָט אין דעם ערשטען באַנד בעשריבען דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, האָט ענגעלס פון דעם איבערגעלאָזענעם צוואָרפענעם מאַטעריאַל זעהר קינסטליך צוזאַמענגעשטעלט און ענטוויקעלט דעם צירקולאַציאָנס־פּראָצעס פון דעם קאַפּיטאַל, די ענטשטעהונג און די ווייטערע ענטוויקלונג

פוּן דעֶם „מעֶהר־ווערט“, דִי שְׁפּאַלטוּנג פוּן דעֶם פּראָפִּיט (אַלגעֶמיִי־נעֶר ריוה) אויף פּראָצעֶנט און אויף ריוה פאַר דעֶם אונטערנעֶהמעֶר און דִי לעֶהרעֶ פוּן עֶרד־רעֶנטעֶ. אַזאַ אַרבּיִיט האָט געֶפאָדעֶרט נִיט נאָר פִיזִישעֶ אָנשטרעֶנגוּנג, זאָנדעֶרן עֶס אִיז אויך דעֶרצוּ נויטִיג געֶוועֶן אַ גרויסעֶ קאָפּ־אַרבּיִיט, וועֶלכעֶ האָט געֶדאַרפט זיַין נִיט קלעֶנעֶר ווִי דִי אַרבּיִיט פוּן דעֶם פעֶרפאַסעֶר אַליִין. נאָר עֶנגעֶלס אַליִין האָט דאָס געֶ־קעֶנט דוּרכפִיהרעֶן, וויַיל צווִישעֶן אַלעֶ לעֶבּעֶדִיגעֶ מעֶנשעֶן אִיז נִיט געֶוועֶן אַזעֶלכעֶר ווִי עֶ נ ג עֶ ל ס, וועֶלכעֶר זאָל האָבּעֶן דעֶם זעֶלבִּיגעֶן געֶדאַנקעֶן־גאַנג און דִי מיִינוּנגעֶן פוּן דעֶם פעֶרפאַסעֶר ווִי אִין דִי קלעֶנסטעֶ פּרטים, אַזוֹי אויך אִיבּעֶר דעֶם גאַנצעֶן צוזאַמעֶנהאַנג פוּן דעֶר ווִירטשאַפטלִיכעֶר עֶנטווִיקלוּנג פוּן דעֶם קאַפּיטאַלִיזם. מִיט דעֶם, וואָס עֶ נ ג עֶ ל ס האָט אַרויסגעֶלאָזעֶן דִי לעֶצטעֶ צוויִי בּעֶנדעֶר „קאַ־פּיטאַל“ האָט עֶר געֶשטעֶלט זיַין פריַינד מ אַ ר ק ס אַ מאָנוּמעֶנט, וועֶל־כעֶר אִיז פעֶסטעֶר ווִי בּראָנזעֶ, אָבּעֶר נִיט ווִילעֶנדִיג, האָט עֶר אויף דעֶם מאָנוּמעֶנט אויסגעֶקרִיצט מִיט אויבּיגעֶ אותיות אויך זיַין איִיגעֶנעֶם נאָמעֶן. אַזוֹי ווִי בּיַין לעֶבּעֶן זעֶנעֶן מ אַ ר ק ס און עֶ נ ג עֶ ל ס געֶוועֶן אִימעֶר איִינס, אַזוֹי וועֶט מעֶן אויך נאָך זיִיעֶר טויט נִיט רעֶכעֶנעֶן, אַז דעֶר „קאַפּיטאַל‘ געֶהעֶרט נאָר איִינעֶם פוּן זיִי, נאָר אִין דעֶר געֶשִׁיכטעֶ פוּן נאַציאָנאַל־עֶקאָנאָמיעֶ וועֶט אַלעֶ מאָל היִיסעֶן: דעֶר „קאַפּיטאַל“ פוּן מ אַ ר ק ס און עֶ נ ג עֶ ל ס. און וועֶן אַפִילוּ עֶ נ ג עֶ ל ס בּעֶציִי־כעֶנט אִין קלאַמעֶרעֶן (סקאָבּקעֶס) מִיט דִי אותיות פ. ע. יעֶנעֶ עֶרטעֶר, וואוּ עֶר האָט אַליִין בּעֶאַרבּיִיט דעֶם פאַקטִישעֶן מאַטעֶריאַל, אויף ווִי פִיעל עֶס אִיז מעֶגלִיך, נאָך מ אַ ר ק ס׳ ס גיַיסט נאָך, וועֶט דאָך קיִינעֶר נִיט קעֶנעֶן אונטעֶרשיִידעֶן דעֶם גיַיסט פוּן עֶ נ ג עֶ ל ס׳ ס אַרבּיִיטעֶן און דעֶם גיַיסט פוּן מ אַ ר ק ס׳ ס אַרבּיִיטעֶן.

דעֶר טויט האָט אָבּגעֶרִיסעֶן עֶ נ ג עֶ ל ס׳ ן אִין רעֶכטעֶן מִיטעֶן פוּן אַ סך לִיטעֶראַרִישעֶ אַרבּיִיטעֶן און פּלעֶנעֶר. דִי קראַנקהיִיט, ווע־געֶן וועֶלכעֶר עֶר האָט נאָך געֶשרִיבּעֶן אַם 9־טעֶן מ אַ י: „אִיך טראַכט בִּיז דעֶר קומעֶנדעֶר וואָך אִין גאַנצעֶן געֶזוּנד צוּ ווערעֶן“, האָט אִיהם געֶשטעֶרט צוּ עֶנדִיגעֶן דִי הקדמה צוּ מ אַ ר ק ס׳ ס לִיטעֶראַרִישעֶ עֶרשט־לִינגס־שרִיפטעֶן פוּן דעֶר „רהיִינִישעֶר ציַיטוּנג“ (1842); בּאַלד נאָך דעֶם האָט עֶר געֶוואָלט זִיך נעֶהמעֶן אַרויסגעֶבּעֶן דִי בּרִיף, וועֶלכעֶ מ אַ ר ק ס און ל אַ ס ס אַ ל האָבּעֶן איִינעֶ דִי אַנדעֶרעֶ געֶשרִיבּעֶן.

אויך האָט עֶר גֶעהאַט בדעה אִין דִי נאָהעֶנסטעֶ צײַטעֶן אַרויסגעֶבּעֶן אִין אײנעֶם אויסגאַבּעֶ אַלעֶ קלעֶנעֶרעֶ שרִיפטעֶן, וואָס עֶר אוּן מאַרקס האָבּעֶן פעֶרפאַסט, — וועֶגעֶן זײַנעֶ אַנדעֶרעֶ פּלעֶנעֶר וועֶלעֶן מִיר גאָר נִיט דעֶרמאָנעֶן. דִי לעֶצטעֶ אַרבּײט זײַנעֶ, וועֶלכעֶ עֶר האָט געֶעֶנדִיגט, אִיז געֶוועֶן דִי הקדמה צוּ מאַרקס׳ס שרִיפט: „דִי קלאַסעֶן־קעֶמפּפעֶ אִין פראַנקרײַך פוּן 1848 בִּיז 1850 יאָהר“, אַ שרִיפט, וועֶלכעֶ מאַרקס האָט פעֶרפאַסט אִין דעֶר צײַט פוּן דעֶם פּאָלִיטִישעֶן שטוּרם, וואָס האָט געֶרוישט אִין אײראָפּאַ, אִין וועֶלכעֶר מאַרקס עֶרקלעֶהרט, אַז דִי פּאָלִיטִישעֶ פּאַסִירוּנגעֶן, דִי רעֶוואָלוּציעֶ — אִין וועֶלכעֶר עֶר אוּן עֶנגעֶלס האָבּעֶן אַלײן אַנ׳אַנטײל געֶנוּמעֶן — אִיהר נצחון אוּן אִיהר נִידעֶרלאַגעֶ שטאַמעֶן פוּן דִי עֶקאָנאָמִישעֶ פעֶרהעֶלטנִיסעֶ פוּן יעֶנעֶר צײַט. דעֶרבּײַ האָט מאַרקס אַרויסגעֶזאָגט אַזאַ מײנוּנג אִיבּעֶר דִי צוּקוּנפט, וועֶלכעֶ האָט זִיך בּײַ הײַנטִיגעֶן טאָג בּעֶווִיזעֶן פאָלשטעֶנדִיג רִיכטִיג. אִין דעֶר הקדמה צוּ דִיזעֶר שרִיפט האָט עֶנגעֶלס קוּרץ אוּן קִינסטלִיך געֶשִילדעֶרט דִי ווײַטעֶרעֶ געֶשִיכטעֶ פוּן אײראָפּאַ בִּיז גאָר דעֶר לעֶצטעֶר צײַט אוּן האָט מִיט זײַן געֶוועֶהנלִיכעֶר שאַרפקײט קלאָר אוּן דײַטלִיך אויפגעֶווִיזעֶן דעֶם אוּנטעֶרשִיעד צווִישעֶן דעֶר „רעֶוואָלוּציעֶ“ פוּן 1848 אוּן דעֶר קוּמעֶנדעֶר רעֶוואָלוּציעֶ, אִין וועֶלכעֶר דעֶר אִיצטִיגעֶר אַרבּײטעֶר־קלאַס וועֶט מנצח זײַן דעֶם קאַפִּיטאַלִיזם. מִיט זײַן אוּנעֶרבּאַרמלִיכעֶר קרִיטִיק צוּשטעֶרט עֶר אָהן רחמנות דִי פאַנטאַסטִישעֶ פאָרשטעֶלוּנגעֶן פוּן דעֶם מוֹרא׳דִיגעֶן כּח פוּן דִי בּאַרִיקאַדעֶן ווִי אויך דִי האָפנוּנגעֶן פוּן דִי אײראָפּעֶאִישעֶ רעֶאַקציאָנעֶרעֶן, אַז דִי אַרבּײטעֶר וועֶלעֶן זִיך לאָזעֶן פעֶרפִיהרעֶן אוּן וועֶלעֶן אַרויס אויף אַ שטראַסעֶן־קאַמפּף אוּן דוּרך דעֶם אַוועֶקרוּקעֶן זִיך אויף צעֶהנדלִיגעֶ יאָהרעֶן צוּרִיק. עֶר בּעֶווײַזט דאָרטעֶן, ווִי דעֶר אַלטעֶר קאַמפּפס־אוֹפן — דעֶר בּאַרִיקאַדעֶן־קאַמפּף — אִיז אִיצט שוֹין אוּנמעֶגלִיך אִיבּעֶר דעֶר „רעֶוואָלוּציעֶ“ אִין דעֶר מלחמה־טעֶכנִיק*), עֶר בּעֶווײַזט אָבּעֶר אויך, אַז אִין דִי העֶנד פוּן דעֶם פּראָלעֶטאַריאַט געֶפִינט זִיך אִיצט נײַעֶ כּלי־זין, געֶגעֶן וועֶלכעֶ דִי העֶרשעֶנדעֶ קלאַסעֶן קעֶנעֶן נִיט קעֶמפּפעֶן, דאָס אִיז דִי אויסנוּצוּנג פוּן דִי פּאָלִיטִישעֶ רעֶכטעֶ, ווִי דאָס וואַהל־רעֶכט א. ד. ג. „דִי אִיראָנִיעֶ פוּן דעֶר וועֶלט געֶשִיכטעֶ“ — שרײַבּט עֶנגעֶלס — „שטעֶלט

---

*) פאַר דער לעצטער צייט האָבּען זיך די כלי-זין פיעל ענטוויקעלט.

אַלץ מִיט'ן קאָפּ אַראָב. מִיר, דִי „רעוואָלוציאָנערען", דִי „וועלט־איבּערקעהרער", מִיר בּלִיהען און וואַקסען אַ סך בּעסער בּיַי געזעצלִיכע מִיטלען אֵיידער בּיַי אונגעזעצלִיכע און געוואַלד־טהאַטען. פאַרקעהרט, דִי „אָרדנונגס־פּאַרטֵייען", ווִי זֵיי רופען זִיך, געהען אונטער גראַד בּיַי דִי געזעצלִיכע צושטענדען, וועלכע זֵיי אַלֵיין האָבּען בּעשאַפען. זֵיי מוזען נעבּעך אויסשרַייען ווִי אָדִילאָן בּאַררָא: „דִי געזעצלִיכקֵייט אִיז אונזער טויט!" דאַן ווען מִיר בּעקומען גראַד אִין דער זעלבִּיגער צַייט פון געזעצלִיכקֵייט געזונדע מוסקולען, רויטע בּאַקען, און זעהען אויס ווִי דאָס אויבִּיגע לעבּען אַלֵיין. און אויבּ מִיר זענען נאָר נִיט משוגע און וואַרפען זִיך נִיט אַרַיין אִין אַ שטראַסען־קאַמפּף, כּדי זֵיי צו טהון אַ צולִיעבּ, דאַן בּלַייבּט זֵיי נעבּעך קֵיין אַנדער בּרירה נִיט, ווִי אַלֵיין דורכצובּרעכען דִי דאָזִיגע געזעצלִיכקֵייט, וועלכע אִיז זֵיי אַזוֹי נִיט פּאַסִיג". צום סוֹף בּעשרַייבּט ענגעלס אִין אַ זעהר ווִיצִיגער פאָרם ווִי אַ מאָל, מִיט 1,600 יאָהר צורִיק, אִין דער מדינה פון רוים, אִיז אַרויסגעוואַקסען אַ געפעהרלִיכע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטֵיי, דִי קרִיסטען, וועלכע עס האָבּען זִיך אַרַיינגערוקט אִין אִיהר אַרמעע נִיט קוקענדִיג אויף דִי מוֹרא'דִיגע פערפאָלגונגען און אויסנאַהם־געזעצען פון דִי רוימער, און אויף אַזאַ אופן אִיז דער גרעסטער טֵייל פון דעם רוימִישען היל געוואָרען לויטער פון אַזעלכע „וועלט־איבּערקעהרער" בִּיז דִי רוימִישע מלוכה אִיז לסוֹף אַלֵיין „אִיבּערגעקעהרט" געוואָרען. דִי דאָזִיגע הקדמה האָט ענגעלס געשרִיבּען דעם 6־טען מערץ און נאָך אִין דעם זעלבִּיגען הודש האָט זִיך אָנגעהויבּען זַיין קראַנקהַייט, וועלכע עס האָט אִין אַזאַ קורצע צַייט געמאַכט אַ סוֹף פון זַיין לעבּען.

נאָך אִין 1887 יאָהר האָט קאַוטסקִי מִיט רעכט געשרִיבּען, אַז ענגעלס האָט שוֹין דעמאָלט מִיט זַיין שׂכל געזעהען דעם טרִיאומף פון זַיינע אִידעען, הַיינט אויף ווִי פִיעל האָט זִיך זַיין זִיעגס־געפִיהל פון דעמאָלט אָן געמוזט פערשטאַרקען! אִין דעם יאָהר פון ענגעלס'ס 70־יעהרִיגען יובִּילעאום זענען אויסגעפאַלען דִי רַייכסטאַגס־וואַהלען אִין דַייטשלאַנד, פאַר וועלכע דִי קֵייזערלִיכע פעבּרואַר־צִירקולאַרען זענען געווען גוטע עדות אויף דעם דאָקומענט פון דעם נצחון פון דעם סאָציאַלִיסטִישען געדאַנק; דעם 1־טען מאַי 1890 האָט דִי בּורזשואַזיע פון גאַנץ אֵייראָפּע גע-

ציִטערט פאַר דער רעוואָלוציע פון דעם גרויסען פאַריזער אינטער־נאַציאָנאַלען קאָנגרעס פון 1889 יאָהר*); אין סעפּטעמבער איז דער געזעץ געגען די סאָציאַליסטען אין דייטשלאַנד בטל געוואָרען, וועלכער האָט עקסיסטירט גאַנצע צוועלף יאָהר; אין אָקטאָבער איז געוועזען דער האַללער פּאַרטיי־טאָג פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; דעם 12־טען אויגוסט 1893 האָט זיך ענגעלס געפרייט אויף דעם נייען שטאַרקערען און לאַנג לעבעדיגען אינטער־נאַציאָנאַל — דער ציריכער אינטער־נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס**). זיין נסיעה קיין וויען און בערלין, וועלכע ער האָט שוין אַ צייט פון 52 יאָהרען ניט געזעהען, האָבען איהם בעוויזען, אַז מאַרקס און ער האָבען ניט אומזיסט געקעמפט און זיי קענען קוקען אויף אַלע זייערע עבר׳דיגע אַרבייטען מיט שטאָלץ און מיט פערגניגען. מיט פולען גליק און מיט שטאָלץ האָט ענגעלס געקענט אויסרופען: „עס איז ניטאָ קיין לאַנד, עס איז ניטאָ קיין גרויסע מדינה וואו די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זאָל ניט זיין קיין מאַכט, מיט וועלכער אַלע מוזען זיך רעכענען. אַלץ, וואָס עס פאַסירט אין דער גרויסער וועלט, פאַסירט ניט אָהן דעם, אַז מען זאָל זיך מיט אונז ניט רעכענען, מיר זענען אַ גרויסע מאַכט, פאַר וועלכער מען האָט פחד, אַ מאַכט, פון וועלכער עס הענגט אָב מעהר, איידער פון אַנדערע גרויסע מעכטע. דערנאָך איז געקומען דער יאָהר 1894 מיט דעם גרויס־אַרטיגען נצחון פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער־פּאַרטייען אין פראַנקרייך און אין בעלגיען ביי די וואַהלען אין זייערע פּאַרלאַמענטען, און באַלד נאָכדעם דער 1895 יאָהר מיט דעם זיעג ביי די וואַהלען אין איטאַליען — ניט קוקענדיג אויף דעם בעלאַגע־רונגס־צושטאַנד און אויף דער שרעקענס־הערשאַפט פון קריספּי***). אַלץ האָט דייטליך בעוויזען, אַז די סאָציאַליסטישע אידעען געהען פאָרווערטס, אַז די טאַקטיק, אין וועלכע מאַרקס און ענגעלס האָבען ערצויגען דעם אינטער־נאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט, וועט זיכער פיהרען צום זיעג. די לעצטע נצחון־פרייד פון דעם טויט־קראַנקען

*) אויף דיזען קאָנגרעס איז צום ערשטען מאָל בעשלאָסען געוואָרען צו פייערען דעם ערשטען מאַי.

**) אויף דיזען קאָנגרעס האָט ענגעלס אַליין אַ׳ן אַנטייל גענומען.

***) קריספּי, דער דעמאָלט־יגער מיניסטער־פּרעזידענט אין איטאַליען.

אָרגאַניזאַטאָר פֿון דעם אינטער־נאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט איז געװען די מפּלה פֿון דעם אומשטורץ פּראָיעקט*) אין דעם דײַטשען פּאַרלאַמענט. דעם 5־טען אױגוסט בעת זײַנע אױגען האָבען זיך אױף אױביג צוגעמאַכט און דאָס ליכט פֿון זײַן בעװאוסטזײַן איז פערלאָשען געװאָרען, האָט ער מיט זיך אין קבר גענומען די איבערצײַגונג, אַז די דײַטשע, װי די אינטער־נאַציאָנאַלע אַרבײַטערשאַפֿט, װעט ערפֿילען זײַן האָפֿנונג, װעלכע ער האָט אַרױסגעזאָגט דעם 22־טען סעפּטעמבער 1893 אין בערלין:

„פּאַרטײַ גענאָסען! איך בין בטוח, אַז איהר װעט אױך װײַטער טהון, װאָס פֿון אײַך פֿאָדערט זיך!"

מקיים זײַן זײַנע װערטער — דאָס װעט זײַן דער בעסטער מאָנומענט, װאָס דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט װעט אױפֿשטעלען זײַן טײַערען פֿיהרער.

דעמאָלט װעט מקוים װערען די נבואה, װאָס ענגעלס האָט אַרױסגעזאָגט אין זײַן לעצטען אַרטיקעל אין דעם סאָציאַליסטישען װאָכענבלאַט „דאָס אױפֿװאַכען", װעלכע עס גערהט אַרױס אין פּאַלערמאָ:

„אומעטום שליסען די אונטערדריקטע זײַערע רײַהען, און גיבען אײנע די אַנדערע די הענד איבער די גרענעצען פֿון פערשידענע לענדער. די אינטער־נאַציאָנאַלע אַרבײַטער־אַרמעע אָרגאַניזירט זיך און בילדעט זיך און דער אָנהױב פֿון דעם נײַען יאָהר־הונדערט װעט איהם פֿיהרען צום זיעג".

*) דאָס איז אַ פּראָיעקט, װאָס איז אַרײַנגעטראָגען געװאָרען אין דײַטשען פּאַרלאַמענט געגען די סאָציאַלדעמאָקראַטען, װעלכער איז בעקאַנט אונטער דיזען נאָמען.

LIBRARY
AUG 1 9 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

VELUT ARBOR ÆVO

*Presented to the*

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

*by*

**THE MULTICULTURAL HISTORY SOCIETY OF ONTARIO**

3 1761 05058618 9

HB
179
B6662519
1904
c.1
ROBA